Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 27 (556) Friday Mar 22, '24 • ב"ה • פרייטאג ויקרא, י"ב אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעך
InjuryMaxx
YOUR INJURY LAWYER LIAISON

והימים האלה נזכרים ונעשים עיר ועיר:

# קרית יואל גרייט זיך אריינצוטרעטן אין ימי שמחה ואורה יו"ט פורים הבעל"ט

## וואס וועט ווערן אפגעראכטן בהתרוממות והתעלות בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

עַל מִקְרָא מְגִלָּה:
**קריאת מגילה בליל וביום הפורים ברוב עם הדרת המלך דורך הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים:
**נייע טרעפיק אויסשטעל אויף קוויקוועי צו ערמעגליכן המוני תושבי העיר צו קענען פערזענליך איבערגעבן משלוח מנות פאר'ן רב שליט"א**

שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים מִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב:
**לעכטיגע שעות בשמחה ודביקות ביי 'משתה ושמחה' יחד כל קהלא קדישא**

וְנִשְׁמַע פִּתְגָּם הַמֶּלֶךְ:
**דברי תורה ויראה במשך המעמד דורך הגה"צ דער רב שליט"א בגודל קדושת היום מיטצונעמען די השפעות אויף א גאנץ יאר**

## והיהודים אשר בקרית יואל נקהלו ועשה אותו יום משתה ושמחה!

32

כִּי כֵן צִוָּה הַמֶּלֶךְ:
### לעכטיגע בחורי חמד, תלמידי מבצר ישיבה קטנה סאטמאר קרית יואל, איפגעשטורעמט מיט רגשי התעוררות לקראת ימי הפורים הבעל"ט

הארציגע סצענעס ווען הונדערטער תלמידי הישיבות שרייבן אונטער בחתימת ידם אוועקצוגעבן די זכות עצום פון 'ניין נאך געלט צופיס' לזכותו פון הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה שליט"א



38



### חנוכת הבית געפראוועט פאר נייעם צענטראלן 'בית המדרש עבודת אהרן' אין 'שכונת דושעפערסאן' פארלאפענעם שב"ק פרשת פקודי

40




לְהַפְקֵד בִּדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים:
### מתפלל ביהמ"ד 'בית יעקב נחמי' דקיט"ל לעבן מיט אומבאשרייבליכע פיר מעת-לעת מלא התעוררות ודביקות ביי "נסיעה הרוממה" אין אייראפע

46



## בדרך בית ה' קאמפיין אין פולן שוואונג אפצוענדיגן דעם ערשטן פאזע פונעם נייעם פרעכטיגן בנין הכולל והביהמ"ד בראשות הגה"צ ר' משה בער קויפמאן שליט"א

תושבי קרית יואל קומען אנטקעגן די עסקנים איסצוטרעטן דעם וועג צום השלמה

44

'פאלם טרי והגליות'
### פורימשטאט
KJ · WEEKLY
פורים תשפ"ד • שמחת פורים ושמחת תמיד • ווילעדזש אוו קאכנשריפט



רוסלאנד שיקט פרישע גענעראלן און באשלאסן צו אינטערדריקן אוקריינע מיט גאר שווערע מיטלען...



האלט קרית יואל ריין - נייע געדאנק מיט אונטערערדישע מיסט קאסטענעס



גאנצע רייע מיט דירות צו פארקויפן - עסקינג פרייז $12,000

דער שלעכטידעס בילקעלע

6

וועלכע ברכה מאכט מען אויף א....?

8

ווילאנג קען מען ווייזן מיטן פינגער...

10



Goodbye crowded hallways,
HELLO SELF STORAGE
1035
1036
1050
1051
1052
dartmedia.us
Flexible Month-to-Month Leases
Climate Controlled Storage Units
24/7 Video Recording and secure access
This facility is owned by Heimisha Yiden.
Conveniently located right off the Rt 17, a ten-minute drive from KJ.
first month FREE + 40% OFF monthly rent*
cubesmart.com
845.604.3422
52 Commerce Dr Harriman, NY
CUBESMART self storage
*Restrictions, fees, and taxes may apply. Must present this original coupon at time of rental. Valid only at 52 Commerce Dr Harriman, NY CubeSmart location. Call 800-800-1717 for details.


GAS.
GLASS.
CLASS.
Every reason it belongs on your Purim table.
MAYIM CHAIM®
Bubbles Within™
SELTZER
mango 718.635.1673



בס"ד
Team Up
for Camp Fun!
NOW HIRING COUNSELORS!
Join us for an exciting staff program in
a vibrant, supportive environment!
געאייגנט פאר חסידישע מיידלעך
השגחת הרה"ג ר' משה מנחם וויס שליט"א
דומ"ץ פאפא
ב"פ וראב"ד
קהל יטב לב
ד'סאטמאר
לאנדאן
• Rav of HCS •
camp
Machon Lev
מנהלת רוחני מרת מ. עליאס
MRS. DRAIZY ITZKOWITZ - STAFF DIRECTOR
EXCITING STAFF PROGRAM
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
SIGN UP NOW! 845.587.6028 / d.itzkowitz@hcsny.org
HCS





RambamCare
LEGENDARY CARE CLOSE TO HOME
845.783.1234
FOREST CORNER STRELISK, MONROE, NY 10950

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**
**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק
**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט
**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי
**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד
**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג
**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**2,752**
**משפחות**
**5,768**
**ילדים בבית**

**סניף קרית יואל**
**130 משפחות** **249 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

## מכתב קודש מאת כ"ק הגה"צ רבי מרדכי מנשה זילבער שליט"א אבדק"ק סטיטשין

בעז"ה

יום ד' לסדר הביאו בני ישראל נדבה לה', תשפ"ד

הנני להמליץ ולעורר את אחי ורעי, להיות לעזר ולסעד למפעל החשוב והנעלה שנקרא "קרן אלמנות ויתומים", שנתייסד ומתנהג ע"י הרה"צ המפו' מהר"ר **אברהם לויפער שליט"א** אבד"ק דראג.

המוסד הזה הוא **צדקה גדולה**, שמספקת בשר ודגים בהרחבה למשפחות של אלמנות וגרושות, שע"י הצדקה הלזו ממש נעשה מהפכה לטובה ברוח ובגשם להמשפחות הנ"ל.

והוא מתנהגת מתוך רגשי אהבה ונדבה, מתוך אהבת חסד, ואהבת ישראל, עד להפליא.

ע"כ **מצוה גדולה לסייע בזה בהשגות גדולות**, כי ההוצאות הם ממש למעלה מנשוא, **ועי"כ בוודאי הוא סגולה לפתוח שערי ברכה לכל הנדיבים**, ולכל כלל ישראל, שהקב"ה ירחם ויביא הגאולה שלימה מתוך רחמים בקרוב אמן.

באהבה וברצון
**מרדכי מנשה זילבער**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |



שמחת פורים
FROM THE BANK
• WITH PEOPLE •
הרצים רכבי הרכש
ALWAYS
A STEP
AHEAD
NORTHEAST
COMMUNITY BANK
A. 52 Bakertown Rd, Suite 205
T. 845.395.3200 W. necb.com
MON-FRI: 9AM-5PM · SAT: CLOSED · SUN: 10AM-2PM
Member FDIC
dartmedia.us


WE GO THE EXTRA MILE
TO TREAT YOU WITH A SMILE.
SIMCHAS PURIM!
THE ELITE FAMILY
Taanus Esther: 9AM - 9PM
Friday: 9AM - 5PM
Purim: closed
Monday: 9AM - 9PM
elite
845.782.4000 / 14 Raywood Dr
dartmedia.us

בס"ד

# בשורה טובה לשוחרי תורה

אחרי שזכינו להוציא לאור בשנים שעברו
ספריו הנפלאים של

הגאון הגדול המפורסם
**רבי אלעזר פלעקלס זצ"ל**
**ראבד"ק פראג**
**ה"ה ספר חזון למועד,**
**עולת חודש ראשון (מילי דשמיא ח"א),**
**עולת חודש שני (מילי דשמיא ח"ב),**
**עולת חודש שלישי (מילי דהספידא),**
**אהבת דוד, והגש"פ מעשה בר' אלעזר**




הננו להודיע בשער בת רבים
שברוב סייעתא דשמיא עלה בידינו לרכוש

## כתב יד של חלק הרביעי
## משו"ת תשובה מאהבה

שנכתב והוכן לדפוס ע"י הגאון המחבר זצ"ל
אך לא הספיק להדפיסו
והיה גנוז ונסתר מאז עד היום הזה

ומעתה הננו מתכוננים בעז"ה לילך מחיל אל חיל

## ולהדפיס מחדש
## כל חלקי שו"ת תשובה מאהבה

שנדפסו פעם אחת בלבד בשנת תקפ"א לפ"ק
**כולל כרך החדש מכת"י**
לשמחת כל עולם התורה

**ובזאת בקשתינו שטוחה**
לכל מי שיש לו תחת ידו תשובות נוספות
או שאר כת"י מהגאון המחבר זצ"ל
וכן הגהות והערות משאר גאוני עולם על שו"ת תשובה מאהבה
**נא לפנות אלינו כדי לזכות את הרבים**
**שנוכל להוציא לאור דבר נאה ומתוקן**
וזכות המחבר זצ"ל יגן עלינו ועל כל המסייעים להתברך בכל מילי דמיטב

**מכון נצח יעקב**
Tel. **718.947.5782** Fax. **718.947.5783**
Email: **mechonnezachyakov@gmail.com**

מכון נצח יעקב
ע"ש ר' יעקב צבי ב"ר חיים ז"ל
נפ' ט"ו סיון תשנ"ח


AVOID THE YOM TOV RUSH
EARLY BIRD
3 DAY LEFT
SALE
ANYTHING & EVERYTHING
JUST
ALL 100% SILK
%OFF
SALE STARTS:
SUNDAY MARCH 10
SALE ENDS:
FRIDAY MARCH 22
LATE HOURS
WEDNESDAY UNTIL 9 PM
G&G
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
EUROPEAN MADE



# יעדער האט א מיינונג:

א חלק ווילן: מ׳זאל עס מאכן הויך און מעכטיג
אנדערע פרעגן: וואס פעלט אויס אזא געביידע
געוויסע זאגן: מער אין די לענג איז שענער
אויך האלטן טייל: ס׳זאל זיין מער איינגעהאלטן
פילע טענה׳ן: די וויכטיגסטע איז פאר שבת און יו״ט

## ענדליך בויט מען שוין גרויס אויף גארפיעלד פאר יעדעם!

קוקט ארויס בקרוב אויף די ענדגילטיגע פלענער...

© DPMGGROUP.COM



בס"ד
Office suites for sale coming up in Monroe (BloomingGrove)
discover PLEASURE
BE creative
FORE
your thriving BUSINESS
BENEFIT #2
WHY HERE?
Hot location! next to the upcoming Island Shopping Mall, Sleep Hotel, close to KJ and Blooming Grove.
EXECUTIVE CIRCLE
577 NY-208 | Monroe, NY 10950
Contact our team:
PRESTIGE
REALTY TEAM
יואל באש
347.486.2196
יואל שטויבער
845.238.1129
executivecircle@joeljoelteam.com


החלטה! מ'בויט
קרויס
אויף גארפיעלד
הויך און מעכטיג? פלאכער? מער אין די לענג?
מער איינגעהאלטן? פאר שבת און יו"ט?
א שטריימל
צוגעפאסט
פאר יעדן!
קרויס
שטריימלעך
17 Garfield Rd.
OPENING SOON
DPMGGROUP.COM



בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת שְׁלוֹימִי
מִי
בֶּחָצֵר?
וְשְׁלוֹימִי׳ס בָּא!
לַחֲצַר בֵּית הַקאסטוּמֶער לדעֶליוועֶר
הָאֶרְדֶער אֲשֶׁר הֵכִין לוֹ.
Shlomie's
א לוסטיגן פורים
THE KING IN SERVICE
Shlomie's
Dial, skip the aisle™
774.7771
TEXT OR EMAIL
orders@shlomies.com
Shop online: www.shlomies.com
WALK-IN STORE:
8 Daj Blvd.
Behind 17 Prag


ווייןיג געזאגט
אסאך געטרונקען
מיט לופ-ריעלטי באקומט איר בעז"ה א הויז וואס
וועט אייך האלטן פרייליך און לוסטיג א גאנץ יאר
א פרייליכן פורים, ווינטשט די לופ טיעם
נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן
Lic: #10311209368
845-388-1155
Bringing it all together.
52 Bakertown Rd. Suit #419
Monroe, NY 10950
info@looprealtyinc.com
loop
REALTY
DPMGGROUP.COM

פסק הלכה

מהרבנים הגאונים שליט"א




# פרייען

זענען אלע מחויב מיט מתנות לאביונים

ווי אזוי זאל מען מחנך זיין די

# קינדער

צו געבן מתנות לאביונים

מ'ווערט קענען פערזענליך
**שיקן מיט די קינדער**
מתנות לאביונים
ביום הפורים ביי די

## צדקת העיר פושקע טראקס

וואס וועט ארום פארן
אין גאנצן שטאט

אדער ביי די
אינסטאלירטע

## גאסן פושקעס

צדקת העי"ר

צענטראלע מתנות לאביונים לעניי קרית יואל

אטאמאטישע קרעדיט קארד
טעלעפאן סיסטעם
845.777.9991

קויף א טשעק פאר אן עני אין פורים

א טשעק פאר אן עני
$300

2 טשעקס
$600

האלבע טשעק
$150

ולכה"פ
$72

בס"ד

# פארשטעלט א גאנץ יאר



די מהודר'דיגסטע וועג מקיים צו זיין מצות מתנות לאביונים

**מתנות לאבנונים בו ביום**



## קריאה דחופה מגדולי ומאורי ישראל שליט"א

...והנה זה עתה לקראת ימי הפורים הקדושים המתקרבים, נערכת באופן מיוחד "מתנות לאביונים" עבור משפחות נשברות ועוד אלפי משפחות הנמצאות במצוקה קשה, ביניהם חולים ונלמודים, שבעז"ה יעניקו לנפשות היקרות האומללות הללו בעצם יום הפורים לשמח לבם, לכם מבקשים אנו לסעוד ולתמוך בהם בסכומים הגונים שיש בהם ממש "ובזה מקיימים מצוות מתנות לאביונים בהידור", וכבר מובטח אנו מפי הגבורה "אם אתה משמח את שלי [היינו יתומים ואלמנות ונשברי לב אני משמח את שלכם"....

הק' מאיר בראנסדארפער, הק' משה הלברשטאם, הק' ישראל יעקב פישר, הק' משה ארי' פריינד, הק' יצחק יעקב ווייס, הק' מיכל יהודא ליפקאוויץ, הק' אברהם חיים שפיצער, הק' חיים פנחס שיינבערג, הק' שמואל וואזנער, הק' אלימלך אשכנזי, הרב חיים קניבסקי, הרב יעקב מאיר שכטר, הרב ישראל אברהם פורטוגאל, הרב משה שטרנבוך, הרב יחזקאל רוטה, הרב גמליאל רבינוביץ, הרב נסים קרליץ, הרב יצחק טובי' ווייס, הרב אהרן משה שעכטער, הרב יעקב פרלוב, הרב שמואל אויערבאך, הרב דוד טווערסקי, הרב מתתי' חיים סלמון, הרב ארי' מלכיאל קוטלר, הרב משה וואלפסאן, הרב אברהם חיים פייר, הרב דוד שוסטאל

צובראכענע אלמנות און יתומים שטעלן
אָן א פנים פון גבורה. אבער זייער שמייכל טוט
אָפטמאל מאסקירן די מציאות

**דורך אייער מתנות לאביונים פאר משמחי לב ברענגט איר אריין א ליכטיגקייט פאר**

# 1380 אלמנות און 3964 יתומים

א מנין יר"ש וועלן דאווענען פאר אונזערע תומכים בעצם יום הפורים ביים ציון פון מרדכי ואסתר אין האמדאן, איראן.

**$36 פאר איין נאמען**
**$120 פאר אייער משפחה**

CALL 24 HOURS:
**718.506.1400**

MESAMCHE LEV
**משמחי לב**
נתייסד ע"י הרה"צ רבי יואל זלמן אשכנזי זצ"ל

1364 53rd St. Brooklyn NY 11219
Fax: 718.838.3310
www.mesamchelev.org

איר קענט אריינגעבן אייער נדבה ביז 6:00 נאכמיטאג אום פורים און איר וועט זיין פארזיכערט אז אייער מתנות לאביונים קומט אן בעצם היום

Platinum

בס"ד

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי די **מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט** האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש

(נאכן ארייגשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)

**פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:**

**פאלגענד זענען די רולס פון מאנראו וואודבורי צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע:**

אויב דינגט איר אדער קלאוזט איר אויף א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו אויב איר מופט אריין שפעטער)

(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)

SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC

Emes Transportation

PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419

מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן מיט סיי וואס מעגליך

**אמת טראנספארטאציע**




# וכלים מכלים שונים…

בײ **די װײַערלעס** האט איר די גרעסטע
אויסוואל פון אלע ערליי סארטן כשר'ע
פאונס און דיװײַסעס באגלייט מיט די
בעסטע סערוויס און עקספּיריענס

theWireless

Call/Text
845.388.2355

**Monroe |**
21 Getzil Berger Blvd

**Williamsburg |**
140 Rodney Street

Crystal media 845.395.6690

ב"ה

# האָט אינזין די לעכטיגע תלמידי ישיבות קטנות

ווי יעדער האַלט מיט די אויסטערלישע התחדשות בין כותלי ישיבתינו הק' סיי ברוחניות ווען די גאַנצע ניווא איז געהויבן געוואָרן פי כמה, און די זעלבע בגשמיות מיט די נייע כוחות וואָס זענען אַריינגעקומען, וואָס דאָס האָט בס"ד צוגעפירט צו אויסטערלישע הצלחה למעלה מן המשוער גדלו והצליחו וגם עשו פרי

**אָבער פון דער אַנדערער זייט הויערט אויף די הנהלת הישיבה**
**די אומגעהויערע בודזשעט וואָס מ'מוז צוקומען צו**
**אנשי שלומינו צו קענען פאָראויסגיין מיט די עבודת הקודש**

דעריבער קומען מיר אַרויס מיט אַ

# בקשה דחופה

**שטייענדיג בעפאָר יו"ט פורים הבעל"ט ווען די חשוב'ע תלמידי הישיבה גייען אַרום על פתחי נדיבים מיט אַן איידלקייט און צופיסנס לעשות רצון כ"ק מרן רבינו שליט"א**

בעטן מיר אנ"ש און נדיבים בעם

## קומט אַקעגן די חשוב'ע בחורי חמד וואָס זאַמלען נדבות צו קענען אויפהאַלטן זייער אייגענע מקום תורה

## העלפט זיי אַרויס צו קענען ערפילן זייער רצון צו אָנקומען צו די גאַנצע סכום לטובת הישיבה

**האָט אינזין די שטאָלץ פון אונזער שטאָט! געדענקט ווי שטאַרק מיר מוזן צוקומען צו יעדן נדבה פשוט צו קענען אָנגיין אין די יעצטיגע שווערע זמנים!**

**ס'איז קלאָר אַז אייער הערליכע נדבה וועלן מיר קענען בעז"ה מער אופטון להרבות תורה ויר"ש ביי די לעכטיגע בחורי חמד וואָס בויען אויף די נייע דורות לשם ולתפארת!**

אין אַזעלכע געהויבענע זמנים ווען איר האָט אינזין די הערליכע מקום תורה וועט איר זיכער געהאָלפן ווערן בכל מידי דמיטב שפע ברכה והצלחה

בכבוד רב

**הנהלת מבצר ישיבות קטנות**

# ישיבה קטנה תורה ויראה סאטמאר קרית יואל

נתיסדה ע"י מרן רבינו הקודש זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



בס"ד

ראשון הוא

בעבודה זרה:
ראשון הוא!

# ווער קומט ערשט?

פאלגט נאך

בעזהשי"ת

# ישיבות ומוסדות סאטמאר

ישיבה גדולה

ישיבה קטנה

תלמוד תורה

בית חינוך לבנות

וויליאמסבורג • קרית יואל
בארא פארק • מאנסי • קרית יטב לב
לעיקוואוד • מאנטריאל, קאנאדע

## דְּבַר הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ

**דערמיט טוען מיר מעלדן פאר אלע חשוב'ע עלטערן און אנ"ש שיחיו**
אז ביי די גרויסארטיגע אסיפה "נאספים" וואס איז פארקומען דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג ויקהל העעל"ט
בהשתתפות אלע מנהלים רוחניים פון אַלע מוסדות סאַטמאַר די בכל אתר ואתר

## על פי קריאתו ובהשתתפות הוד כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

איז געווארן אראפגעשטעלט אַ פעלזן-פעסטע

# תקנה קבוע

## פאַר "אַלע" תלמידים ותלמידות
## פון ישיבות ומוסדות סאַטמאַר אומעטום

אז יעדע סאָרט דעוויים וואָס קומט אָן אין באַזיץ פון אַ תלמיד, צי אַ בחור אָדער יונגעל, אדער תלמידה, פון די סאָרט כלים

## סענסע - רעקארדער - MP3
## מוז האָבן דעם "מוכשר" זיגל

'מוכשר' וועד משמרת אדער 'מוכשר' וועד הקהילות

**סיי די וואס באניצן זיך דערמיט אינדערהיים פאַר די משפחה,**
**איבערהויפט אויב מ'גיט דאָס פאַר די קינדער צו האָבן ביי זיך,**

מיט פרייד טוען מיר מעלדן אַז איז שוין דאָ צו באַקומען אַ ברייטע אויסוואַל פון כלים
אין פילע געשעפטן און אַזוי אויך פון עטליכע קאָמפּאַניס, צו יעדנס באַקוועמליכקייט

### וְכָשֵׁר הַדָּבָר!

דאָס איז איבערהויפט גילטיג אין די יעצטיגע תקופה ווען מ'קויפט
מתנות פאַר די קינדער, פורים-געלט צי אפיקומן אא"וו

**די עלטערן זאָלן זיין געוואָרנט צו מאַכן זיכער**
**אַז מ'קויפט בלויז "כלים מיט אַ מוכשר זיגל"**

### באַזונדערע קלארשטעלונג

ביי די געלעגנהייט דאַרף ארויסגעברענגט ווערן אז אין די מוסדות אין ישיבות קטנות איז פאַרהאַנען
**א תקנה אז עס איז נישט ערלויבט צו ברענגען קיין שום סאָרט**
**'רעקארדער דעווייס' אין חדר/ שולע אדער אין די קעמפּס**
וואָס דאָס איז גילטיג אַגאַנץ יאָר ביי אַלע סאָרט דעווייסעם **אפילו מיט'ן מוכשר זיגל.**

קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים עֲלֵיהֶם וְעַל זַרְעָם וְלֹא יַעֲבוֹר

ויה"ר שנזכה לגדל דורותינו בדרך ישראל סבא כאשר הורה לנו רביה"ק זי"ע ובהדרכת כ"ק מרן רבינו שליט"א מתוך נחת ושמחה אמן.

**הנהלת המוסדות**

## א סענסע אָן א הכשר איז ארגער ווי א מאכל אָן א הכשר

**מתוך הכרזת הקודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א**
**אצל אסיפת המנהלים רוחניים שעל פי דיבורו היו נאספים**

פונקט אזוי ווי יעדער איינער פארשטייט ווען עס איז נוגע צו כשרות המאכלים, אז קיינעם וועט נישט איינפאלן צו נעמען א זאך אָן א הכשר.

זאָל מען וויסן אַז די מכה פון טעכנאלאגיע איז אסאך א גרעסערער מכשול, וואס קען ארויסקומען אז עס איז נישט אפגעהיטן ווי עס דארף צו זיין!

אין איין רגע קען מען פארלירן דעם גאנצן יראת שמים, מען קען אריינפאלן אין די נ' שערי טומאה.


כולל
סאטמאר קרית יואל
יומא טבא לרבנן
דעם יו"ט ביי די לומדי העיר
קרית יואל גייט אריינברענגען דעם יו"ט ביי די רבנן.
די 600 לומדי העיר קוקן ארויס.

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד ווייא

בס"ד

והימים האלה נזכרים ונעשים

# זמנים לשב"ק ויקרא - זכור ומוצש"ק ליל פורים

## בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

הדלה"נ 6:57 - זמן מוצש"ק 8:25

**מנחה וקבלת שבת**
חצי שעה אחר זהדלה"נ

אמירת תהלים בשעה 7:00 בבוקר
**שחרית בשעה 9:30 ברכות**
קריאת פרשת זכור בשעה 12:00

**מנחה וס"ג בשעה 7:10**
מעריב תיכף אחר ברהמ"ז

**קריאת המגילה בשעה 9:15**
העזרת נשים יהי' פתוח לנשים

שמחת פורים ושמחת תמיד
**הנהלת הקהלה**

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא

בס"ד

והימים האלה נזכרים ונעשים

# זמנים ליום הפורים

## בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

### אמירת תהלים בשעה 6:30 בבוקר

ברוב עם הדרת מלך בהיכל בית המדרש הגדול

גם יתקיים מנין מוקדם בשעה 4:30 באשמורת הבוקר

### תפלת שחרית בשעה 9:40 ברכות

קריאת המגילה בערך בשעה 10:45

מקום מיוחד לנשים בהיכל הביהמ"ד צד מעריב כניסה מחדר הוראה הישן

### זמני משלוח מנות משעה 3:00 עד 6:00

בבית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א - 16 קוויקוועי רד.

עד שעה 4:00 מיוחד לפארי הקהלה וחברי זהב

### מעמד משתה ושמחה

להקהיל ולעמוד זקנים עם נערים באורה ושמחה

במקהלות כלל אנ"ש בשעה 8:00 לפנות ערב

העזרת נשים יהי' פתוח

מקום נוסף מיוחד לנשים בהיכל הביהמ"ד צד מעריב כניסה מחדר בית הוראה

שמחת פורים ושמחת תמיד

**הנהלת הקהלה**

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא


בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען

לקראת יו"ט פורים הבעל"ט

## וואס איז נוגע פאר די חשוב'ע נשים צדקניות שתחי'

**פאלגענד גייען מיר איבער עטליבע וויכטיגע דעטאלן וואס וועלן זיין נוגע פאר די חשובע פרויען תחי' אין לויף פון יו"ט פורים הבעל"ט**

### קריאת זכור

די קריאה פון פרשת זכור וועט מען ליינען דעם שב"ק אין ביהמ"ד הגדול **בשעה 12:00**, מ'קען אריינגיין אין עזרת נשים פון **ביידע אריינגענג** ביי די שארט קאט פון ביהמ"ד הגדול.

### קריאת המגילה - ליל פורים

מוצש"ק, ליל פורים וועט די **עזרת נשים** זיין **אפען** צו הערן קריאת המגילה, דורך הגה"צ דער רב שליט"א, **בשעה 9:10**.

עס וועט זיין צוגעשטעלט **נאך א מנין** פאר די פרויען צו הערן **קריאת המגילה** אין חדר חיים צבי חדר א', **בשעה 10:30**, אריינגאנג פון שער שמואל צבי אייזנבערג אויף פארעסט רד.

### קריאת המגילה - יום פורים

מטעם די קהלה ווערט צוגעשטעלט **4 מנינים** צו הערן **קריאת המגילה** אין עזרת נשים בשעה 8:00 - 9:00 - 10:00 - 11:15

די פרויען וואס ווילן מיטהאלטן די **קריאת המגילה** דורך הגה"צ דער רב שליט"א וועט זיין צוגעשטעלט **א ספעציעלע ווייבער שול**, אריינגאנג ביי די געהעריגע טרעפ צו די ווייבער שול, און אריינגיין ביי די **אלטע בית הוראה** צו די היכל הביהמ"ד. (אויבן אין ווייבער שול וועט מען נישט קענען מיטהאלטן די קריאת המגילה פון רב שליט"א)

### מעמד משתה ושמחה

ביים "מעמד משתה ושמחה" פורים פארנאכטס וועט זיין צוגעשטעלט **ספעציעל מער פלאץ** פאר די נשים צדקניות, זיי זאלן קענען מיטהאלטן די געהויבענע מאמענטן בקרב קהלתינו הק' אין דעם הייליגן טאג.

סיי די **עזרת נשים וועט זיין אפען**, און אזוי אויך וועט מען קענען מיטהאלטן די מעמד פון די **ספעציעלע צוגעלייגטע ווייבער שול**, אריינגאנג פון די אלטע חדר הוראה (מ'גייט אריין פון די געהעריגע טרעפ צו די ווייבער שול, און ממאכט א רעכטס ביי די ערשטע טיר אריין אין היכל הביהמ"ד.)

עס וועט זיין צוגעשטעלט **מזונות און קאלטע געטראנקן** אין ווייבער שול.

עס וועט זיין א באזונדערע פריוואטע פלאץ פאר הרבנית הצדיקת תליט"א ובני המשפחה.

שמחת פורים ושמחת תמיד

**הנהלת הקהלה**

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא

בס"ד

# ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר

בתלי"ת הננו בזה להודיע, לכל חברי קהלתינו הק', אשר בעהשי"ת

## ביום הפורים הבעל"ט

יקהלו המוני אנשי שלומינו לשוש ולשמוח אצל

# מעמד
# משתה ושמחה

במקהלות עם רב זקנים עם נערים, בקול רנה וצהלה מחולות וריקודים

## בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

אשר ישמיע במשך המעמד דברי תורה ויראה בתוקף קדושת היום

## בשעה 8:00 לפנות ערב
## בהיכל בית המדרש הגדול

אף הן היו באותו הנס

**העזרת נשים יהי' פתוח**

**וגם בהיכל הביהמ"ד בצד מערב יהי' מקום מיוחד לנשים**

כניסה מחדר בית הוראה הישן

שמחת פורים ושמחת תמיד

**הנהלת הקהלה**



# איך בענק זיך צו דעם אַמאָליגן פּורים צווישן אידישע קינדער...

פּורים, פּורים, פּורים לנו, ברוך אשר בחר בנו, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה....

פאַרוואָס זענען מיר אַזוי ענטוזיאַסטיש בנוגע פּורים, ס'איז דאך נישט קיין מצוה דאורייתא?! איז עס בלויז ווייל מען זינגט, טאַנצט און טרינקט?! ניין! ס'איז גאָרנישט פון די אַלע זאַכן! ס'איז אַ באַהאַלטענער כח וואָס מרדכי און אסתר האָבן אונז איבערגעלאָזט. ווי מיר זעען אַז גרויסע, זייער גרויסע צדיקים, האָבן אַוועק געפלאַקערט אין פּורים ממש עד כלות הנפש!

ס'האָט טאַקע גענומען אַ יאָר פאר אסתר המלכה ביז די הייליגע חכמים האָבן מסכים געווען מיט איר, צו באַשטימען דעם פּורים אויף אַ יום טוב פאר די קומענדיגע דורות.

***

איך וועל אָנהויבן מיט אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט נישט לאַנג צוריק:

איין טאָג אין אַ פאַרנומענע לופטפעלד, די פּאַסאַזשירן זיצן שוין אין דער קאָמערציאַלער עראָפּלאַן, וואַרטנדיג פאר די עראָפּלאַן מאַנשאַפט צו ערשיינען כדי מ'זאל קענען אָנהויבן פאָרן.

דער פּילאָט און דער קאָ- פּילאָט קומען ענדליך אָן אויפ'ן עראָפּלאַן און הייבן אָן צו אַרויף שפּאַצירן צו זייער 'קאַקפּיט' דורך די צענטראַלע דורכגאַנג,ביידע קוקן אויס צו זיין בלינד.

דער פּילאָט נוצט אַ ווייסע שטעקן און האַקט זיך אַריין אין די פּאַסאַזשירן רעכטס און לינקס ווען ער גליטשט זיך אַראָפּ דעם דורכגאַנג. אויך דער קאָו - פּילאָט נוצט אַ הינטל זאָל אים ווייזן די וועג. ביידע האָבן זייערע אויגן פאַרדעקט מיט ריזיגע זון גלעזער.

אין אָנהויב האָבן די פּאַסאַזשירן נישט רעאַגירט קלערנדיג אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ וויץ, אָבער נאָך עטליכע מינוט האָט די ענדזשין האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און די עראָפּלאַן הייבט זיך אָן ריקן.

די פּאַסאַזשירן קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן מיט אומזיכערקייט, שעפּשנדיג צווישן זיך און קוקנדיג פארצווייפלט צו די 'סטואַרדס' פאר אַ פארזיכערונג, דאַן הייבט די עראָפּלאַן אָן צו פאָרן שנעל אויפ'ן ראָנוועי און מענטשן הייבן אָן פּאַניקן.

עטליכע פּאַסאַזשירן דאווענען, אָבער ווי נאָר דער עראפלאַן ווערט נענטער און נענטער צום ענדע פונעם ראָנוועי, ווערן די קולות מער און מער היסטעריש.

ווען דער עראפלאַן איז געבליבן וויינציגער ווי 20 פיס פון די ראָנוועי, און גייט שוין אָט אַריינפאַלן אין וואַסער, איז דאָ אַ פּלוצים'דיגע ענדערונג אין די הויכקייט פון די געשרייען. די גאַנצע פליגער שרייט אויפאַמאָל! און ממש אין די סאַמע לעצטע מאָמענט האָט די עראָפּלאַן זיך פאַרקירוועט און זיך יאָ אויפגעהויבן צו פליען אין די לופטן, אַנשטאָט אַריינפאָרן אין וואַסער.

אין דער "קאַקפּיט' טוט דער קאָו - פּילאָט אָפּאָטעמען מיט אַ פאַרלייכטערונג זיץ און ער ווענדט זיך צום פּילאָט זאָגנדיג: "דו ווייסט, כ'האָב מורא אַז איין טאָג גייען די פּאַסאַזשירן מער נישט שרייען, און דעמאָלט וועלן מיר

**עטליכע פאסאזשירן דאווענען, אָבער ווי נאָר דער עראפלאן ווערט נענטער און נענטער צום ענדע פונעם ראָנווע, ווערן די קולות מער און מער היסטעריש.**

חלילה גיין גלייך אין וואַסער אַריין ח"ו".

זיי האָבן אָבער פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די מייק סיסטעם און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געהערט ווי דער פּילאָט ענטפערט אים מיט אַ רואיגקייט:

"אַלעס איז דער רבוש"ע! ער וויל אז מענטשן זאלן פילן די סכנה, זיי זאָלן רייניגן זייערע מעשים, ווערן מקושר צום אויבערשטן בפנימיות, דאַן וועלן זיי אַרויסשרייען פון די טיפענישן פון זייער האַרץ, אַזוי קען ער זיי ראַטעווען פון זיך אונטערגעבן און ווערן עבדים צו זייער יצר הרע. אַלעס קומט פון דעם באַשעפער וואָס וועט קיינמאָל לאָזן זיינע מענטשן זאלן אַראָפּפאַלן, דערפאַר וועלן מיר אַלעמאָל וויסן ווען צו אַרויפפליען."

***

אוי געוואַלד טייערע אידן: וואָס לערנען מיר פון דעם משל?!

ווען מיר באַטראַכטן אונזער היסטאָריע וועלן מיר זען קלאָר אַז אַלעמאָל ווען מיר האָבן געהאַט אַ ישועה איז דאָס געקומען ווען מיר זענען שוין געווען ממש ביי דער ענדע, און דעמאָלט האָבן מיר אויסגעגאָסן אונזער הארץ צום אויבערשטן, אַזוי איז די ישועה נאָכדעם אָנגעקומען!

געגוי אַזויווי די מעשה מיט'ן עראָפּלאַן. צוערשט האָבן עטליכע מענטשן בלויז זיך אָפּגערעדט, אַנדערע האָבן געשישקעט שטילערהייט, אָבער ווען די סכנה איז געקומען גאר נאָענט, דעמאָלט איז געשען אַ געשריי פון די אינערליכע פינטל פון האַרץ. דאָס האָט באַוואויגן אפילו די פּילאָטן, וואָס וואָלטן בדרך הטבע אַריינגעפאָרן אין וואַסער זייענדיג בלינד, אָבער דער "ויצעקו", די געשריי צוזאַמען, האָט גורם געווען אַז אפילו דער "מלאך רע בעל כרחו יענה אמן" - און דעריבער וועט די ישועה אויטאָמאַטיש קומען!

אין מצרים - ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו ותעל שועתם אל אלקים!

ביי קריעת ים סוף - ויצעקו בני ישראל אל ה'!

אין די הגדה של פסח - ונצעק אל ה' אלקי אבותינו!

אויך ביי די מעשה פון מגילת אסתר האָט די גאַנצע נס פּאַסירט ווען אידן האָבן רעאַליזירט אַז דער קעניג אחשורוש האָט זיי פאַרקויפט פאר המן. מרדכי האָט געטון די וויכטיגע מיסיע פון "ויצעק צעקה גדולה ומרה", און אסתר האָט געזאָגט "לך כנוס את כל היהודים" - גיי נעם צוזאַם אַלע אידן אין בית המדרש, וואו אַלע הערצער זאלן שרייען צום אויבערשטן. דאָס איז די איינציגע וועג אַז איך זאָל האָבן אַ ישועה ביים קעניג!

ווען מיר ווערן מקושר צום אויבערשטן מעומק הלב, וועט די פמליא של מעלה טוישן די גזירה. אַלעס וועט ווערן איבערגעשריבן לטובה. אויך דער פּילאָט האָט געטון די ריכטיגע שריט אַדאַנק די געשרייען. דאָס קען מען זיך איבערצייגן אַזויפיל מאָל!

***

ביי דער צווייטער וועלט מלחמה האָבן צדיקים געזאָגט אַז אויב אידן וואָלטן נישט געליינט די נייעס פּאַפּירן און מען וואָלט זיך נישט פאַרלאָזט אויף די רוסישע און די אַמעריקאַנער אַרמייען, נאר אַנשטאָט וואָלט מען זיך צוזאַמגענומען אין בית המדרש צו מאַכן אַ "לך כנוס את כל היהודים", וואָלט דער גאַנצער היטלער געווען אַ צווייטער המן און מיר וואָלטן געקענט פראַוון אַ נייע פּורים. דאָס איז באמת אַ ווייטאָג.

דאָס זעלבע פאַרקערט, ווען מיר וואָלטן געהאַט צייטונגען אין די צייטן פון מרדכי און אסתר, וואָלט די ישועה קיינמאָל נישט אָנגעקומען.

בלויז נאָכדעם וואָס מיר כאַפּן אַז נאר דער רבוש"ע קען אונז העלפן און מיר שרייען צוזאַמען אויס אונזערע הערצער צום אויבערשטן: "העלף אונז! נאר דו ביזט דער איינציגסטער וואָס קען אונז העלפן!". דעמאָלט וועט די ישועה טאַקע קומען, אפילו מיר האַלטן שוין ממש ביים זיך דערטרינקן אין וואַסער.

***

אַצינד, אַז מיר פאַרשטייען שוין אונזער מצב, וואו הייבן מיר אָן?!

מיר זעען אַזוי פאַרנומען מיט פּרנסה, מיר זענען אַזוי ביזי מיט גשמיות בייטאָג און ביינאַכט, אַז מיר פאַלן אַריין אין דעם פּורים ביי מגילה ליינען און מיר דערמאַנען זיך הערשט דעמאָלט אַז ס'איז פּורים היינט... דאָס אַליין מאַכט אונז זייער טרויעריג: פאַרוואָס זענען מיר אין אַזאַ מצב אַז מיר שפּירן גאָרנישט?! מענטשן פרעגן זיך אַליין: "איך וויס אַז כ'בין ממש נישט דער בעסטער אָבער אַזוי טרוקן צו זיין?! אַזוי נישט צו שפּירן גאָרנישט?!". די מחשבה ליגט אונטער די באַוואוסטזיין פון אַסאַך מענטשן!

מענטשן טראַכטן: איך וואָלט זייער געוואָלט קענען געבן אַסאַך צדקה און משמח זיין אַלע באַדערפיגע אידן אין אונזער קהלה, אָבער אפילו דאָס האָט ה' מיך נישט געהאָלפן, איך האָב נישט קיין געלט צו געבן, אַלזאָ האָב איך נישט קיין רוחניות און נישט קיין גשמיות... דאָס מאַכט דעם מענטש זייער טרויעריג און נישט פריילין.

וויאַזוי קענען מיר אַריינגיין אין פּורים מיט אַ פריילִיכע האַרץ?!

די ענטפער איז: "דאָס צו אָנשטעלן ביז עס ווערט אמת'דיג"! אויף ענגליש איז דאָ אַן אויסדרוק fake it until you make it.

ביי שמחה איז דאָ אַן ענין אַז אפילו ווען דו ביזט נישט אין די גיסטע, מאַך עס פאַלש ביז דו וועסט אָנקומען דערצו. מתוך שלא לשמה בא לשמה! צדיקים האָבן געזאָגט אַז דער פּסוק "והיית אך שמח" איז ראשי תיבות "שוא". וואָס מיינט אַז אַ פאַלשע שמחה איז בעסער ווי אַן אמת'ע עצבות!

***

בלויז דורך אמת'דיג שרייען צום רבוש"ע קען עס אַרבעטן. פּרובירט עס וועט איר זען, אויב מיר טוען די ריכטיגע פּעולות וועט דאָס אַרבעטן אויף אונזער הארץ, אַז מיר זאָלן ווערן אויך אינעווייניג אַזויווי מיר טוען אינדרויסן.

דערפאַר האָט מען טאַקע ביי חסידים זיך געפירט צו דאַווענען זייער הויך, ווייל אַ מענטש קען נישט שרייען פאר אַ לאַנגע צייט אויב ער מיינט עס נישט ערנסט. דורכדעם וואָס מען זינגט און מען דאַוונט מיט אַ הויכע קול, וועט דיין אמת'ע הארץ אַרויסקומען. דערפאַר האָט דער יצר הרע נישט ליב ווען מיר לערנען מיט אַ התלהבות.

צו באַקומען אַ ריין האַרץ דאַרפן מיר טון די פאַקטישע פּעולות וואָס קומט אַרויס פון אונזער הארץ. פּורים האָט נאָך שטאַרקער דעם כח! די הייליגע חכמים האָבן געזען דאָס קומענדיגע יאָר, אויב מיר גייען דאָס נישט מאַכן און קובע זיין פּורים יעדעס יאָר אַזויווי אסתר האָט געבעטן, דעמאָלט וועט דער שטן חלילה האָבן אַ שליטה אויף אידישע קינדער. דאַן האָבן זיי פאַרשטאַנען די כוונה פון אסתר המלכה וועלכע איז געווען אַ נביאה און זיי האָבן אונז מבטיח געווען אַז אויב מיר שטרענגען זיך אָן צו טון די פיר מצוות וועלן מיר זוכה זיין אמת'ע אָפענע הארץ צום רבוש"ע.

קריאת המגילה - מיט אַ פשוט'ע כוונה, נישט זוכן צו



**אַלזאָ, איך וויין, איך זינג, איך טאַנץ און איך רעדט צום אויבערשטן: "אנא ה', העלף די אַלע אידן וואָס זענען מתפלל פאר מיר און העלף פאר גאַנצע כלל ישראל". איך בין דאָ אַזויווי בעפאָר אסתר איז געגאַנגען צו די משתה האָט זי איינגעלאַדנט המן און געהאָפט אַז מאָרגן זאל שוין זיין "ונהפוך הוא" - ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, כן תהי' לנו!**

טרעפן אַ שנעלע מנין צו פטור דערפון גיך.

מתנות לאביונים - טיילן צדקה וויפיל מיר קענען זיך ערלויבן, און אויב מ'קען נישט, זאָל מען אַרומגיין נאָך געלט פאר אַנדערע.

סעודת פורים - טאַנצן און שרייען צום אויבערשטן.

די אַלע מצוות זענען אַ גאַראַנטיע אַז דיין האַרץ גייט זיך עפענען! די עראָפּלאַן וועט זיך הייבן אין די לופטן, אפילו מיר זענען נישט דערביי! מיר קענען אַלעס אויס'פועל'ן ווען מיר שרייען צום אויבערשטן פון די טיפענישן פון אונזער הארץ!

***

איך געפין זיך דאָ אין אַזאַ גלות, וואָס איך קען ניטאַמאָל שילדערן פאר איינער וואָס איז אינדרויסן.

איך האָב גאָרנישט. אפילו די קריאת המגילה וואָס איך הער יאָ, בין איך דאַן מיט צוועלף נישט- אידן, בלויז פינף פון דעם 'מנין' זענען יאָ עכטע אידן. שוין אָפּגערעדט אַז ס'איז נישטאָ קיין זינגען, נישט קיין טאַנצן, נישט קיין צדקה. און נישט קיין תורה שמועסן.

אַ ליטווישער אַרעסטאַנט האָט מיך געזאָגט פאַראַיאָר אַז די איינציגע זאַך ער האָט הנאה ביי דער מגילה איז די עטליכע פסוקים וואָס מיר ליינען מיט דער 'איכה' תנועה, ווייל דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס ער שפירט אַ שייכות דערמיט.

אָבער איך וועל נישט אויפגעבן! און איך וועל זינגען און טאַנצן און שמייכלען! אפילו ווען מיין האַרץ איז מעגליך נישט דאָרט אין אָנהויב, אָבער ס'וועט אָנקומען צו שמחה, ווייל כ'האָב געטון וואָס די חכמינו ז"ל האָבן מיר געהייסן טון: מגילה, מתנות לאביונים, צדקה, סעודת פורים, כאָטש אויף די בעסטע וועג וואָס איך קען יאָ טון.

איך ווייס אַז טויזנטער אידן זענען מתפלל פאר מיך. אוי רבוש"ע הער זיי אויס, און העלף זיי מיט אַלע זייערע בקשות! געב זיי אַ געבענטשטע יאָר מיט אַלע זייערע געברויכן ברוחניות ובגשמיות!

אַלזאָ, איך וויין, איך זינג, איך טאַנץ און איך רעדט צום אויבערשטן: "אנא ה', העלף די אַלע אידן וואָס זענען מתפלל פאר מיר און העלף פאר גאַנצע כלל ישראל". איך בין דאָ אַזויווי בעפאָר אסתר איז געגאַנגען צו די משתה האָט זי איינגעלאַדנט המן און געהאָפט אַז מאָרגן זאל שוין זיין "ונהפוך הוא" - ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, כן תהי' לנו!

לאָמיר געדענקן אַז אויב מיר שרייען נישט, דעמאָלט ווייסן נישט די בלינדע פּילאָטן ווען צו אָנהויבן אַרויפפאָרן און זיך דערווייטערן פון דער סכנה.

אפילו אויב מיר שרייען און מיר האָבן נישט די ריכטיגע כוונה, ווען די פּילאָטן אָנהויבן אַרויפפאָרן, ווייל למעשה האָבן זיי געהערט די געשרייען!

דער רבוש"ע האָט אונז מבטיח געווען אויב מיר וועלן טון די פעולה פון די מצוות, מיר וועלן זינגען און טאַנצן, וועט עס אויסקלאָרן אַלע בלאָקאַדעס און מיר וועלן זוכה זיין צו אמת'ע שמחה.

***

איך דאַרף גיין, הרב זינגער איז דאָ, צו לערנען מיט אונז אור החיים הק' און איך קען דאָס נישט פאַרפאַסן.

אָבער איך בענק זיך צו דעם פורים וואו איך פלעג זיין, איך בענק זיך צו די ערליכע אידן, איך בענק זיך צו כלל ישראל, דעם באַשעפער'ס קינדער, בנוסף צו מיין משפחה, טאַטע, מאַמע, ווייב און קינדער, ירחם ה'.

כ'בין מתפלל אַז מחר יהי' האות הזה - ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם - ויבא משיח צדקינו ויגאלינו במהרה בימינו אמן.

***

## מחיית עמלק – צו זיך קריגן מיט דעם אשר קרך

די סוד פון פורים וואָס השי"ת זאָגט 'ושים באזני יהושע' - נישט פאַרגעסן אַז פורים איז אַזוי גרויס אַז אפילו עבירות וואָס קענען נישט ווערן נתכפר אום יום הכיפורים, ווייל מיר טוען נישט די ריכטיגע תשובה, אָבער פורים ווערט עס אָפּגעווישט בלויז מיט אַ רצון צו טון תשובה!

אויב אינעווייניג אין דיין האַרץ האָסטו חרטה דעמאָלט וועט עס אַוועקגיין, אפילו די אַרגסטע פון די אַרגסטע זאַכן, מיר קענען פטור ווערן פון אַלעס! אום פורים העלפט אפילו בלויז אַ שטאַרקע חרטה און אַ גוטע רצון און דער רבוש"ע איז מוחל!

עמלק האָט געוואָלט מיר זאָלן גלייבן אַז מיר האָבן נישט קיין חשיבות. מיר דאַרפן לוחם זיין קעגן עמלק, מיר דאַרפן זיך מתבונן זיין אין אונזער חשיבות ביי השי"ת. אפילו דער שוואַכסטער איד איז דער רבוש"ע מוחל ווילאַנג ער וויל צוריקקומען, ווייל די ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט צו אַ איד קענען מיר נישט פאַרשטיין מיט אונזער מענטשליכער שכל!

שריי, זינג און טאַנץ, מיט אַ התלהבות, אפילו דו ביזט נאָכנישט דערביי, קוק נישט דערויף, בלויז טו עס! ס'איז אן הבטחה אין אַלע הייליגע ספרים אַז מיר וועלן פועל'ן אַלעס גוטס מיט אַלע ישועות. אמן.

קימו וקבלו היהודים עליהם ועל זרעם לקיים את כל דברי האגרת הזאת! לאָמיר מקבל זיין כל התורה כולה מיט אהבה! מיט שמחה!!!

אַ גוטן פורים!

נחמי'.

# מה נעשה יקר וגדולה למרדכי

כאשר שבנו בשלום לאהלינו אנשי שלומינו מתפללי בית מדרשינו בצוותא חדא בשב"ת אחים גם יחד אחר

## נסיעה רוממה, שהוכתרה ב"ה ברוב הצלחה, לעילא ולעילא מכל ברכתא בכל

לפקוד אצל ציונים הק' של קדושי עליון ושרפי מעלה מימי קדם, אשר מפיהם אנו חיים, ובמיוחד ביומא דהילולא קדישא של הרה"ק מקאלוב זי"ע, ויום שבתון אין לשכוח שבת נועם הנשמות,בראשם הרה"ג דומ"ץ בית מדרשינו שליט"א,

בטוחים אנו שכל הפסוקים של ספר תהלים בהתעוררות רב ובדמעות שליש, לעורר את הצדיקים הקודמים זי"ע בגנזי מרומים לפעול ישועות, רפואות, פרנסה בריוח, בריאת הגוף והנפש ושמחת החיים דקדושה, להם ולבניהם אחרים, וגם לרבות כל מתפללי בית מדרשינו ומשפחתם בכל מיני ישועות וכל מילי דמיטב

## תוקף פעולות מרדכי העומד בשער המלך

ובהא שעתא חייבים אנו להודות ולשבח את מע"כ האי גברא רבא ויקירא, איש החסד וכביר המעש, לומד תורה ותומך תורה, פאר המעלות, ביתו פתוח לרווחה לנצרכים, שמו הטוב הולך לפניו בכל מקום, עוסק לילות כימים בלי ליאות לרומם כל קדשי סאטמאר קרית יואל מעלה מעלה, ובפרט לפאר ולרומם את היכל בית מדרשינו בכל עת וזמן ה"ה

הרבני הנגיד הנכבד המרומם

מוה"ר

# מרדכי יצחק אייזיק וואלטער

הי"ו

רוח החיים דבית מדרשינו, ובריח התיכון לכל דבר שבקדושה

**שהושלך נפשו מנגד, בדמי"ם תרתי משמע, לא נח ולא שקט במשך כמה חדשים, בכשרונותיו המבורכים, ביום ויום ומדי חודש בחדשו, למען הצלחת הנסיעה הרוממה של מתפללי בית מדרשינו, הנסיעות להציונים הקדושים, ובמיוחד השבת קודש נועם הנשמות בכל פרטי' ודקדוקי' של ימי הנסיעה לסדר הכל על מקומו בשלום**

## אשריך ר' אייזיק ואשרי חלקך!!!

מילים אין בפינו, הלשונות אין בכוחינו, ודמים אין בידינו, לשלם את פעלך הטוב בכל עת ועידן לטובת מתפללי בית מדרשינו, מעומק לבבינו ברכותינו צרופה, שזכות כל הצדיקים הקדושים זי"ע, והזכותים של כל הרגשי קדושה, והרגשי התשובה אמיתית בלב שלם, יגן בעדך ובעד כל יוצאי חלציך להתברך בשפע ברכה והצלחה, בכל אשר תפנה תשכיל ותצליח, בחן וחסד, וכל מיני ישועות ורפואות בבריות גופא ונהורא מעילא, זרע חייא וקיימא, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכינו בראשינו בב"א

### משתתפי הנסיעה אסירי תודה

הרב **יואל ברוין**, דומ"ץ • הרב **לייביש דייטש**

**ישראל מילער • יחזקאל יואל וואלקאוויטש • נפתלי הערש וויינשטאק • יצחק ראטעננבערג • יואל וויינשטאק**
**משה ארי לעפקאוויטש • יודא דייטש • מנחם אלי' גראס • ישראל שמואל טעללער • משה פאלקוויטש**
**מעכיל פוקס • אלימלך שלום ווייס • שמעון פעלדמאן • יצחק יואל עסטרייכער • יואל לעווי • בנציון טירנויער**
**גבריאל פישער • מרדכי דווידזאהן • משה אברהם קליין • פישל גליק • יואל פערלמוטער • יואל בראווער**
**דוד יעקב דייטש • יודא יוסף ברייער • אשר יונה ווייס • ליפא ראטעננבערג • צבי דערשאוויטש**
**טובי' גרינפעלד • משה מרדכי קאהן • שמואל שטערן • ישראל חיים ברוין**
**שמואל יעקב גליק • יואל יאקאבאוויטש • יואל משה בארלעוו**

ג"א מצטרף: **יושע אביגדור בערקאוויטש**



והימים האלה נזכרים ונעשים עיר ועיר:

# קרית יואל גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין ימי שמחה ואורה יו"ט פורים הבעל"ט וואס וועט ווערן אפגעראכטן בהתרוממות והתעלות בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין:

לעכטיגע ימי שמחה והתעלות הייבט זיך אָן ווען אלפי אנ"ש ותושבי העיר וועלן מיטלעבן געהויבענער שבת זכור בהתאסף יחד כל קהלא קדישא בראשות הגה"צ דער רב שליט"א

בְּנֵי הֵיכָלָא דִּכְסִיפִין:

## דברי תורה ויראה משולב מיט דברי הכנה והתעוררות בגודל קדושת ימי הפורים בעת רעוא דרעוין בבית המדרש הגדול

בית המדרש וועט זיין צוגערישט צו קענען אַריינעמען אלפי חברי הקהלה בכבוד הראוי, ספעציעלע סעודת שלישית וועט זיין צוגעגרייט אויף אַ ברייטן פאַרנעם אין 'הדר חיים צבי'

- מנחה וס"ג וועט זיין אין אַ פריע שעה בשעה 7:10 צו קענען בענטשן בעז"ה תיכף ביים זמן מוצש"ק -

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני ביום הפורים:

מַה בַּקָּשָׁתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ, אמירת תהלים ברוב עם 6:30 אינדערפרי

## געהויבענער תפלת שחרית וקריאת המגילה בהיכל ביהמ"ד הגדול ברוב עם הדרת מלך

ספעציעלע מקום מיוחד פאר נשים צדקניות וואס ווילן מיטהאלטן מגילה ליינען פון הגה"צ דער רב שליט"א וועט ווערן איינגערישט אין היכל הביהמ"ד מעריב זייט, אריינגאנג פון אלטע בית הוראה

## לעכטיגער יו"ט פורים וועט זיך אנהייבן בליל התקדש ביי קריאת מגילה ברוב עם הדרת המלך דורך הגה"צ דער רב שליט"א בשעה 9:15

והימים האלה נזכרים ונעשים:

# געניטער סדר 'זמני משלוח מנות' אראַנדזשירט פאר המוני תושבי העיר צו קענען אריינגיין פערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א בעצם היום לברך ולהתברך בהאי יומא דקגרים

## ספעציעלער דגוש אַז יעדער תושב וחבר הקהלה זאָל קענען פערזענליך אריינגיין מיט די קינדער לברך ולהתברך

ווי באַריכטעט פאַרגאַנגענע וואָך, די הויכפונקטן פונעם טאג וועט זיין ווען מ'וועט האָבן די זכי' נשגבה צו קענען אַריינגיין פערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א, יעדער ראש בית אב באַזונדער, צו מקיים זיין די מצוה פון משלוח מנות דורכאויס די שעות היום, און קענען נהנה זיין מאורו הבהיר אין אַזוינע הייליגע גרויסע זמנים, און שעפּן די השפּעות פונעם יום טוב פאר זיך און פאר די קינדער לקיים את הימים האלה, צו איבערגעבן משלוח מנות און זיך וואונטשן אַ פרייליכן לעכטיגן תמיד וברכות לרוב.

ווי די הנהלת הקהלה גיט איבער איז געוואָרן אויסגעאַרבעט אַלע 'טראַפּיק דעטאַלן' אַרום די שטוב פונעם רב שליט"א, ווען די ערוואַרטונג איז אַז טויזנטער אנ"ש ראשי בית אב אינאיינעם מיט די קינדער וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אריינצוגיין אל חדר הפרטי במעון פונעם רב שליט"א, אין אַזאַ גרויסן זמן בעצם יום הפּורים. נאָכ'ן זיצן מיט די ווילעדזש באַאַמטע און מסדרים פון די טראַפּיק, איז געוואָרן אויסגעשטעלט אַז דער 'קוויקוועי' גאס וועט זיין אַן 'איין-וועג' אין די נאָכמיטאָג שעות בשעת די זמני משלוח מנות, כדי די גאַסן אַרום זאָלן נישט צוקומען צו אַ גרידלאַק, נאָר אַלעס זאל זיין אויסגערעכנט לשביעת רצון כל תושבי העיר.

### קוויקוועי רד. וועט זיין אַ "וואן ווער" כדי צו פארזיכערן אז די פליץ פון גרויסן ציבור ברענגט נישט צו קיין גרידלאק

ספעציעלע ממונים געשטעלט זיך אפצוגעבן מיט די טראפיק פלוס עס זאל פארן געשמירט אלע שעה'ן פון טאג

אויטאס קען מען פארקירן ביים לײדיגן גרויסן שטח 13 רימאנוב' פארנט פון בנין ישיבת עצי חיים און אריבער קומען דורכן שארט קאט צו קוויקוועי רד.

### פון 3:00 ביז 4:00 דעזיגנירטע שעה בלויז פאַר פאַרי הקהלה און חברי זהב

צו האָבן די רואיגקייט און פאַסיגער צייט מיוחד בלויז פאר די אנשים מכובדים אַריינצוגיין אל חדר הפרטי ולקבל ברכות והשפעות היום

### פון 4:00 ביז 6:00 דער זמן מיוחד פאר כל קהלא קדישא ראשי בית אב

אינאיינעם מיט די קינדער אַריינצוגיין אל חדר הפרטי צו איבערגעבן משלוח מנות און זיך וואונטשן אַ פרייליכן לעכטיגן תמיד וברכות לרוב

# העכסט געלונגענער פראדאקטיווער "אסיפת עסקנים" מיט די פולע באטייליגונג פון 'נאמני הקהלה' לקראת יו"ט פורים הבעל"ט

## געטרייע עסקנים נעמען אויף זיך פאזיציעס צו פארזיכערן אז דער גאנצער יו"ט מבואו ועד צאתו גייט אריבער מיט הצלחה להנאת אלפי תושבי העיר

נאמני הקהלה
עוסקים בצרכי ציבור באמונה

איפּטריטן פון מו"ה ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו - מנכ"ל המוסדות, און מו"ה ר' יוסף יוזפא לאנדא הי"ו - חבר הנהלת הקהלה, אנבאלאנגט אלע דעטאלן אין לויף פון יו"ט וואס איז נויטיג די געטרייע האנט פון די דינאמישע עסקנים

אסיפה איבערצייגט פעסטער כח העסקנות בתוככי קהל ומוסדות קרית יואל וואס איז א שם דבר אין די גאנצע וועלט





וּבְכָל־עִיר וָעִיר מְקוֹם אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים מִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב:

# פייערליכע שפּאַנונג און ערוואַרטונג מיטצולעבן לעכטיגע לאַנגע שעה'ן בשמחה ודביקות בעצם יום הפורים ביי 'מעמד משתה ושמחה'

## אַנטשפּרעכנדיג זעלטענער שמחה'דיגער מעמד בצאתו בשלום מן הקודש זיך ציענדיג עד חצות הלילה

### הגה"צ דער רב שליט"א וועט עטליכע מאָל במשך המעמד משמיע זיין בפני קהל ועדה פייערדיגע דברי תורה ויראה בגודל קדושת היום, מיט הייליגע בחינות און רמזים מפּי רבותיה"ק זי"ע

משולב מיט דברי חיזוק והדרכה וואָס מ'קען מיטנעמען מיט זיך אויפ'ן גאַנצן יאָר, באַגלייט מיט די לעכטיגע השפּעות וואָס דער יו"ט גיסט אַריין אין יעדן איד

משוררי הקהלה וועלן אָנפירן מיט ניגוני התעוררות ודביקות, נאָכגעפאָלגט מיט די לעבהאַפטיגע ניגוני שמחה ביי די פייערליכע טענץ להודות ולהלל

### שעה'ן פון פלאַמעדיגע פייערליכע ריקודין עילאין אין אַזאַ געהויבענעם זמן של שמחה יחד כל קהלא קדישא על נסיך ועל נפלאותיך בימים ההם ובזמן הזה

### ברייטע טעימה וועט זיין צוגעשטעלט בהרחבה לכל הקהל הקודש אין "חדר בית מנחם" אין לויף פון אלע שעה'ן פון מעמד אדיר

ברכת המזון ברוב עם ביים סוף פון מעמד

# נאמני הקהלה אין פיבערהאַפטיגע הכנות צוצוגרייטן יעדן דעטאַל צו איינעמען אַלע חברי הקהלה מיט די ריכטיגע כבוד הציבור על צד היותר טוב

גרויסער בית המדרש ווערט אויסגעשטעלט מיט מאַקסימום פּלאַץ פאַר בעה"ב חשובים ופארי הקהלה, אברכים יקרים, און הונדערטער בחורי חמד תלמידי ישיבות הקדושות, וועלכע וועלן זיך מיטפרייען און מיטלעבן די געהויבענע צייטן דורכאויס די לאַנגע שעות פון פורים נאָכמיטאָג ביז אַריין במוצאי יום הגדול, בצוותא חדא כל קהלא קדישא ברוב עם הדרת מלך

ספּעציעלע כוחות ווערן אַריינגעלייגט אויסצושטעלן די עזרת נשים צו אַקאָמאַדירן די נשים צדקניות וואָס ווילן נישט אַרויסלאָזן מיטצוהאַלטן אַזאַ געהויבענער זמן

**צוגעלייגטער 'עזרת נשים אויף מעריב זייט' וועט צושטעלן נאָך פּלעצער פאַר די נשים צדקניות; אַריינגאַנג דורך אַלטע בית הוראה בבידהמ"ד הג'**

## מאַפּע איבערשטעל פונעם מעמד משתה ושמחה



וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים:

# נייע טרעפיק אויסשטעל אויף קוויקווע' רד. צו ערמעגליכן המוני תושבי העיר צו קענען פערזענליך איבערגעבן משלוח מנות פאר'ן רב שליט"א

קוויקווע' רד. וועט זיין א "וואן וועי" כדי צו פארזיכערן אז די פלייץ פון גרויסן ציבור ברענגט נישט צו קיין גרידלאק

ספעציעלע ממונים געשטעלט זיך אפצוגעבן מיט די טראפיק פלוס עס זאל פארן געשמירט אלע שעה'ן פון טאג

אויטאס קען מען פארקירן ביים ליידיגן גרויסן שטח 13 רימאנוב' פארנט פון בנין ישיבת עצי חיים און אריבער קומען דורכן שארט קאט צו קוויקווע' רד.




די טוישונגען וועלן זיין אין אפעקט אין די פאלגנדע זמנים:
**פורים ביינאכט פון 9:30 ביז 12:30**
**בייטאג פון 11:00 ביז 6:00 נאכמיטאג**

**ביטע אויספאלגן די אנווייזונגען פון די פובליק סעיפטי באאמטע און קאאפערירן מיט פארשטענדעניש**

א לוסטיגן פורים לנו ולכל ישראל

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מערייוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא

בס"ד

# מודעה חשובה

הננו בזה להודיע, לכל הקהל הקודש אנשי שלומינו הע"י, אשר

# הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

יהי' בעז"ה במשך

# יום הפורים

## בביתו: 16 QUICKWAY RD

## זמני משלוח מנות

**משעה 3:00 אחצ"ה עד 6:00**

עד 4:00 מיוחד לחברי 'פארי הקהלה'
ו'חברי זהב בקהלתינו הק'

הממונים יסדרו הכל עצהיו"ט שיוכלו כאו"א ליכנס בהאי יומא דקא גרים

בשעה 8:00 יתקיים אי"ה מעמד משתה ושמחה
במקהלות עם רב בהיכל בית המדרש הגדול

שמחת פורים ושמחת תמיד

**הנהלת הקהלה**

הָדָר קַבָּלוּהָ מֵאַהֲבָה:

# לעכטיגע בחורי חמד, תלמידי מבצרי ישיבה קטנה סאטמאר קרית יואל, איפגעשטורעמט מיט רגשי התעוררות לקראת ימי הפורים הבעל"ט

**האַרציגע סצענעס ווען הונדערטער תלמידי הישיבות שרייבן אונטער בחתימת ידם אַוועקצוגעבן די זכות עצום פון 'גיין נאָך געלט צופים' לזכותו פון הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה שליט"א**

טרערן געשטיקטע איפטריט דורך הרה"צ ר' אברהם יהושע פריינד שליט"א מנאַסויד, אין יעדע סניף הישיבה באַזונדער, באַרירט די בחורים עד עומק הנשמה, מיט לעבעדיגע שילדערונג פון די ליידן פון ר' נחמי' שליט"א צווישן די תפיסה ווענט

כִּי כֵן צִוָּה הַמֶּלֶךְ:

## תקנה גדולה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א נישט צו אַרומפאָרן מיט 'מאַבילס' ווערט פריש איפגענומען דורך טייערע בחורים מתוך אהבה ורצון

וְנִשְׁמַע פִּתְגָם הַמֶּלֶךְ וְכָל הַנְּדִיבִים יִתְּנוּ יְקָר:

## קרית יואל'ער נדיבים בעם ווען אַקעגנקומען און אַרויסצייגן ספעציעלע שעצונג פאר חשוב'ע סאטמאַרער בחורים וועלכע זענען 'מכתת רגלם' פשוטו כמשמעו, איבער אַלע עקן שטאָט אין דעם יום הפורים

די הייליגע ווענט פון די קרית יואל'ער מבצרי הישיבות קטנות זענען שוין לאַנג נישט געווען אַזוי אנגעגליעט ווי אין לויף פון די פאַרגאַנגענע וואָך, ווען די בחורי חמד פון אַלע סניפי הישיבות, האָבן געהערט מיט געפיל די רירנדע און האַרצרייסנדע איפטריט דורך הרה"צ ר' אברהם יהושע פריינד שליט"א, מנאַסויד, וועלכער האָט געהאַלטן געשפּאַנט די תלמידי הישיבות לקראת די הייליגע ימי הפורים.

## אַ לעבעדיגע גריס פון די תפיסה קאַמערן

אין זיינע האַרציגע ווערטער האָט ר' אברהם יהושע שליט"א אַרויסגעהויבן די זכי' און די אומגעהויערע שכר און חשיבות פון די טייערע בחורים וועלכע זענען זוכה צו מקיים זיין רצון צדיק, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און טאַקע אַרומגיין נאָך געלט פאר צדקה דייקא צופיס, כי כן צוה המלך, צו פאַרזיכערן אַז דער הייליגער טאָג ווערט טאַקע געפּראַוועט מיט אַ געוואַלדיגע קדושה און ערנסטקייט, כראוי וכיאות.

דורכאויס די דרשות נפלאות וואָס האָבן זיך פאַרצויגן פאר אַריבער אַ שעה, יעדע דרשה באַזונדער, האָט ר' אברהם יהושע גלייכצייטיג געברענגט פאר די בחורים אַ וואַרימען גריס פון הונטער די תפיסה גראַטעס, ווען ער האָט מיט אַ קול געשטיקט פון טרערן מיטגעטיילט די פיזישע ליידן און גייסטישע פיין וואָס עס גייט אַריבער הרה"ח ר' נחמי' צבי בן דינה שליט"א, וואָס ר' אברהם יהושע האַלט עטוואָס מיט פון דער נאָנט, זייענדיג אַן אפטער וועכנטליכער גאַסט ביי ר' נחמי', לחזק ולרומם את רוחו.

## תלמידי הישיבות נעמען אויף זיך קבלה טובה עצומה לזכות ר' נחמי' שליט"א

ביי דער ענדע פון די התרגשות'דיגע דרשה האָט ר' אברהם יהושע איבערראַשט די בחורים מיט זיין פאָרשלאַג. נאָכ'ן דערמאַנען די מורא'דיגע הפלגות וואָס צדיקים הקודמים האָבן געזאָגט אויף דעם זכות און שכר פון גיין נאָך געלט צופיס אין אַלע עקן פון דער שטאָט, אַז דאָס איז מציל פון ד' מיתות של בית דין און נאָך, האָט ער געפרעגט אויב די בחורים וואָלטן מסכים געווען צו אַוועקגעבן אָט דעם גרויסן זכות, אַז ס'זאָל זיין לזכות פון הרה"ח ר' נחמי' צבי בן דינה שליט"א, וועלכער שמאַכטעט שוין אַריבער 11 יאָר אין טורמע, אַז בזכות זה זאָל ער שוין בקרוב אַרויסגיין מאפילה לאור גדול.




ס'איז געווען רירנד ביז גאָר ווען אַלע בחורים האָבן אַלע ווי איינער געענטפערט אַ האַרציגן "יאָ!" וענו כולם בקול אחד ואמרו נעשה ונשמע, אַז זיי ווילן זיך אונטערנעמען די קבלה טובה לזכותו פון ר' נחמי' שליט"א. אויף וואָס ר' אברהם יהושע האָט זיי פאַרשפּראָכן אַז ער וועט איבערגעבן פאַר ר' נחמי', ביי זיין קומענדיגן באַזוך, אַז ער זאָל אינזין האָבן די אַלע אונטערגעשריבענע נעמען ביי זיינע תפלות ובקשות מן המיצר.

## הונדערטער התרגשות'דיגע חתימות אונטערגעשריבן בשמם ובשם אמם

אויפ'ן אָרט איז אַנטשטאַנען אַ מחזה הוד ווען די טייערע בחורים האָבן מיט געפיל אונטערגעשריבן אויף דעם ספּעציעלן נוסח, וואו עס ווערט דערמאַנט דאָס לשון פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע: "שההולך לקבץ צדקה בארבע פנות העיר מתכפר לו על עוון ארבע מיתות בית דין רח"ל".

דאַן דערמאַנען די תלמידי הישיבות זייער קבלה טובה: "אזרני חיל וגמרנו בדעתינו בכח הרבים ובכח של תשב"ר ומצות צדקה בצירוף קדושת עיצומו של יום הקדוש, לתרום זכותינו שאנו מסבבים בימים האלו מתוך טירחא דגופא בשווקים וברחובות בבתי נדיבים

ובתי מדרשים, על הערים ועל הגבאות במבואות הארוכים והקצרים וליתנו במשלוח מנות איש לרעהו, שיהיה נזקף לזכות הרב החסיד נחמי' צבי בן דינה, ויעזור הקב"ה שבזכות מצות צדקה וכו' שנתבשר במהרה בישועה ובקרוב יצא מבית המאסר".

די לעכטיגע בחורי חמד שרייבן זיך דערויף אונטער מיט אַ סאַטמאַרער שטאָלץ: "הכ"ד תלמידי וחסידי רבינו הקוה"ט זי"ע בחורי ישיבה תורה ויראה דרב"י סאַטמאַר קרית יואל יצ"ו", מיט אַ פּערזענליכע בקשה צו ר' נחמי' שליט"א: "ובחדא מחתא בקשתינו שטוחה שיעלה זכרונינו בעת עמוד להתפלל בימים הקדושים האלו בעדינו ובעד הורינו ומורינו היקרים להיוושע בכל משאלות לבינו אמן".

אויף דעם נוסח האָבן אונטערגעשריבן די הונדערטער תלמידי הישיבה, אויף אַ פּרייוויליגן אופן, ברצון ובאהבה, מיט זיך מזכיר זיין בשמם ובשם אמם, בדבר ישועה ורחמים.

ווירקליך, אין די נאָכפאָלגנדע טעג, ביי זיין וועכנטליכן באַזוך אין טורמע ביי ר' נחמי' האָט ר' אברהם יהושע אים איבערגעגעבן די אַלע חתימות און ר' נחמי' האָט מיט אומבאַהאַלטענע התרגשות פאַרשפּראָכן אַז ער וועט אויך מתפלל זיין פאַר זייערע עלטערן, אַרויסברענגענדיג וויפיל חיזוק און מוט אַזאַ הייליגע אונטערנעמונג בלאָזט אַריין אין אים, להחיות את רוחו במצור ובמיצק.

## אַ דערהויבענעם פּורים אין קרית יואל

גרייטן זיך טאַקע די טייערע סאַטמאַרער בחורי חמד צו אָפּרעכטן די קומענדיגע געהויבענע ימי הפּורים הבעל"ט, מיט אַ געהויבנקייט און ערליכקייט, אויספאָלגנדיג רצון קדשו פון כ"ק אדמו"ר שליט"א נישט זיך צו באַנוצן מיט די פאַרשידענע סאָרט 'מאָבילס' וכדומה, נאר טאַקע אַרומגיין צופיס נאָך געלט, כמקדמת דנא.

ס'איז זיכער אַז קרית יואל'ער נדיבים בעם וועלן אַקעגנקומען און אַרויסצייגן זייער התפּעלות און אַנערקענונג פאר די חשוב'ע סאַטמאַרער בחורים וועלכע שטרענגען זיך אָן צו 'גיין נאָך געלט' איבער אַלע עקן שטאָט אין דעם גרויסן הייליגן טאָג, און גלייכצייטיג באַקומען די אלע ברכות האמורות בתורה, בזכות החזקת והרבצת תורה ויראה.

**לקיים את ימי הפּורים האלה!**


בס"ד

קהל ישב לב סאטמאר
קרית יואל

בזה אנו מודיעים לקהל הקודש אנשי שלומינו הע"י

# זמני משלוח מנות

למרנן ורבנן הגאוה"צ דייני קהלתינו הק' שליט"א

## ביום הפורים הבעל"ט

**הגה"צ הדומ"ץ שליט"א**
**כל היום בביתו: 4 ארשיווא קט. #301**

**הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
משעה 12:30 אחצ"ה ואילך
בביהמ"ד בית מאיר

**הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
כל היום
בביתו: 15 פילמאר קט. #303

**הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
כל היום
בביתו: 5 סקאנעמאנק רד. #201

**הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
משעה 1:30 אחצ"ה ואילך
בביתו: 5 ווען ביורען דר. #303

**הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א**
דומ"ץ טאהש
משעה 2:30 ואילך אחצ"ה ואילך
בביתו: 4 קראלי דר. #201

**הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
משעה 11:00 עד 5:30
בביתו: 37 רעיוואד דר. #204
ואח"כ בביהמ"ד בית מאיר

**הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
משעה 1:00 עד 3:00, ומשעה 4:30 ואילך
בביתו: 9 סטראבערי לעין

**הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א**
מורה צדק בקהלתינו הק'
משעה 1:00 עד 5:00 אחצ"ה
בביתו: 15 געציל בערגער בלווד #302

**הרה"ג רבי משה חיים לאבין שליט"א**
רב ביהמ"ד בית כהנא
משעה 2:00 עד 4:00
בביתו: 19 חברון רד #301

**הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
משעה 1:00 עד 3:00
בביתו: 4 איירין היל #301

**הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה
משעה 1:30 עד 3:30
בביתו: 15 גארפיעלד רד. #202

**הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
משעה 12:00 עד 3:15
בביתו: 8 אוסטראה פארקוועי #405

**הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה
משעה 1:00 עד 4:00
בביתו: 5 לייפניק וועי #102 845-662-1545

**הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה
משעה 12:00 עד 1:30
בביתו: 4 קאלוב וועי #102

**שמחת פורים ושמחת תמיד**

מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת:

# חנוכת הבית געפּראַוועט פאר נייעם צענטראַלן 'בית המדרש עבודת אהרן' אין 'שכונת דזשעפערסאָן' פאַרלאָפענעם שב"ק פרשת פקודי

**לעכטיגע תפלות בשבת אחים יחד ביים ערשטן שב"ק בצוותא חדא כל תושבי השכונה - הערליכער מעמד חנוכת הבית וקביעת מזוזה פאָרגעקומען מוצש"ק פקודי במעמד כל תושבי העיר**

**בליענדער שכונת דזשעפערסאָן ווערט ערגענצט מיט איר רוחניות'דיגער געשטעל נאָכ'ן משלים זיין דער צענטראַלער מגדול אור פונעם גאַנצן אומגעגנט שמשם תצא תורה ותפלה וגמילת חסדים**

קרית יואל רבתי. - גאָר געהויבן שפּירן זיך די תושבי שכונת דזשעפערסאָן אינערהאַלב קרית יואל רבתי, שטייענדיג נאָך דעם פאַרלאָפענעם שבת קודש פּרשת פקודי, ווען עס איז געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ געהויבענעם פאַרנעם, דעם חנוכת הבית אויפ'ן לאַנג-אַרויסגעקוקטן בית המדרש 'עבודת אהרן' המפואר, וואָס מ'האָט ב"ה זוכה געווען צו באַנייען בשעה טובה ומוצלחת, און געהאַט די זכי' צו דאַווענען דעם ערשטן לעכטיגן שבת כל קהלא קדישא כל תושבי השכונה אין אַ ברודערליכן אַטמאָספערע בשבת אחים גם יחד.

## דער הערליכער בליענדער 'שכונת דזשעפערסאָן'

דער הערליכער שכונת דזשעפערסאָן אין וואודבאָרי האַרט נעבן אַלט קרית יואל, איז אויסגעשטיגן אַלס אַ הערליכער געגענט לשם ולתפארת מיט צענדליגער תושבים וואָס האָבן זיך אין די לעצטע עטליכע יאָר איינגעהאַנדלט אַ הערליכע הויז פאר אַ ביליגע פּרייז, אַ רחבות'דיגער דירה וואָס מ'קען זיך נישט ערלויבן אין אַלט קרית יואל. ס'האַלט זיך אין איין מערן די צאָל איינוואוינער וואָס קלויבן אויס צו הנאה האָבן פון אָט דעם הערליכן געגענט וואָס טראָגט מיט זיך הערליכע גאַסן, שיינע שטחים פון גראָז און ביימער, ועל כולנה איז עס שוין באַזעצט מיט ערליכע היימישע משפחות וואָס וואוינען שוין דאָרט עטליכע יאָר כולן שוין לטובה, אָפּגעזונדערט פון די רוישיגע גאַס, הנאה האָבנדיג פון די רחבות און הרחבת הדעת וואָס דער געגענט איז באַשאָנקען.

ס'איז אַ נחת בלויז אַריבערצופאָרן דעם הערליכן געגענט, ווען דער צענטראַלער דזשעפערסאָן גאַס איז שוין רוב רובא באַזעצט דורך אידישע אייגענטומער. אויף די גאַסן שפּירט זיך אַ היימישע לופט מיט צענדליגער קינדערלעך וואָס שפּילן זיך און פילן אָן מיט לעבהאַפט די אַמאָל-פאַרשטאָרבענע געגענט.

ווי יעדע אידישע געגענט, גענוי ווי אַלע אַנדערע געגענטער אויסגעשפּרייט אויף די לענג און ברייט פון קרית יואל רבתי, איז די ערשטע זאַך וואָס אַ איד טראַכט, איז



תושבי השכונה ביים הערליכן מעמד חנוכת הבית



הרה"ג ר' יואל פּאָרקאָש שליט"א רב דבית המדרש ביי זיין דרשה

דאָס אויפבויען דער רוחניות'דיגער צענטער לתורה ותפלה, אַ בית המדרש וואו מ'קומט זיך צוזאַם פאר אַלע תפלות בשבתות וימים טובים, און אַזוי אויך לימות החול, אַ ווינקל צו קענען לערנען מיט חברותות און פאָרלערנען די שיעורי תורה דרבים לכל דורש ומבקש.

## צענטראַלער בית המדרש דער שפּיץ פונעם שכונה

די חשוב'ע תושבי השכונה האָבן זיך גלייך אַריינגעוואָרפן פון די ערשטע מינוט, צו טרעפן אַ פּאַסיגן לאָקאַל וואו צו מייסד זיין דער צענטראַלער בית המדרש פונעם געגענט, בעת וואָס מען האָט געדאַווענט אין אַ צייטווייליגן לאָקאַל וואָס האָט געדינט אַלס בית המדרש ביז היינט.

דער מקום תורה ותפלה דער צענטראַלער בית המדרש פונעם געגענט, ווערט געפירט דורך הרה"ג ר' יואל פּאָרקאָש שליט"א רב הבית המדרש 'עבודת אהרן' דשכונת דזשעפערסאָן, ור"י אור החיים.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַריכטן, אַ זאַך וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַלע אַנדערע געגנטער צוגלייך, אַז יעדער יחיד, יעדער תושב פאר זיך, טוט דאָס מאַקסימום ווען ס'קומט צו בויען די רוחניות פונעם געגענט. לאו דוקא רעדט זיך עס פון עסקנים אָדער אידן וואָס האָבן די עקספּערטיז דערין, נאר פּשוט יעדער פאַרשטייט אַז דאָס איז די פּריאָריטעט פון אַ נייע געגענט. ס'איז אַ פרייד צוצוקוקן ווי יעדער איינוואוינער ווערט אַן עסקן צו אויפטון למען כבודו יתברך, צו העלפן מייסד זיין דער רוחניות'דיגער צענטער למענם ולמען זרעם, מיט אַן אחדות פאר יעדן תושב צוגלייך.

ב"ה די סייעתא דשמיא איז בייגעשטאַנען אויף טריט און שריט, און נאָכ'ן זיך אַריינלייגן אין די לענג און ברייט האט הקב"ה צוגעפירט צום פּאַסיגן אָרט וואו מ'זאָל קענען קובע זיין דעם בית המקדש מעט, וואָס גייט בעז"ה אויפבויען די רוחניות פונעם געגענט פי כמה. ותחלה למקראי קודש וועט דאָס זיין

# ברם יזכר לטוב, העסקן הנמרץ ר' לוי יצחק דיימאַנד הי"ו, מחשובי תושבי השכונה, דער מייסטער-בויער אײנצורישן דער העליכער ביהמ"ד מיט יעדן קלענסטן דעטאַל

## 'טראָססט בילדערס' האָט ווידעראַמאָל צוגעשטעלט זייער באַרימטע סערוויס צוצושטעלן די קאָנסטרוקציע 'רעדי-טו-מאָוו-אין' ערגענצט מיט יעדן קלענסטן דעטאַל

באַריכטנדיג דעם הערליכן מעמד חנוכת הבית, איז כדי צו באַטאָנען די אומגלויבליכע כוחות אדירות וואָס ס'איז אַריינגעלייגט געוואָרן דורך האי עסקן נמרץ מו"ה ר' לוי יצחק דיימאַנד הי"ו, מחשובי תושבי השכונה, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון די קאָנסטרוקציע פון אַהערשטעלן די ביהמ"ד פונעם שכונה.

ר' לוי יצחק איז באַרימט מיט זיין כח העסקנות לכל קדשי העיר, און לעצטנס האָט ער געעפענט זיין נייע פירמע 'טראָססט בילדערס' וועלכע טוט פאַרפיגן אויף אַלע קאָנסטרוקציע אַנגעלעגנהייטן. אַצינד ביים אויפבויען דעם צענטראַלן רוחניות'דיגן מגדול אור פונעם געגנט, האָט ער דאָ אויסגעניצט זיינע ביידע טעטיגקייטן. ער האָט געניצט זיין כח העסקנות צו שטיין אין שפּיץ לילות וימים ביזן זען די השלמה פון דעם פּראָיעקט, און ער אַליין איז געשטאַנען בגופו מיט זיין באַרימטע פירמע צו אַהערשטעלן דעם גאַנצן ביהמ"ד מהחל ועד כלה, בעת וואָס אַלעס איז געווען בלי תשלום גמול, אך ורק להרבות תורה וקדושה פאַר'ן גאַנצן אומגעגנט.

אַריינקומענדיג דעם ערשטן שב"ק אין ביהמ"ד, האָט זיך געקענט דאַכטן אַז דאָ רעדט מען שוין פון חדשים וואָס דער פּלאַץ ווערט באַנוצט... קיין שום דעטאַל איז נישט געוואָרן אויסגעלאָזט, מקטון ועד גדול, איז אַלעס געווען אין פּלאַץ פּיקס פערטיג ווי ס'פּאַסט פאר אַ בית המקדש מעט.

גענוי ווי ביי אַלע אַנדערע פּראָיעקטן וואָס זיין פּראָפעסיאָנאַלע טיעם טוען אינעם פעלד פון קאָנסטרוקציע, האָט ער דאָ געטון דאָס זעלביגע, מיט'ן איבערנעמען די גאַנצע קאָנסטרוקציע זאָנע מהחל ועד כלה, אָנגעהויבן פונעם גאַנצן גרויסן בילד, ביז'ן אַהערשטעלן יעדן קלענסטן דעטאַל, מיט'ן גרעסטן מאָס געטריישאַפט און השלמה, וואָס די צופרידנהייט איז אַ שם דבר ביי אַלע זיינע פּראָיעקטן.

דער ציבור התושבים זענען מכיר טוב פאר ר' לוי יצחק, וואָס איז טעטיג להרבות פּעלים פאַר'ן גאַנצן אומגעגנט, און באַזונדער מיט'ן אויפבויען און אַהערשטעלן דעם לעכטיג ווינקל, וואָס דאָס איז אַזוי שנעל און גיך באַנייט געוואָרן אין זיין זכות.

זאָל דער זכות אים באַגלייטן צו זען הצלחה בכל מעשי ידיו!

Trusst
BUILDERS



הר"ר יעקב יודא גפן שליט"א מחשובי מתפללי הביהמ"ד טרעט אויף



דער מייסטער-בויער העסקן הנמרץ ר' לוי יצחק דיימאַנד הי"ו, מחשובי תושבי השכונה ביים איבערגעבן זיינע הרגשים



הרבני הנגיד ר' אברהם זאב פילאפף הי"ו מגדולי תומכי הביהמ"ד ביים קובע זיין א מזוזה



הרה"ג רב דבית המדרש שליט"א ביים קובע זיין א מזוזה



הרבני הנגיד ר' אהרן נחום קויפמאן הי"ו מגדולי תומכי ביהמ"ד ביים קובע זיין א מזוזה



הרבני הנגיד ר' נחמי' ווייס הי"ו מגדולי תומכי הביהמ"ד ביים קובע זיין א מזוזה

דער צענטראַלער צענטער לתורה ותפלה פאַר'ן גאַנצן אומגעגנט אויף די קומענדיגע יאָרן בעז"ה.

## ב"ה מ'האָט זוכה געווען צו טרעפן פּאַסיגן לאָקאַל און נאָך עטליכע וואָכן צו פּראַווען די חנוכת הבית

כוחות עצומות און דמים תרתי משמע איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די לעצטע עטליכע וואָכן, צו גענצליך איינרישן דעם הערליכן בית המדרש (זעט באַזונדערע קעסטל איבער די קאָנסטרוקציע וואס איז אַריינגעלייגט געוואָרן), און ב"ה האָט מען אין אַ גאָר קורצע צייט אַלעס אַהערגעשטעלט על צד היותר טוב, און מ'האָט בס"ד אויף דעם פאַרלאָפענעם שב"ק געקענט באַנייען דער צענטראַלער ביהמ"ד פונעם געגענט צו די גרויס פרייד פון כל תושבי השכונה.

דער לעכטיגער שבת חנוכת הבית איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויף אַ געהויבענעם פאַרנעם. די תפלות איז געפּראווועט געוואָרן בשבת אחים גם יחד מיט אַ דערהויבנקייט און התעלות, אָפּגעבנדיג אַ שבח והודי' להקב"ה אַז מ'האָט זוכה געווען צו אַזוי אַרויסגעקוקטן מאָמענט זיך צו קענען אַריינציען בשעה טובה ומוצלחת אינעם הערליכן בית המדרש עבודת אהרן.

במוצאי מנוחה, אַרויסגייענדיג פונעם געהויבענעם שב"ק, איז פאָרגעקומען אַ רייכע סעודת מלוה מלכה, משולב מיט די פייערליכע מעמד חנוכת הבית, בהשתתפות כל תושבי השכונה, ובראשות הרה"ג רב הביהמ"ד שליט"א.



הרה"צ המקובל רבי שמואל בנימין קרויס שליט"א אַ פעטער פונעם רב הביהמ"ד ביים אנוואונטשן לרגל המאורע

ס'איז געווען צוגעגרייט אַ רייכע סעודה לכבוד המאורע. דער ציבור איז געזיסן און פאַרברענגט אַ לענגערע צייט בשבת אחים גם יחד, אין אַ געהויבענע פריידיגע שטימונג אַז מ'איז ב"ה זוכה מיטצולעבן די מזל'דיגע שעה ווען מ'איז מחנך דעם בית המקדש מעט, וואָס משם תצא תורה ותפלה פאַר'ן גאַנצן אומגעגענט.

ביים מעמד האָט אויפגעטרעטן הרב ר' יעקב יודא גפן שליט"א מחשובי תושבי השכונה, וועלכער האָט פּאַסיג איינגעלייטעט דעם מעמד ההוד, און אַרויסגעברענגט די הרגשים וואָס די תושבי השכונה לעבן מיט. ער האָט באַדאַנקט די אַלע נדיבים וואָס האָבן געהאַט די זכי' צוצולייגן אַ האַנט צו העלפן בויען די ביהמ"ד. באַזונדער האָט ער ארויסגעברענגט דאס הכרת הטוב וואס מען דארף ארויסווייזן פאַר'ן שפעערישן עסקן נמרץ מו"ה ר' לוי יצחק דיימאַנד הי"ו וועלכער האָט נישט גערוהט קיין מינוט, ביז ווילאַנג ער האָט געזען די ביהמ"ד על תילה בנוי', בעת וואָס ער איז געשטאַנען בגופו למען העמדת הביהמ"ד בלי תשלום גמול, וואָס דער געוואַלדיגער זכות וועט אים זיכער באַגלייטן כל ימיו.

דערנאָך האָט אויפגעטרעטן מיט טרעפליכע ווערטער הרה"ג רב הביהמ"ד שליט"א, וועלכער האָט מיט זיין רייכן לשון לימודים אַרומגערעדט איבער דער גרויסקייט און וויכטיגקייט צו מייחד זיין דעם לעכטיג ווינקל אך ורק לתורה ותפלה, און מעורר געווען זיך צו מחזק זיין בקביעות עתים לתורה. דער רב שליט"א האָט אַרויסגעברענגט וואָס דאָס מיינט אַז דער גאַנצער געגענט גייט יעצט ווערן פעסט אַרויפגעבויעט מיט די יסודות פון אַ איד, און האָט געפאָדערט צו האַלטן כבוד וקדושת הביהמ"ד ווי דער הלכה פאַרלאַנגט.

דערנאָך האָט אויפגעטרעטן מו"ה ר' אלי' דוד טירנויער הי"ו מחשובי תושבי השכונה, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט אַז ער האָט זיך נאָרוואָס אַהינגעצויגן, און אַלס בחינה פון אַ גאַסט האָט ער אַרויסגעהויבן די שיינקייט פון די תושבי השכונה וואָס האָבן אים אַזוי הערליך אויפגענומען. ער האָט אַרויסגעהויבן די ליכטיגקייט וואָס שיינט אַרויס פון כל התושבים וואָס איז אויסגעשטיגן אַלס איינס פון די שענסטע געגענטער אינערהאַלב קרית יואל רבתי לשם ולתפארת.

ביים מעמד האָט מען געהאַט די זכי' צו אַנטפאַנגען הרה"צ המקובל רבי שמואל בנימין קרויס שליט"א אַ פעטער פונעם רב הביהמ"ד, וועלכער איז געקומען זיך משתתף זיין וויבאַלד דער ביהמ"ד 'עבודת אהרן' ווערט גערופן לשמו ולזכרו פון זיין אומפאַרגעסליכן ברודער הר"ר אהרן קרויס ז"ל.

מיט ברכת המזון איז נתכבד געווארן מו"ה ר' קלמן אליעזר אלטמאן הי"ו וועלכער איז דער בריח התיכון פון די ערשטע מינוט לטובת בניית הביהמ"ד.

ביים סיום המעמד האָט זיך דער גאַנצער עולם אַרויסגעלאָזט אין פייערליכע ריקודין, אָפּצוגעבן אַ שבח והודי' למקום אַז מ'האַלט שוין דאָ, ווען מ'איז זוכה צו באַנייען דעם הערליכן ביהמ"ד דער צענטראַלער רוחניות'דיגער מקום פונעם גאַנצן אומגעגנט, און מ'האָט מתפלל געווען אַ תפלה עמוקה צו זוכה זיין ווייטער צו זען הרחת גבולי הקדושה.

**ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה!**

# הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה!!

מתוך דרשת ז' אדר שהשמ"ע

## כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

בביהמ"ד הגדול דקהל עדת יראים וויען - א' ויקרא תשפ"ד לפ"ק

...מ'דארף הכנעה צו מקבל זיין דעת תורה! לעומת זה, **די זענען קלוגער פון די גאנצע וועלט. זיי זענען חכמים בעיניהם. זיי ווייסן אלעס אליין.** זיי דארפן נישט קיין רב, זיי דארפן נישט קיין רבי'ן, זיי דארפן נישט קיין מדריך. און נישט נאר ער אליין איז אזוי נאר ער איז גאר מחנך זיינע קינדער אזוי. ער איז מבטל חכמי ישראל. ער זאגט פאר די קינדער "לא כדורות הראשונים דורות האחרונים" מיט א ביטול, היינט איז נישטא גארנישט, ס'איז נישטא פאר וועמען מען זאל זיך מכניע זיין.

די טאטע וואס לעבט פאר זיך ביחידות אן א מסגרת **ער וועט נאך בלייבן ערליך, ווייל ער האט נאך געזען א וועלט פאר זיך פון די פריערדיגער דור,** ער האט זיך נאך אנגעשעפט פון די פריערדיגער דור מיט אהבת תורה ויראת שמים, אבער דאס וואס ער זאגט פאר זיין קינד, אז עס איז היינט נישטא גארנישט און ס'איז נישטא פאר וועמען מען זאל זיך מכניע זיין, **מיט דעם האט ער ממש אראפגענומען זיין קינד פון ריכטיגן וועג. דאס קינד וועט האבן נסיונות רבות שפעטער אין לעבן. ער וועט נישט געפינען שפעטער קיין סיפוק אין ביהמ"ד נאר זוכן א סיפוק אינדרויסן אין די גאס.**

נאך איין נקודה וואס מיט דעם בין איך מסיים. איך וויל מעורר זיין, עס איז לעצטנס **פארשפרייט געווארן אין די גאסן כתבי פלסתר.** מען איז מבזה גדולי ישראל. **דאס האט צוטון מיט די גזירות החינוך וואס איז דא היינט אין די שטאט.**

**מען דארף מתפלל זיין דערויף.** יעדן טאג דארף מען טון א תפלה און בעטן פון אויבערשטן ס'זאל בטל ווערן די גזירה. מען שטייט קומענדיגע וואך פאר א **משפט וואס מען גייט דן זיין דערויף אין די בתי משפט.** מ'דארף מתפלל זיין פאר אויבערשטן אז די רבוש"ע זאל מטה זיין לב שרים ס'זאל נישט געשטערט ווערן די חינוך פון אידישע קינדער.

**גדולי ישראל האבן מוסדות און זענען זיך מוסר נפש יארן לאנג אויפצוהאלטן די מוסדות. ס'קאסט אפ געלט בלוט און שוויים צו האלטן א מוסד און מחנך זיין ערליכע קינדער. זיי האלטן מוסדות התורה פאר טויזנטער קינדער און מען איז זיי מחנך על דרכי התורה. ס'איז געווארן א פראבלעם די גזירות החינוך. מען זיצט אויף דעם טאג און נאכט מען איז דן בכובד ראש וואס איז די ריכטיגע וועג וואס מען זאל זיך פירן. ס'נעמט אוועק די מנוחת הנפש פון די אלע מנהיגי המוסדות וואס עס וועלן זיין די תוצאות אויפן כלל און אויפן פרט.**

**מען זיצט און מען איז מחליט ווי אזוי מען קען מקדם זיין את הרעה, ווי אזוי מען קען זיך א עצה געבן און וואס מען האט צוטון כדרכו של תורה. ס'איז דא וואס האלטן אז מען דארף גיין איין וועג, און ס'איז דא וואס האלטן אז מען דארף גיין די וועג. יעדע מנהיג דארף טון אין זיין מוסד וואס ער איז בארעכטיגט עפ"י דעת תורה וואס ער האט צוטון.**

## מבזה זיין אנדערע תלמידי חכמים מיט א זלזול, מיט א געמיינע זלזול! אוועקצומאכן מנהיגי ישראל, באשמוצן אויף די גאס די וואס זענען זיך מוסר נפש פאר די חינוך פון אונזערע קינדער, איז אן עוון פלילי!

ס'איז סיי ביזוי תלמידי חכמים וואס מען טאר קיינמאל נישט. און מ'איז משפיל כבוד חכמים ביי די צעירי הצאן וואס זעט ער אויף די גאס?

## מען שרייבט אז מען שמד'ט אוים קינדער וכדומה! ס'איז א געוואלדיגע עוון די וואס פארשפרייטן אזעלכע פאשקעווילן. והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה!

מדארף נזהר זיין אז מען זאל נישט ווערן אפגעבריעט. **דער וואס רירט צו א קויל, צו א גחלת, וועט מען ווערן אפגעבריעט, אפילו אויב האט ער געהאט א גוטע כוונה.** פון שרייבן א פאשקעווילן איז נאך קיינער נישט ארויס ריין. ס'האט יעדן אפגעבריעט.

**ס'איז נישט די ערשטע פאשקעוויל וואס עס איז דא היינט. מיר האבן שוין מיטגעלעבט צענדליגער יארן. קיינער איז נישט ארויס דערפון פריי און מען דארף אכט געבן דערויף.** איך באקום, כמעט יעדעס יאר, א טעלעפאן קאלל פון מענטשן וואס זאגן אז מיט יארן צוריק האבן זיי מיר מבזה געווען זיי האבן גערעדט אויף מיר און זיי בעטן איך זאל זיי מוחל זיין. איך ענטפער אויפן טעלעפאן "איך בין נישט אינטערעסירט וואס דו האסט גערעדט, און איך בין נישט אינטערעסירט ווער איר זענט, איך בין דיר מוחל בלב שלם! אבער **איך בעט איין זאך נעם דיך פאר און זיי אזוי מגדל דיינע קינדער אז זיי זאלן זיך היטן נישט צו רעדן אויף אן אנדערן.**

**ס'איז א גזירה קשה, יעדער דארף מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל העלפן אז די גזירה זאל בקרוב בטל ווערן.**

מ'האלט אין די טעג פאר פורים הדר קבלוה בימי אחשורוש ווען אידן זענען מקבל די תורה מרוב שמחה וטוב לבב, ס'איז טעג וואס יעדער האט א געלעגנהייט זיך צוריקצודרייען אפילו מען איז פארפאלן געווארן, אפילו מען געפינט זיך אפגעזונדערט פאר זיך קען מען אייביג טוישן און צוריקגיין. **'טעמו וראו כי טוב ה'' פרובירט עס אויס. דרייט זיך ביי ערליכע אידן. הייב אן קומען אין ביהמ"ד לערנען, דאווענען, טון א מצוה פאר'ן אויבערשטן בשמחת הלב, וועט מען זען שפעטער 'כי טוב ה'' ווי גוט ס'איז אז מען גייט אויף דעם וועג.**

זאל דער אויבערשטער געבן מען זאל קענען מחנך זיין אונזערע קינדער לתורה ולחופה ולמעש"ט מתוך נחת והרחבה. עת צרה היא ליעקב, כלל ישראל שטייט אין א געוואלדיגע עת צרה, די מצב אין ארץ ישראל איז נישט פויגלדיג, ס'איז א מצב וואו מען דארף האבן אסאך רחמי שמים, די שנאת ישראל אין די גאנצע וועלט איז געשטיגן, די מדינות אליין אין די גאנצע וועלט זענען אנגעצויגן, ס'איז חבלי משיח, מען דארף מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל אפהיטן יעדע אידישע קינד מכל צרה וצוקה ונגע ומחלה, די חבלי משיח זאלן שוין ברענגן דערצו אז מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם צו גיין אנטקעגן משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

# בדרך בית ה' קאמפיין אין פולן שוואונג אפצוענדיגן דעם ערשטן פאזע פונעם נייעם פרעכטיגן בנין הכולל וביהמ"ד 'דרך החיים'

## תושבי קרית יואל קומען אנטקעגן די עסקנים אויסצוטרעטן דעם וועג צום השלמה

### פייערדיגע דיבורים פונעם ראש הכולל הגה"צ ר' משה בער קויפמאן שליט"א פאר די לומדי הכולל בהתחלה פונעם קאמפיין

אינדרויסן איז פרעסט, אָבער אינעווייניג ברענט, עס פלאַמט, עס קאָכט, עס זידט. הלא כה דברי כאש נאום ה'! אט דאס איז כולל דרך החיים - אהל אלטא פיגא! זיצן שורות שורות לומדים מופלגים, געהויבענע תלמידי חכמים, יראי ה' וחושבי שמו, איבערגעבויגן ביי די שלחן ערוך'ס, און פון זייער הבל פיהם גייט פייער פון די באַלאַטעס, עס גייט אַ ברען, עס גייט אַ רויך, לריח ניחוח לה'. זיי האָרעווען. זיי פילעווען. זיי פלאָגן זיך. זיי זענען זיך מייגע. זיי מאַטערן זיך. זיי שיינען. זיי לייכטן. זיי שטראַלן. אַ ש"ך, אַ טורי זהב, אַ מגן אברהם, אַ תשובה אין נודע ביהודה, וואָס כל דבריהם כגחלי אש. אַן עמל התורה! אַ התמדת התורה! אַ תענוג התורה! אַן אש התורה! ומראיהן כמראה אש.

כולל דרך החיים - אהל אלטא פיגא איז ברייט באקאנט פאר תושבי קרית יואל, עס איז נישט דא וואס מען קען צולייגן אין די ראמען פון פשוט'ע שורות ארויסצוברענגען וואס כולל דרך החיים באדייט, אויב איז דא א פלאץ וואו העכערקייט עקזעסטירט איז עס כולל דרך החיים! אויב איז דא א פלאץ וואו תורה פארנעמט דאס העכסטע פריאריטעט, א מקום וואס גארנישט אויף דער וועלט האט פלאץ חוץ תורה איז עס כולל דרך החיים! אויב איז פארהאן א ביהמ"ד וואו דאס דאווענען איז מיט אן אש קודש, א קאך אין א ברען, נישט קיין חילוק אויב ס'איז א ימים נוראים דאווענען אדער א פשוט'ע שבת, איז עס כולל דרך החיים!

כולל דרך החיים איז נישט נאך א כולל, ס'איז דער כולל מיט'ן שם הידוע וואס קומט ארויף אין מחשבה פאר סיי ווער עס טראכט פון א פלאץ וואס עס געפונט זיך נישט דארט מער ווי ד' אמות של הלכה, א פלאץ וואו אינגעלייט זיצן לאנגע יארן אן זיך ארויסרירן פון דעם פלאץ, א מקום תורה וואו עס איז אלף נכנסין ואלף יוצאין, יעדער איינציגסטער אינגערמאן אין דעם כולל איז א לעבעדיגע ספר תורה פאר זיך, א בקי ותלמיד חכם עצום וואס איז גרייט אויפן פלאץ זיך צו פארהערן גאנצע חלקי שו"ע. די אינגעלייט וואס קומען ארויס פון דעם כולל זענען גרייט צו זיין מרבצי תורה ומורי הוראה און פארזיכערן דעם עתיד התורה. און דאס זעלבע איז מיטן ביהמ"ד, עס איז נישט נאך א ביהמ"ד, די מתפללים זענען איינס ביי איינס דערהויבענע אינגעלייט און בעלי בתים, 'דרך החיים' אלס קהילה באשטייט פון











דאס שענסטע און דאס בעסטע וואס ס'איז פארהאן!

תושבי קרית יואל וואס וועלן אריבערגיין דער גאס וואו עס געפונט זיך דער מקום תורה וועלן גלייך דערקענען אז נישט ווייט צו גיין האלט זיך אינמיטן בויען א פרעכטיגע בנין, וואס צייגט אז דא בויעט זיך א נייע ביהמ"ד, און פאר די וואס זענען באקאנט מיט די דעטאלן ווייסן זייער קלאר אז דא בויעט זיך א נייער בנין פארן כולל און ביהמ"ד דרך החיים, אבער נישט סתם א בנין, א ריזיגיע תורה פעסטונג פאר די לייכט טורעם פון קרית יואל וואס שיינט און לייכט מיט די דריי עמודי העולם, תורה עבודה וגמ"ח.

דער נייער בנין האט זיך אנגעהויבן צו בויען מיט בלויז 18 חדשים צוריק, ווען עס איז געקומען צו א מצב פון הלחץ זו הדחק אויף גאר א געדריקטע פארנעם, סיי אין דער וואכן וואו דער כולל מיט אירע קרוב צו 200 אינגעלייט איז אויסגעוואקסן דעם פלאץ מיט א שמיץ אריבער, און סיי ביי די געהויבענע שבת'דיגע תפילות וואו עס איז שוין נישט פארבליבן קיין פלאץ פאר א נאדל אריינצושטעקן צווישן די ווענט וואס קאכן מיט מיטן עבודת התפילה, און בלויז 18 חדשים איז אריבער און א מאכטפולע בנין סטרוקטור זעט זיך שוין אן.

שטייענדיג ביים פארענדיגן דעם ערשטן פאזע פונעם בנין אינפסטרוקטער איז געקומען צו א מצב וואס די עסקנים האבן איינגעזען אז צו קענען ענדיגן דעם ערשטן פאזע פעלט זיך אויס נאך א מיליאן דאלער, און דאס צו דערגרייכן מוז מען האבן איינגעשפאנט סיי די לומדי הכולל און מתפללי הביהמ"ד וואס ברענען שוין צו זען דעם נייעם בנין פארענדיגט, און סיי תושבי קרית יואל וואס שפירן א ווארעמקייט צו דעם מקום תורה ועבודה, וואס איז א זעלטנהייט אין שטאט. און דא איז וואו

די עסקנים האבן פראקלאמירט דעם "בדרך בית ה' קאמפיין" מיטן ציל ארויסצוקומען מיט א בקשה סיי צו די וואס האבן זיך בעבר אונטערגענומען נדבות צו העלפן אויפבויען דעם נייעם בנין אז זיי זאלן אפצאלן די אלטע הבטחות, און סיי צו פרישע נדיבי הלב וואס וועלן נהנה זיין דירעקט אדער אומדירעקט פון די פעולות נשגבות פונעם תורה פעסטונג, אז זיי זאלן זיך אנשליסן און אינאיינעם העלפן פארענדיגן דעם ערשטן פאזע פונעם פרעכטיגן בנין און אויסטרעטן דעם וועג צום השלמה לשם ולתפארת.

תושבי קרית יואל האבן אויפגענומען דעם בשורה איבער דער בדרך בית ה' קאמפיין מיט אן אש קודש וואס האט זיך אנגעזען ווען די עסקנים האבן אנגעהויבן זיך פארבינדן מיט תושבי העיר וואס האבן זיך בעבר אונטער גענומען הבטחות, די נדבנים האבן תיכף אנגעוויזן זייער וויליגקייט אפצוענדיגן די אלטע הבטחות און העלפן אויסטרעטן דעם וועג צום השלמה אויפן פרעכטיגן מקום תורה ועבודה וואס זיי קוקן שוין ארויס אויפן טאג ווען עס וועט ווערן גרייט כליל בהדרו.

די אש קודש וועט אוודאי אנהאלטן ווייטער און זיך צעשפרייטן פיל מער, וואס דאס וועט געבן דעם לעצטן שטופ אז דער ערשטער שלב פונעם בנין וואס נעמט אריין דאס אפענדיגן דעם גאנצן אינפסטרוקטער וועט זיין גרייט, און פון דארט וועט מען גיין צום צווייטן און לעצטן שלב וואס דאס איז דאס באצירן דעם בנין מיטן גאנצן פראכט און איינקויפן די צרכי הבית אז עס זאל זיין גרייט צום באנוץ פאר די שוקדי התורה, די דערהויבענע כולל אינגעלייט, און פאר די געהויבענע תפילות סיי אינדערוואכן, און סיי שבתים וימים טובים, להגדיל תורה ולהאדירה.

**אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים.**

# "דער בוכ"ע וועט לעתיד לבא ארויסשלעפן עשו פון גן עדן מיט'ן טענה אז ער האט נישט געבויעט קיין מקום תורה"

## פייערדיגע דיבורים פונעם ראש הכולל הגה"צ ר' משה בער קויפמאן שליט"א

ביים פראקלאמירן דעם קאמפיין, דעם דינסטאג פרשת פקודי, האבן די חברי הכולל געהאט דער זכיה צו הערן פאר געציילטע מינוטן קלארע דיבורים פון ראש הכולל הגה"צ ר' משה בער קויפמאן שליט"א. דער ראש הכולל איז ערשינען אין ביהמ"ד און אויסגעקלאפט אויפן באלעמער מיט פייערדיגע דיבורים פאר געציילטע מינוטן וואס האט נאכגעפאלגט מיט פייערדיגע גרייטקייט פון חברי הכולל וואס האבן אלע געוויזן הננו! מיר זענען גרייט ארויסצהעלפן פארענדיגן דעם מקום תורה!

דער ראש הכולל האט נאכגעזאגט אן אור זרוע וואו ער ברענגט נאך א מדרש אז לעתיד לבא וועט זיך עשו הרשע אריינזעצן צווישן די צדיקים אין גן עדן מעוטף בטלית, און קיינער וועט אים נישט קענען ארויסשלעפן, ביז דער בוכ"ע אליינס וועט קומען און ארויס נעמען עשו פון צווישן די צדיקים, זאגט דער אור זרוע, אז דער בוכ"ע וועט פרעגן פון עשו "האסטו דען אריינגעשטעקט אפילו בלויז איין נאדל צו בויען א מקום תורה אין גלות?!" און דאס וועט זיין די טענה אויף וואס עשו וועט נישט קענען ענטפערן. אויף דעם האט דער ראש הכולל אויסגעפירט, אז ווען עס איז דא א געלעגנהייט אנטייל צו נעמען אין א מקום תורה און פאקטיש בויען א בנין וואס משם תצא תורה, איז דאך דער זכיה דערפון אין לשער, און מען טאר נישט ארויסלאזן אזא געלעגנהייט פון די האנט.

תיכף דערנאך האט דער איידעם פונעם ראש הכולל הרה"ג ר' שאול יחזקאל רייכמאן שליט"א אויפגעטרעטן מיט קלארע דיבורים איבער די געוואלדיגע הצלחה אינעם עבר פון אויפבויען דעם בנין ביז אהער, און די שווערע כוחות יומם ולילה וואס מען האט אריינגעלייגט אנצוקומען ביז אהער. ר' שאול יחזקאל האט דערנאך ארויסגעברענגט אז פאר די אינגעלייט אליינס דארף מען נישט מסביר זיין ווי געדריקט דאס פלאץ איז, און ווי קריטיש וויכטיג מען דארף זיך אריבערציען צום נייעם לאקאל, אבער שטייענדיג יעצט בעפארן אפענדיגן דעם ערשטן פאזע מוז מען האבן די מיטארבעט פון די חברי הכולל און מתפללי ביהמ"ד און ידידים וואס האבן זיך בעבר אונטער גענומען הבטחות פארן נייעם בנין, אז זיי זאלן אנטקעגן קומען מיט די צוגעזאגטע געלטער און העלפן בויען דעם מקדש מעט.

לְהִפָּקֵד בִּדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים, וְיֹשֶׁר יָלִיצוּ בַּעֲדֵנוּ חַיּוֹת אֵשׁ:

# מתפללי ביהמ"ד "בית יעקב נחמי' דקיט"ל" לעבן מיט אומבאַשרייבליכע פיר מעת-לעת מלא התעוררות ודביקות ביי "נסיעה הרוממה" אין איראָפּע

## לפקוד ציון המצוינת רבן של ישראל הרה"ק רבי אייזיק מקאַלוב זי"ע




הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד:

קבוצה חשובה מתפללי ולומדי כולל ערב בביהמ"ד לאָזן זיך אַרויס מיטוואָך פּקודי בשבת אחים גם יחד צו ווייזן אונטער אַ ברודערליכן אַטמאָספערע מיט אַ וואַרעמקייט בראשות הרה"ג דומ"ץ שליט"א

תחלה למקראי קודש:

### העכער האלב מיליאן דאלאר פאַר'ן מלכות'דיגן אויפבוי פון פּרעכטיגן בית המדרש החדש בית יעקב נחמי' דקיט"ל!

וואָס מ'גייט בעז"ה אָנהייבן מלאכת הבנוי' אין קומענדיגע תקופה לשמחת לב תלמידי וחסידי סאַטמאַר אומעטום

נסיעה הרוממה מייסטערהאַפטיג אַראַנדזשירט דורך רוח החיים דביהמ"ד, איש האשכולות, הרבני הנכבד מו"ה ר' יצחק אייזיק וואלטער הי"ו בריח התיכון ומגבאי ביהמ"ד, ומגדולי עסקני קהל ומוסדות קרית יואל

וְיֹשֶׁר יָלִיצוּ בַּעֲדֵנוּ חַיּוֹת אֵשׁ:

### נסיעה באַגלייט דורך מגיד נפלא הרה"ג רבי לייבוש דייטש שליט"א מגי"ש ומשפיע בקהלתינו

וואָס האָט דערהויבן און אַריינגעבראַכט ציבור החשוב אין העכערן גייסט בדביקות נפלא איינצווייסן בעת רצון ביי די ציונים הק' און נישט אַרויסלאָזן די וועלטענע מאָמענטן להפקד בדבר ישועה ורחמים

שֶׁנִּהְיֶה תָּמִיד נַעֲנִים בְּעֵת שֶׁנִּתְפַּלֵּל:

# הימל-שפאַלטנדע תפלות ותחנונים ביים ערשטן ציון אין היילִיג שטאָט ליזענסק מקום קודש הקדשים הרה"ק רבי אלימלך זי"ע

בכיות נוראות באַגיסן פוקדי הציון נאָכ'ן הערן פייערדיגע ווערטער פון בעל משפיע שליט"א בהתעוררות רב

וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים חַיִּי"ם כֻּלְּכֶם הַיּוֹם:

# שיירא לייגט אַראָפּ פייערדיגע ליל ששי ביי פאַרכטיג אָרט אין שטאָט צאַנז ציון המצוינת פון היילִיגן צאַנזער רב זי"ע זייך אויסבעטנדיג פאר זיך און פאַר'ן כלל רפואות וישועות וכל מידי דמיטב

צִיּוֹן הֲלֹא תִשְׁאֲלִי:

# דורכגעוויקטע פרקי תהלים בדביקות נפלא האָבנדיג זכי' נשגבה איינצורייסן ביי ריש שלשילתא קדישא רבינו איש האלקים מרן הישמח משה זי"ע

נאָכגעפאָלגט מיט התעוררות'דיגע תפלת שחרית מיט דערהויבנקייט און העכערקייט

וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ:

# ציבור זאָגט אויס תהלים בהתעוררות והתרגשות ער"ש לפני חצות ביי מקום המסוגל ציון הקדוש פון הרה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע

גאַנץ פרייטאָג אויסגענוצט זיך צו גרייטן אויף שבת מעין עולם הבא אין שטאָט קערעסטיר













שַׁבָּת הַמִּתְאַחֶדֶת מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא:

# לעכטיגער שבת קודש בצל כנפיך יחסיון וועט בלייבן איינגעקריצט אין זכרון!

נאָכ'ן מיטלעבן העכערקייט מלא דביקות והתעלות משך גאַנצע מעת לעת כל כולו קודש לד', געפראַוועט בהתרגשות ודביקות חסידים ואנשי מעשה כמקדמת דנא

## אומפאַרגעסליכע קלימאַקס ביי איבער 3 שעה סעודת רעוא דרעוין מיט אומבאשרייבליכע התעוררות ודביקות ביי דברי הכנה והתעוררות דורך הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א

## נאָך אַזאַ הכנה דרבה גייט ציבור פוקד זיין במוצאי מנוחה מוצש"ק כחצות הלילה ביי ציון המצוינת פון מופת הדור הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאַלוב זצוקללה"ה

אימה'דיגע מאָמענטן ביי תפלות בוקע רקיעים איינרייסנדיג בשעת רחמים ביומא דהילולא קדישא צו אויס'פועל'ן ישועות ורפואות לכל בית ישראל

קשה עלי פרודתכם:

## זונטאָג ויקרא: מיט אנגעהויפנטע זעק און פעק מיט השפעות פון ישועות ורפואות וואס מ'האט געפועלט ביי די אלע ציונים הקדושים איז מען אַהיים צוריק קיין ניו יאָרק

האָטס גע'פועל'ט אַלעס גוטס!

אויספירליכע באַריכט מיט אַלע דעטאַלן וועט בעז"ה נאָכפאָלגן קומענדיגע וואָך

נייע גאָלדענע עפּאָכע אינעם שטריימל-אידן שטאָט:

# כלל ישראל'ס באַרימטע "קרויס שטריימלעך" עפנט אין קרית יואל!

## פרעכטיג-עלעגאנטע לאקאציע אין סאמע-הארץ פון שטאט, 19 גארפיעלד

משנכנס 'קרויס' מרבין בשמחה:

**אומגעהויערע פרייד ביי תושבי העיר צו קענען איינהאַנדלען דא לאקאַל די שטארק-געזוכטע שטריימל וואָס באַצירט מיט פראַכטפולע דוירהאַפטיגקייט רבבות ראשי בני ישראל**

כרצון איש ואיש:

**עקספערטיזע שטאב גרייט צו סערווירן מיט גאלדענע סערוויס פאר אלע ערליי שטריימלעך, קאסטום, רעגולער, רעגן**

כחתן יכהן פאר:

**פולע 'חתן דעפארטמענט' מיט פאכמאנישע ספעציאליסטן וואס וועלן עקסקלוסיוו קעניגלעך סערווירן חתנים און מחותנים**

## מעכטיגע 'גרענד אפענינג' סעיל: לכבוד פסח, אלע שטריימלעך מיט דראסטיש-רעדוצירטע פרייזן!

קרויס שטריימלעך, קרית יואל - א שטראם פון לוסטיגע פרייד און שפאנענדע ערווארטונג הילט ארום תושבי קרית יואל רבתי, מיט'ן אנקום פון די בשורה מרנינה, אז די לעגענדארע וועלט פאפולערע "קרויס שטריימלעך" פירמע עפנט אי"ה קומענדיגע וואך א לאקאציע אין שטאט, צוגעבנדיג א הערליכע רינגעלע אין קייט פון די קרויס לאקאציעס איבער דער גארער וועלט.

בלויז דער נאמען "קרויס שטריימלעך" פארציילט שוין אלעס. עס סימבאליזירט די סאמע-שענסטע מאיעסטעטישע שטריימלעך, טויזנדיג שוין פילע צענדליגער יארן ערצייגן און סערווירן דעם ציבור מיט די אויגפארכאפנדע שטריימלעך, ערווארבנדיג א דיאמאנטליכע רעפוטאציע פון די שענסטע סחורה און נומער 1 סערוויס, ווירקליך אויסשטייגנדיג אלס גרעסטע שטריימלעך פראדוצירער און פארקויפער ביים יהדות החרדית.

ביסלעכווייז, במשך די יארן, האט "קרויס שטריימלעך" געעפנט נאך און נאך לאקאציעס איבער'ן ערד-קוגל, אין פארזוך צו ערפילן די אומגעהויערע נאכפראגע, ווען יעדער זוכט דייקא א "קרויס שטריימל", און אנשטאט זיך דארפן שלעפן און מטריח זיין צו א קרויס צענטער אין די גרעסערע מעטראפאליעס, קומט קרויס אראפ צום קליענט, פארמאגנדיג שוין היינט צענטערן אין כמעט כל עיר ועיר וואו עס איז קאנצענטרירט א ישוב פון אידן חובשי שטריימל.

אצינד איז געקומען די רייע אויף "קרית יואל", די סמעטענע פונעם חסיד'ישן אידנטום, מיט לויטער ווארעמע חסיד'ישע "שטריימל אידן", וועלכע האבן שוין לאנג ארויסגעקוקט 'מתי יבוא קרויס צענטער לידם', א בויערנדע פראגע פון 'למה נגרע' וואס איז אצינד הילכיג געענטפערט געווארן, מיט'ן גרינדונג פונעם נייעם עלעגאנטן געשעפט וואס ווערט געעפנט אין סאמע-מיטן פון די שטאט, א ברייטע לופטיגע לאקאל אויף 19 גארפיעלד.

דער נייער קרית יואל'ער "קרויס שטריימלעך" צענטער אפערירט אלס פולקאמע פארנעם פאר זיך, מיט א פולע שטאב פון עקספערטיזע מומחים וואס שטייען גרייט צו באדינען דעם ציבור מיט אלע ערליי שטריימלעך. אנגעהויבן פון רעגולער און רעגן שטריימלעך, ביז ארויף צו די קאסטום שטריימלעך, און



באזונדער א שטאב פון מייסטער ספעציאליסטן מיט יארן לאנגע ערפארונג אין דעם פעלד, וועלכע שטייען גרייט צו באדינען חתנים און מחותנים.

עס איז געווארן ערצייגט א ספעציעלע ריזן שיפמענט פון גאר הערליכע שטריימלעך, יעדע איינע א שטיק פראכט און גלאנץ, וואס באגייסטערט און נעמט ארויס פון די גלייזן יעדער וואס כאפט א בליק דערויף. עס איז געווארן פראדוצירט מיט די אלעמען באקאנטע דויערהאפטיגע סחורה און מאטעריאלן וואס א "קרויס שטריימל" שטעלט פאר מיט זיך, צו קענען האלטן מיט שטארקקייט פאר לאנגע יארן.

באזונדער איז געווארן איינגעשטעלט א פולשטענדיגע "ריפעיר" אפטיילונג, מיט א דעזיגנירטע מאנשאפט פון פאכלייט וואס זענען ספעציאליזירט אין אלע ערליי פארריכטונג סערוויסעס פאר שטריימלעך, ווי איבערגלאנצן, איבערפארבן, טוישן קאפל, א.א.וו.

אין צוזאמענהאנג מיט די פייערליכע "גרענד אפענינג", ווערט צוגעשטעלט א מעכטיגע "סעיל", וואס שטעלט פאר אן איבערראשנדע שניט אין פרייז אויף אלע שטריימלעך, אנגעהויבן פון מינימום "טויזנט דאלאר אראפ!" און אפילו נאך ווייניגער, אויף אלע שטריימלעך אין געשעפט, א זעלטענע געלעגנהייט וואס לוינט זיך זיכער נישט צו פארפאסן.

דער נייער קרית יואל'ער "קרויס שטריימלעך" צענטער וועט זיך בעז"ה עפענען אין די טעג נאך פורים, זייענדיג די פאסיג-געגאסענע צייט אין יאר, ווען דער ציבור האנדלט איין נייע שטריימלעך לכבוד יו"ט פסח.

נעמענדיג אין באטראכט דעם גערישטן מאסן אנלויף און באלאגערונג פון פילצאליגע קונים, טוט מען אינוועסטירן געניטע באמיאונגען צו אנגרייטן גענוג ארבייטער און לענגערע שעה'ן, צו קענען יעדן סערווירן און באהאנדלען מיט די העכסטע מאס צופרידנהייט און פערזענליכע סערוויס, גייענדיג אין שפאן מיט די אויסגעצייכנטע סערוויס וואס קרויס שטעלט צו אין אלע זייערע לאקאציעס אומעטום.

**בשעה טובה ומוצלחת!**

בס"ד

SATMAR SK KASHRUS

**SATMAR KASHRUS**
OF CONG. YETEV LEV

**וועד הכשרות**
דקהל יטב לב
**סאטמאר**

וועד הכשרות דקהל יטב לב סאטמאר

181 Keap St. Brooklyn, NY 11211 Tel: 718.388.1130 • 5 Garfield Rd. Monroe, NY 10950 Tel: 845.783.5688 #13 • Fax: 718.388.0865 • mail: info@satmarkashrus.org

בעזהשי"ת

חודש אדר ב' תשפ"ד

# והשתיה כדת של תורה

שטייענדיג אין די יעצטיגע ערב פורים טעג, טוען מיר דערמאנען דעם חשוב'ן ציבור צו שטיין על המשמר, אז אלע מאכלים וואס מען טוט ערהאלטן פאר משלוח מנות זאלן פארמאגן א פארלעסליכע השגחה.

**איבערהויפט דארף מען זיין געווארנט ווען עס קומט צו וויינען און ברוינפן, וואו מען דארף ספעציעל אכט געבן אז די השגחה דערויף איז א פארלעסליכע.**

לתועלת הציבור טוען מיר פובליצירן א פרישע איבערגעמאכטע ווערסיע פון אונזער

## "סוג א'" ליסטע פון וויינען און ברוינפנס

וואס מיר זענען נאכגעגאנגען עד כפי שידינו מגעת, אז זיי זענען ראוי לעלות על שולחן מלכים.

צוליב די אנפראגע פון אנ"ש, טוען מיר ווידער פובליצירן די מהלך פון די סוגים פון די וויינען און ברוינפנס וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן לויט די הוראות פון אונזערע רבנים שליט"א ובהתייעצות כ"ק מרן רבינו שליט"א:

**סוג א'** - וויינען און ברוינפן וואס מיר זענען נאכגעגאנגען עד כפי שידינו מגעת, און מיר טוען דאס רעקאמענדירן, און **בלויז וויינען און ברוינפנס פון די ליסטע קענען אריינגעברענגט ווערן אין אונזערע זאלן אדער ביי שמחות וואס זענען אונטער אונזער השגחה.**

**סוג ב'** - וויינען און ברוינפנס וואס זענען **לויט אונזער אינפארמאציע נישט ראוי אריינצוגיין אין סוג א', אדער אזעלכע וואס מיר זענען דערוייל נישט אנגעקומען דאס צו פולקאם נאכגיין.** די אלע וויינען און ברוינפנס ווערן **פארקויפט אין די מקוה שטיבלעך שע"י בתי מדרשים דקהילתינו הק'**, אבער ווערן נישט ערלויבט אריינגעברענגט צו ווערן אין אונזערע זאלן אדער צו סערווירט ווערן פאר'ן ציבור אונטער אונזער השגחה.

**סוג ג'** - וויינען און ברוינפנס וואס זענען **גאר שוואך אין כשרות לויט אונזער אינפארמאציע,** און מיר **ערלויבן נישט על פי הוראת רבני וועד הכשרות שליט"א** דאס צו פארקויפן אין די מקוה שטיבלעך שע"י בתי מדרשים דקהילתינו הק' וועלכע זענען אונטער אונזער השגחה.

**לתועלת הציבור פובליצירן מיר בלויז די ליסטע פון "סוג א'", אז אנ"ש המדקדקים בכשרות זאלן וויסן און האבן צו די האנט די רשימה וועלכע משקאות עס זענען ראוי לעלות על שלחן מלכים בלי שום פקפוק.**

בכבוד רב
**וועד הכשרות**

# פרעכטיגער ארון הקודש ווערט אויפגעשטעלט אין ביהמ"ד יראי ה' שכונת 'סמיט גאַרדנס'



דעם פאַרגאַנגענעם דאנערשטאָג ויאין די יעצטיגע טעג איז אריין די ארבעט אויפצובויען דעם הערליכן ארון הקודש אויפ'ן מזרח וואַנט פון דעם היכל המפואר אין ביהמ"ד 'יראי ה' - בנין בראך', וואָס איז אויסגעשטיגן אַלס דער צענטער לתורה ולתפלה פונעם גאנצן אומגעגענט אין טאון אוו מאנראו, קרית יואל.

ס'איז שוין אַ לענגערע תקופה וואָס דאָס בית המדרש 'יראי ה' - בנין בראך' איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס אַ לייכטורעם וואָס ווירבלט מיט מנינים אויף א טעגליכן פארנעם, שחרית מנחה און מעריב. איבערהויפט איז דאָס ביהמ"ד באַרימט שטייענדיג אונטער דאָס נשיאות פון דעם רב השכונה, הגה"צ רבי מרדכי פריעדמאן שליט"א, וועלכער איז משפיע אַ געוואַלדיגע ווארימקייט צו מרבה זיין פעלים לתורה ולתפלה מיט אן אש קודש און שטייט אין שפיץ פון אוועקשטעלן דעם ביהמ"ד מיט די רוחניות'דיגע יסודות.

דעריבער איז דורך די פילצאָליגע מתפללים ולומדים אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד די פרישע אַנטוויקלונג ווען די וואך האָט מען אָנגעהויבן די דעטאלירטע ארבעט צו אַהערשטעלן און אויפבויען דעם נייעם הערליכן ארון הקודש וואָס וועט צוגעבן אַ פרישע גלאַנץ און פראַכט צו דעם הערליכן ביהמ"ד. דער ארון הקודש ווערט געבויעט בנדבת אחד מחשובי תשובי השכונה ומתפללי בביהמ"ד, לפאר ולרומם בית ה'!

# ווילעדזש פייער דעפארטמענט האנדלט איין נייע שנעל־רעספאנס טרעקל



די ווילעדזש אוו ס. בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט האט אין די טעג איינגעהאנדלט א נייע שנעלע-רעספאנס ספעציעלע טרעקל וועלכע טוט אנטהאלטן א קאסטום-מעיד סקיד יוניט, וואס איז געבויעט צו קענען רעספאנדן צו הילפס רופן מיט א שנעלקייט, ביז ווילאנג דער גרויסער ענזשין טראק ערשיינט צום סצענע, ס'זאל זיך נישט מאכן.

דער טרעקל טראגט אויף זיך ארום 250 גאלאנען וואסער, מיט די נויטיגע כלים און עקוויפמענט צו קענען פארלעשן קלענערע פייערס, אדער לכה"פ אראפצוקלאפן א גרעסערע פייער, אז עס זאל זיך נישט ווייטער פארשפרייטן, ביז מער הילף קומט אן צום פייער.

די טרעקל און דאס אויסשטאטונג איז נתנדב געווארן דורך די חשוב'ע "דיליזשענט דעוועלאפערס גרופע", פאר די סומע פון 100 אלפים און וועט בעזהשי"ת שוין זיין אין באניץ דאהי אינעם ווילעדזש ביז צוויי חדשים.

Catering
DEPARTMENT
For all your Catering/Events, big or small, call us:
845-782-2900 Ext 150
Events@satmarmeatkj.com
INCLUDING
• Tables
• Chairs
• Tablecloths
• Set up
• Waiter
• Hot food
Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy
• Gefilta fish platter
• Bilkalach
• Cake
• Fruits
• Chocolate & Nuts
• Chips
• Soda + water
• Beer
• Paper goods
Special Package
Only! $1,499

בס"ד

SATMAR SK KASHRUS

# SATMAR KASHRUS
OF CONG. YETEV LEV

# וועד הכשרות
דקהל יטב לב
סאטמאר

וועד הכשרות דקהל יטב לב סאטמאר

181 Keap St. Brooklyn, NY 11211 Tel: 718.388.1130 • 5 Garfield Rd. Monroe, NY 10950 Tel: 845.783.5688 #13 • Fax: 718.388.0865 • mail: info@satmarkashrus.org

בס"ד, חודש אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

## רשימה סוג א' - יינות ויי"ש
### רשימה חדשה חודש אדר ב' תשפ"ד

**הבהרה, כל היינות והיי"ש שהוכנסו ברשימת סוג א' נקבעו על פי מה שעלה בידינו לברר על גוף המשקה [לא לפי כללית הקאמפעני" ולא לפי רב המכשיר] ובכן אין להקיש ולדמות ממין אחד על הדומה**

כמובן שברשימה זו אין אנו מקבלים אחריות וההשגחה על היינות והיי"ש והאחריות עדיין מוטל על הרבנים המכשירים

**תוקף רשימה זו עד חודש אדר תשפ"ה**

## ווייַנען

- **Armon**
- Barkan - **עם עדה**
- **Baron Rothschild**
- Bartenura Wine
- **Bourgogne Domaine Ternynck**
- Cape Jewel - 2023 Vintage
- **Champagne – Kedem**
- Champagne Des Barons Rothschild
- **Champagne Des Barons Rothschild Rose**
- **Chateau Clarke***
- Chateau De By*
- **Chateau De Parsac***
- Chateau Du Tertre*
- **Chateau Fourcas Dupre***
- Chateau Gazin Rocquencourt*
- **Chateau Greysac***
- Chateau Lacaussade*
- **Chateau Lascombes***
- Chateau Le Crock '16*
- Chateau Les Riganes*
- **Chateau Malartic Lagraviere '14***
- Chateau Malmaison '14*
- **Chateau Mayne Guyon***
- Chateau Roubine Rose Cotes De Provence*
- **Chateau St. Corbian***
- Chateau Trijet Bordeaux Organic*
- **Chateneuf Semi Dry White Bordeaux**
- Cherut
- **Chevalier Lascombes**
- Chevel Yehuda - חבל יהודה
- **Cuvee Hautes Terres**
- Dalton
- **De Blancs Brut**
- De La Grave Dry Red Bordeaux
- **Drappier Brut Champagne Carte D'or***
- Emek Reb Yose - עמק רבי יוסי הגלילי
- **Farbrengen**
- J. Folk Wines - 2023 Vintage
- **Geula Vineyards**
- Gush Etzion Winery
- **HAJDU**
- Hayotzer
- **Herzog**
- Joyvin
- **Kedem**
- Kesser
- **Laufer Winery**
- Les Lauriers Des Rothschild
- **Lineage**
- Meron
- **Netofa**
- Noble - Cedev
- **Or Haganuz**
- Pavillon De Leoville Poyferre
- **Psagot**
- Rambam
- **Rashi (USA)**
- Roubine La Vie En Rose
- **Saumur Champigny**
- **Shiloh**
- Tanya
- **Teperberg**
- Tola
- **Tura**
- V.D.P. Cabernet Sauvignon
- **V.D.P. Chardonnay**
- V.D.P. Merlot
- **V.D.P. Valflore S.D.R.**
- Variations
- **Vouvray A.V.C.**
- Weinstock
- **Weinstock - By W**
- Weinstock - Cellar Seplect
- **Winery 1848**
- Yikvei Zion
- **Zakon**

## בראנפן

- **Alton Whiskey**
- Armon Concord, Vodka, Slivovitz
- **Athan's Reserve Straight Bourbon Whiskey**
- A-Trink Vodka
- **Auchendores Whiskey**
- Ben Eidenn Whiskey
- **Ben Franklin Vodka**
- Boondocks Whiskey
- **Bourbon Rabbi American Whiskey**
- Brown Fine Whiskey
- **Crystalc Vodka 95%**
- Dead Drop American Pecan Whiskey
- **Glencadam Whiskey - חוץ מן Origin 1825**
- Glenmorangie 10 Year Whiskey
- **Gold Shot Slivovitz**
- Goldrock Whiskey
- **Hamashkea Whiskey**
- Heaven's Liquor
- **Imperian Plum Brandy**
- Jozef Stelvik Plum Spirit
- **K Vodka**
- Kalev Whiskey
- **Kedem Vodka**
- Kremlevka Vodka
- **Legend Of Kremlin Vodka**
- Louis Royer Cognac - עם זעקבאך
- **Lvov Vodka**
- Maison Bruchaut Armagnac
- **Marcovic Slivovitz**
- Marks Mile Whiskey
- **Mcalys Whiskey**
- Minnesota 14 Whiskey
- **Old Williamsburg**
- Panther Whiskey
- **Pike Street Whiskey**
- Prince Lorden Whiskey
- **R. Jelinek Slivovitz**
- Rosebud Liquor
- **Schmerling's Liquor**
- Seven Springs 108 Brandy
- **Spiked Apple Whiskey**
- Spirit Of Solomon
- **Stropkov Vodka**
- The Glenrothes Whiskey bourbon cask reserve עם KLBD
- **Tomintoul* - חוץ מן 12yr Sherry Cask, Cigar Malt**
- Troyanska Slivovitz
- **V.S. Laufer Brandy**
- Voda Vodka
- **Walders Liquor**
- Zarza Tequila
- **Zwack Hungary Slivovitz**

* Imported by Royal Wine Corp or Cedev

**פאר שאלות און הערות ביטע רופן אין אפיס: 718.388.1130#1 אויב קיין ענטפער ביטע לאזט א מעסעדזש**




# דבי מדרשא

כולל סאטמאר קרית יואל

נתונים הם לכם:

# הונדערטער לומדי הכולל חובשי בי מדרשא ערהאלטן "דיסקאונט קארטלעך" מיט ריזיגע הנחות אין צענדליגע קרית יואל'ע געשעפטן!

נדבת לבבו הטוב פון הרבני הנגיד הנכבד, רחום ומוקיר רבנן
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו
פטרון קרן חסדי גאלדא ורבקה

## חברי הכולל דאנקבאר פאר געשעפט אייגנטומער וואס זענען אקעגן געקומען הנהלת הכולל מיט גרויסע הנחות

**געשעפט אייגנטומער קומען אנטקעגן צו האבן א טייל און שאפן הרחבת הדעת פאר די הונדערטער חובשי בי מדרשא**

1. 40% - דזשי ענד דזשי
2. 40% - דזשי ענד בי
3. 40% - גלויבערס
4. 35% - מענס קארנער
5. 35% - איי ענד אר שיק
6. 35% - בלו שא שיק
7. 40% - פרינצעס ביוטיק
8. 40% - ביקעלס דריי גוד
9. 30% - לאלא
10. 30% - קינדער קארנער
11. 30% - שפע אפלייענס
12. 25% - אלל אין וואן
13. 30% - סטריידערס
14. 30% - סאק פרינטס
15. 30% - סאק שאפ
16. 30% - העט סאלאן

# לומדי הכולל גרייטן זיך בהכנה דרבה צו גרויסע אויסוואהל פון 'בחינות' אין די ראמען פון בארימטע חבורת "מאיר עיני חכמים"

**בחינות וועלן ווערן אפגעהאלטן לעצטן טאג פון זמן החורף - מאנטאג תזריע הבעל"ט**

# חברי "חבורת תלמודו מתקיים" אחצ"ה גרייטן זיך צו 'שיעור כללי בדיני תולעים' דורך הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א, אב"ד נייטרא מאנסי

שיעור וועט מקיף זיין וויכטיגע הלכות וואס זענען געלערנט געווארן אין די לעצטערע וואכו ביגיעה רבה

## שהשמחה במעונם

בשמחה ובטוב לבב הננו מברכים ברכת מזלא טבא למע"כ חו"ר כוללינו לרגל שהשמחה במעונם

### אירוסי צאצאיהם

הרה"ג רבי **שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א

הבה"ח **יקותיאל יודא** נ"י

עב"ג בת הרה"ג ר' **מאיר יחזקאל לעמבערגער** שליט"א - אב"ד מאקאווא ב"פ

### הולדת הבן

הרב **יוסף לייב קויפמאן** שליט"א

ב"ר **עזרא משה** הי"ו - חתן ר' **הערשל יאקאבאוויטש** הי"ו

### הולדת הבת

הרב **יודא שמילאוויטש** שליט"א

ב"ר **יואל** הי"ו - חתן ר' **ישראל חיים קרויס** הי"ו

הרב **יוסף לייב כהנא** שליט"א

ב"ר **שמואל זאנוויל** הי"ו - חתן ר' **יואל ווערצבערגער** הי"ו

# לומדי הכולל וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה טרעטן אריין אין יו"ט פורים מיט א רואיגע געוויסן אז די ריזיגע 'יו"ט פסח אויסגאבן' האט ב"ה דעקונג!

# שטייענדיג אין שווערע פינאנציעלע יאר זענען די הויי יעריגע דיסקאונטס דורך "קרן חסדי גאלדא ורבקה" געהעכערט געווארן מיט 100 פראצענט העכער ווי פאריאר!

# פארשריט

the BerkCo group

קרית יטב לב
KIRYAS YETEV LEV
BLOOMINGBURG, NEW YORK

**מאנאטליכע פלאטפארמע**

מיט מעלדונגען און פארשריט פון די
בוי-ארבעט ביי
**עמערעלד ליווינג עסטעיטס**
אין קרית יטב לב יצ"ו

## אריינפיר צום נייעם "פארשריט" קאלום

צוליב די געוואלדיגע אינטערעסע פונעם ציבור מיטצוהאלטן די כסדר'דיגע פארשריט אינערהאלב די נייע דעוועלאפמענט וואס ווערט געבויעט דורך די באריהמטע "בערקאו גרופ", טון מיר פארשטעלן א פרישע סעריע אין וועלכע עס וועט ווערן אויסגעשמועסט קלאר און דייטליך די נאכאנאנדע פארשריט, פלענער, און נאך פארשידענע אינטערעסאנטע רובריקן.
לייענט און האט הנאה!

### וואו האלט מען?

נייעס און אפדעיטס פון די אנגייענדע בוי ארבעט

**פאלגענד וועלן מיר דורכגיין אין קורצן די העפטיגע ארבעט וואס מ'האט דורכגעפירט במשך די לעצטע זעקס חדשים:**

- פארלאפענעם זומער תשפ"ג האט מען אנגעהויבן אוועקשטעלן די הויפט אריינגאנג צום דעוועלאפמענט שטח, דארט וואו עס געפונט זיך היינט די נייע הצלה גאראדזש.
- אריינגעצויגן וואסער און סוער, וואס פאר דעם צוועק האט מען געדארפט אינסטאלירן א TAP-IN צו די MAIN ליין וואס איז זייער א קאסטבארע פראיעקט.
- אויסגעפלאסטערט די ערשטע ראוד, אינסטאלירט סייד וואלקס און קורבס אזוי אויך די אפלויף פאר די רעגן וואסער - באזונדער קענען שוין זעהן די גאר ברייטע ראודס וואס מיר האבן דעזיינט.
- נאך סוכות פון היי-יאר האט מען אנגעהויבן די ארבעט אָן-סייט, דאס נעמט אריין LAND-CLEARING אפצוקראצן אלע עקזיסטירנדע ערד, דאס אוועקפירן און פלאצירן אויף א באזונדערע ארט.
- ארויסגענומען פילע MAN-HOLES וואס איז נאך געווען אונטערערדיש לויט די אלטע פלענער, אז מ'זאל זיך נישט אנשטויסן דערין שפעטער ביי די ארבעט.

### א בליק פאראויס

וואס צו ערווארטן אין די קומענדיגע וואכן

**במשך די קומענדיגע צוויי חדשים ביזן ענדע ווינטער פון היי-יאר איז אין פלאן זיך צו רוקן פאראויס בעז"ה מיט:**

- אנהויבן אריינברענגען ליניעס פאר סוער אפלויף און פאר די וואסער סופליי פונעם גאנצן דעוועלאפמענט.
- אזוי אויך פארשידענע GRADING ארבעט ווי מיר וועלן מודיע זיין אין די קומענדיגע אימעילס.
- געמאכט די GRADING פון די ערשטע צוויי גאסן, וואס באדייט אויסגראדן די שטח אויף אן אייניגע לעוועל איבעראל.
- אוועקגעפירט אסאך שווערע און הויכע ביימער וואס זענען געשטאנען אין וועג.
- אין די לעצטע צוויי וואכן האט מען געלייגט איבער 540 פוס פון אפלויף פאר די רעגן-וואסער צו קענען ארויסרינען.
- אינסטאלירט מער ווי 500 פוס פונעם סוער סיסטעם, מיט קאנעקשענס פון סוער פאר די ערשטע אכט בנינים פונעם

# פארשריט

## אונטער די קוליסן

אין די 'בערקאו גרופ' אפיסעס
אינטערעסאנטע פאקטן און דיסקשאנס איבער די וועלט פון קאנסטראקציע

### א קורצע אריינבליק איבער די עבודה קשה פון די סייט פלען אויסשטעל - #1

די יעצטיגע דעוועלאפמענט פלענער זענען גענצליך איבערגעטוישט געווארן פון די אריגינעלע פלענער וואס איז דעזיינט געווארן דורך די פריערדיגע דעוועלאפער. אסאך קאפ און מח איז אריין איבערצואַרבעטן אלעס פון פריש, אז ס'זאל זיין מער פראקטיש און געשמאק די אויסשטעל, סיי פון די הייזער און סיי פון די גאנצע סייט-פלען, דהיינו די גאסן, פעיוומענטס, און ראודס.
אינעם ערשטן פלאן איז אלעס געווען אויסגעשטעלט מער ווי א קאנטרי, מיט גאסן צווישן 20 און 22 פוס ברייט, וואס דאס האט פילע פראבלעמען אין זיך, צום ערשטנס עס פארשווערט די פארקינג, ווי אויך מאכט עס גאר ענג די פלאץ אדורכצופארן, און טוט אויטאמאטיש גורם זיין אז קינדער זאלן זיך שפילן אויף די ראודס וואס איז געוויס א גרויסע סכנה.

לויט די פרישע איבערגעמאכטע פלענער זענען די ראודס ברייט 39 פוס, וואס גיבט גענוג און נאך פלאץ פאר די טרעפיק פארקער פון די קארס. די פארקינג איז ביי די זייט פון די ראודס, דאס מאכט די סיידוואלקס פיל מער פארזיכערט, אז די קינדערלעך קענען זיך שפילן רואיגערהייט פארנט פונעם הויז אויף א גרעסערע שטח. ווי אויך איז דא מער פלאץ אויפן סיידוואלק פאר דורכגייער.
כדי אז ס'זאל זיין בעסער אויסגעשטעלט האט מען עלימינירט די דרייוו-וועיס, די סיבה פון עס אוועקנעמען איז צווייפאכיג, איינס ווייל עס מאכט שווערער די טרעפיק און צוימט איין דאס פלאץ פאר די קינדער צו פארברענגען, וואס ברענגט דערצו אז זיי מוזן נוצן דעם דרייוו-וועי אויכעט, און צווייטנס האט זיך ארויסגעשטעלט בעבר אז ווען קארס פארן ארויף צום דרייוו-וועי אדורך די פלאץ וואו מ'דרייט זיך, איז עס גאר מסוכן'דיג ר"ל.
טראצדעם וואס מ'האט עס אוועקגענומען, איז אבער צוגעשטעלט גענוג פארקינג ספאטס ביי די זייטן פונעם גאס, ווייל יעדע געביידע פארמאגט גענוג פארקינג ערטער פון פארנט, ווי אויך איז דא פארקינג בהרחבה ארום די גאס, אדער קעגן איבער, בסך הכל האט מען אויסגעשטעלט באופן אז יעדער קען פארקירן גאר נאענט צום הויז, ווי אויך ווען איינער פראוועט א שמחה, איז דא ברייט פלאץ פאר די קארס פון אלע געסט.



א סקעטש מיט די הערליכע גאס אויסשטעל פון די ברייטע גאסן און פארקינג

## אונזער אַנטוואָרט

ענטפערס אויף פארשידענע אנפראגעס פונעם ציבור

### דער דיפערענץ צווישן בויען אין אפסטעיט און בויען אין די סיטי

אייער אנפראגע:

פילע מענטשן האבן אנגעפרעגט פאר אן ערקלערונג אז זיי זעהן אין די סיטי ווען אימער מ'בויט א נייע געביידע, זאל עס זיין א פריוואטע הויז, זאל עס זיין א ריזיגע אפארטמענט בילדינג, נעמט נישט לאנג פונעם אויפגראבן דאס פלאץ, שטעלן פונדאמענטן, ביז מ'ציהט ארויף א גרויסע בנין. מיט וואס איז אנדערש די בוי-פראיעקט אין אפסטעיט אז עס גייט אריין אזויפיל צייט אין אנגרייטן דעם באדן, ס'קען נעמן חדשים לאנג ביז מ'הייבט אן צו בויען די פאקטישע געביידעס.

אונזער אנטווארט:

אזויווי דאס איז א גאר יסודות'דיגע שמועס, און מ'קען נישט גענוג אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון ארויסהאבן מיט א קלארקייט די סאמע הויפט חילוקים צווישן א בנין אין די סיטי צו א געביידע אין די אפסטעיט אומגעגנט, וועלן מיר פרובירן דורכגיין דעם נושא זייער דעטאלירט, צו פארזיכערן אז יעדער פארשטייט עס די מערסטע וואס שייך.

מאנכע וועלכע זענען צוגעוואוינט צו די שטאטישע מהלך פון בויען, ווייסן צו זאגן אז קורצליך דערנאך וואס מ'זעהט די גרויסע ברעטער וואס פארדעקן דעם קאנסטראקשען סייט, רוקן זיך אן אויפן ארט די טרעקטארס, קרעינס, טראקס, און פון טאג צו טאג דערקענט מען די פארשריט, ווען דער בנין באקומט כסדר פרישע שטאקן און צוגעלייגטע חלקים, און געוואנדן לויט יענעמס בודזשעט קען מען זעהן גאר שנעלע רעזולטאטן. אבער ווען ס'קומט צו א פראיעקט אין אפסטעיט, קען צומאל געדויערן חדשים לאנג ביז מ'זעהט מינימאלע פארשריט.

לאמיר עס צונעמען אויף קליינגעלט, צו פארשטיין אז ס'איז צוויי באזונדערע זאכן, לא הרי זה כהרי זה. ווען איינער בויעט א בנין אין די סיטי, קומט ער אן צו א פערטיגע אינפראסטראקטשער, די גאס איז אוועקגעשטעלט מיט אלע נוטיגע סופלייס, ס'דא א געהעריגע סיידוואלק, ראוד, און אונטערערדיש לויפן שוין אלע הויפט ליניעס פאר עלקעטריציטעט, וואסער, סוער, געז, און וואס נישט. ער דארף נישט מער ווי באהעפטן זיין בנין צו די עקזיסטירנדע ליניעס. אנדערש איז אבער ווען מ'דארף אנהויבן בויען דעם גאס פון אלף, ס'איז נאך גארנישט דא, אלעס איז גענצליך רוי און פוסט, יעדע דעטאל דארף ווערן אויסגעפלאנט און אריינגעצויגן, צום ערשט ברויך מען אויפאקערן די ערד, דאס אוועקטראגן פונעם ארט, און צוביסלעך ברענגן פרישע ערד וואס זאל זיין פאסיג צו קענען האלטן דערויף די גאנצע אינפראסטראקטשער פונעם געגנט. פאר א סיטי איינוואוינער איז שווער צו באגרייפן די מציאות פון אנטוויקלען א רויע ליידיגע שטח, דארט אריינציען פונדאסניי אלע בעיסיק געברויכן, וואס יעדע טייל דערפון נעמט אסאך צייט און פלאנירונג דאס ריכטיג אוועקצושטעלן אז ס'זאל נישט שפעטער ארויסקומען טעכנישע שוועריגקייטן.

אינעם קומענדיגן אימעיל וועלן מיר אויסשמועסן אי"ה נאך דיפערענצן

# א נעענטערן בליק

לעבעדיגע בילדער פון די נאכאנאנדע פארשריט ביי אונזערע פראיעקטן

## נאכאנאנדע פארשריט פון אנהויב היי-יאר ווינטער ביז יעצט



ביים אינסטאלירן די ספעציעלע צוים ארום די בוי-שטח געפאדערט לויט די DEC פארשריפטן



ביים אוועקנעמען די אלטע ראודס



בשעת'ן אינסטאלירן STORMWATER ליניעס



מ'הויפענט אויף צענדליגע טויזנטער קיוביק-יאַרד פון SOIL און TOP SOIL



מ'גראבט אויף אלטע MAN HOLES פון אונטער די ערד



גאר קאסטבארע דעליווערים פון פייפינג קומען אן צום שטח





ביים אויסרייסן און אוועקפירן הויכע און שווערעביימער



מ'ציהט אריין די סוער ליניעס

# La Vista Estates

## הערליכע זומער הויז צו פארקויפן אין סאוט פאלסבורג





All Furniture & Appliances Included In The Sale!




SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL

**MK REALTY**
Residential & Commercial

**845.782.0205**
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

**משה שמחה קויפמאן**
לייסענס# 10311206102
**845.537.0475**

**אליעזר דוד האפפמאן**
לייסענס# 10401304475
**845.662.3574**

**דוד לייב קרויס**
לייסענס# 10401317322
**845.274.3765**

**נפתלי הירצקא זינגער**
לייסענס# 10401300864
**845.728.1429**

**אברהם חיים לעווי**
לייסענס# 10401327281
**845.238.1162**

LISTING AGENT
**אברהם הערש גפן**
לייסענס# 10401378950
**845.837.0943**

### קדושת ירושלים: נאָך שטאַרקע קעגנערשאַפט פון די ירושלים׳ער איינוואוינער

# ׳רכבת ישראל׳ מעלדט: מיר ציען צוריק פון אויפבויען דעם אונטערערדישן טראַנזיט

ירושלים – נאָכ׳ן אָנגייענדיגן קאַמף און שווערע השתדלות פון די עסקנים פון ׳וועד גאולה׳ שע״י העדה החרדית איז געמאָלדן געוואָרן דורך ׳רכבת ישראל׳ אַז זיי גייען אינגאַנצן אָפּשטעלן דעם פּלאַן פון אויפבויען די אונטערערדישע טראַנזיט סטאַנציע פאַר דער תל-אביב-ירושלים באַן אין די חרדי׳שע געגנט, וואָס האָט געזאָלט רח״ל באַהעפטן שכונת מאה שערים מיט תל אביב. ׳עירית ירושלים׳ פּרובירט דאָס אָפּצושלאָגן און אויפקומען מיט אַנדערע פּלענער, די עסקנים האָבן זיך דעם היינטיגן מיטוואָך געזעצט אויף א דיון זיכער צו מאַכן אַז די החלטה איז פעסטגעשטעלט און קיינער קען דאָס נישט צושטערן.

פאַרגאַנגענע וואָך פרשת ויקהל איז פאַרשפּרייט געוואָרן די פרייליכע מעלדונג פאַר ערליכע אידן אין ירושלים ווען אין די טעג האָט מען באַקומען די ידיעה אַז נאָך שטאַרקע אַקטיוויטעטן וועט דער פּלאַן בעז״ה אָפּגעשטעלט ווערן.

צו באַמערקן אַז מען רעדט נישט פון די מערכה איבער די לייכטע באַן אויף די גאַסן פון בר אילן, וואָס בויעט זיך אין די יעצטיגע טעג. דאָס זענען צוויי אַנדערע פּלענער. עס איז טאקע דער האפענונג אַזוי ווי מען האט דאָ מצליח געווען, וועט מען דאָרט אויך מיט די כח פון מסירות נפש און תפילות פון אידישע קינדער אָפּשלאָגן די אַלע פּלענער בעז״ה.

ווי די עסקנים געבן איבער אַז אַדאַנק דעם וואָס מען האָט דאָ געאַרבעט אויף אַ מסודר׳דיגן אופן, האָט מען זוכה געווען צו דערגרייכן ווי מען איז אָנגעקומען. טראָץ וואָס דער ציבור איז נישט געווען אינפאָרמירט איבער אַלע לעגאַלע השתדלות וואָס ׳וועד גאולה׳ פירט אָן. דער וועד איז געשטעלט געוואָרן אויף די געגנט מטעם העדה החרדית אָנגעפירט דורך הר״ר יוסף צבי דאַווידאָוויטש שליט״א, בעיקר ווענן די געשעפטן, און מען האָט אויפגענומען דעם ענערגישן עסקן הרב שמחה דיימאַנט הי״ו וואָס האָט אָנגעפירט די פּלאַנירונג און לעגאַליטעט מיט זיין עקספּערטיז און ברייטע ערפאַרונג.

דער פּלאַן זייערע איז געווען אויפצובויען אַ סטאַנציע און טונעל פאַר פּוסגייער פון די ערליכע שכונות צום רכבת תל אביב-ירושלים סטאַנציע וואָס דאַרף געבויט ווערן אין דער יפו געגנט, דאָך, בחסדי ה׳, נאָך אַ דיסקוסיע אינעם ״באַהאַלטענע קאָמיטע״ און די פאָרשטעלונג פון די קעגנערשאַפט פון די איינוואוינער פון די שכונות, איז דער בייזער פּלאַן דערווייל אָפּגעשטעלט.

׳רכבת ישראל׳ האָט געמאָלדן אַז נאָכ׳ן פאַרלאַנג פון די תושבים, גייט אינגאַנצן אַראָפּ דער פּלאַן אויפצובויען אַ סטאַנציע פאַר די באַן פון תל אביב קיין ירושלים אויפ׳ן מלכי ישראל גאַס אויפ׳ן כיכר השבת. פאָרט פּרובירט נאָך די ציוניסטישע ׳עיריית ירושלים׳ נאָך צו טון וואָס מעגליך צוריקצוברענגען דעם פּלאַן היל״ת.

אָנגעהויבן פון חודש סיון שנת תשע״ט ווען דער פּלאַן איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעשוואומען, ציט זיך שוין די מערכה אַ שיינע פאָר יאָר. מאָנטאָג מטות מסעי כ״ב תמוז תשפ״ג איז ערשינען אַ בריוו מטעם העדה החרדית וואָס פאָדערט פונעם ציבור צו שטיין צו הילף פון די עסקנים. דערנאָך אום ח׳ אלול תשפ״ג זענען די עסקנים אַרויס אויף אין אַ שטאַרקן קאַמפּיין און צאַמגענומען צענדליגער טויזנטער חתימות פון בני יהדות החרדית וואָס האָבן גע׳חתמ׳עט קעגן דעם בייזווילליגן פּלאַן אויסצומישן די חרדי׳שע געגנט מיט די טמא׳נע תל אביב גאַסן.

דער קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיגט. דעם היינטיגן מיטוואָך איז פאָרקומען נאָך אַ דיסקוסיע אין גבעת שאול געגנט איבער דעם פּראָגראַם מיט די זאָנינג באָורד, נאָך וואָס ׳עיריית ירושלים׳ אינאיינעם מיט אַ טייל פון די חרדי׳שע פאַרטרעטער [פאַררעטער] פּרובירן צוריקדרייען דעם באַשלוס פון ׳רכבת ישראל׳ מיט אַלערליי טענות, אַז די איינוואוינער פון די חרדי׳שע געגנטער פאַרטרעטן נישט דעם אַלגעמיינעם ציבור, עס פעלט נאָך די מיט-אַרבעט פונעם ציבור דאָס אינגאַנצן צו געווינען.

עס איז ווידער באַוויזן געוואָרן אַז מיט כח הרבים און אַ דאַנק די תפילות און מחאות קען זיך אַלעס איבערדרייען, די גוטע עסקנים מיט די הילף פון די איינוואוינער פון די שכונות האָבן קלוג געהאַנדלט און קענען יעצט זען די פירות פון הצלחה, און צו די זעלבע צייט געדענקען צו זיין אָפּגעטיילט פון אַלערליי פאַרטיי עלעמענטן.

מען זעהט וויפיל מען טאָר נישט נאָכלאָזן קיין כי הוא זה ווען עס קומט צו קדושת ירושלים. יעדער זעהט קלאָר אַז נאָר מכוח די שווערע מחאות און תפילות ווערן בטל אַלע גזירות, און עס איז די האָפענונג אַז אַזוי ווי די דאָזיגע נפילה זאָלן די כוחות הטומאה ווייטער פאַלן פאַר די כוחות הקדושה ביז מיר וועלן באַקומען די בשורה פון די ביטול פון אַלע מזימות הרשע.

# יהדות החרדית איז אַנטשלאָסן אנצוגיין מיט אַ מלחמת חרמה קעגן די פּרוואוון פונעם שלטון און דער בג״ץ אויסצופירן די גזירת הגיוס

**ווערטער פון זקן הרבנים פון די ״דגל התורה״ פּאַרטיי און פונעם ספרדי׳שן ״רב הראשי״ יצחק יוסף פאַראורזאַכט אַ שטורעם אין די מידיאַ פון ״מדינת ישראל״ קעגן ״גיוס״ לומדי תורה – רעגירונג פּלאַנט דורכצופירן אַ באַשלוס אָפּצושיבן דאָס אַרייַנרופן בני ישיבות אין מיליטער אויף 4 מאָנאַטן**

ירושלים. – די גזירה פון גיוס בני הישיבות און לומדי התורה וואָס דער שלטון און דער בג״ץ הציוני וויל אַרויפצווינגען אין די קומענדיגע וואָכן איז נאָך אַלץ אַ הויפּט טעמע נישט נאָר ביים חרדי׳שן ציבור אין ארץ ישראל, נאָר אויך ביי דעם אַלגעמיינעם ציבור אין ״מדינת ישראל״ וואָס ווערן טאָג טעגליך אויפגעהעצט דורך די פּרעסע אַז חרדי׳שע אידן מוזן זיין אַ טייל פונעם מיליטער אין אַ טייל פון טראָגן דעם עול פון באַשיצן די ״מדינה״ פון אירע פיינט, איבערהויפּט איצט ביי די מלחמה וואָס גייט פאָר זינט נאָך שמחת תורה.

דער באַשלוס פונעם בג״ץ צו אַנולירן דעם באַשלוס פון די רעגירונג נישט אַרייַנצורופן ישיבה לייט אין מיליטער ביז עס וועט באַשטעטיגט ווערן אַ נייער ״חוק הגיוס״ האָט געכאַפּט די רעליגיעזע פּאַרטייען אין שאָק און מ׳קען אפילו זאָגן אין שוידער. ווייל אויסער די סכנה אַז ישיבה לייט וועלן דאַרפן גיין אין מיליטער שוועבט אויף זיי אויך אַ ״גזירה״ פון אָפּהאַקן די געלט סובסידיעס וועלכע באַטרעפט אין שווערע מיליאָנען, וואָס דאָס איז ביי זיי שווערע פון אַלעם, און דעריבער גייען אָן די רעליגיעזע ״חברי הכנסת״ מיט פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען מיט די רעגירונג צו טרעפן אַ לעזונג צו דעם שווערן סיטואַציע אין וואָס זיי געפונען זיך איצט.

ווי עס ווערט איצט דינסטאָג נאַכט באַריכטעט פּלאַנט די ״ממשלה״ צו באַשטעטיגן אַ פרישן באַשלוס אָפּצושיבן דאָס אַרייַנרופן בני ישיבות אין מיליטער אויף 4 מאָנאַטן ביז ערשטן יולי למספרם, ווען ביז דאַן וועט אַריבערגעפירט ווערן בהסכמת אַלע פּאַרטייען אַ ״גיוס״ געזעץ וואָס וועט מכלומר׳שט לעזן אַלע געזעצליכע פּראָבלעמען וואָס דער ״בג״ץ״ האָט באַהויפּטעט און איר

משמרת חומתינו

החלטה מיט 3 וואָכן צוריק, וואָס דעריבער האָט ער גע'פסל'ט דעם ביז איצטיגן באַשלוס וואָס ערמעגליכט דערוויייל נישט אַריינרופן ישיבה לייט אין מיליטער.

די "איכות השלטון" אַנטי-דת אָרגאַניזאַציע און נאָך אַנדערע שנאת הדת אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין איצט געלאָזט הערן אַז דער געפּלאַנטע באַשלוס וואָס די "ממשלה" וויל אַריבערפירן מיינט נאָר צו שלעפּן צייט און נישט עפּעס אַנדערש און דעריבער גלייך ווען דער באַשלוס וועט אַריבערגעפירט ווערן וועלן זיי זיך גלייך ווענדן ווידעראַמאָל צום "בג"ץ" הויפּט געריכט צו פסל'ען און אַנולירן דעם נייעם באַשלוס.

גלייכצייטיג ווען די "גיוס" אישו איז אויף די מידיאַ און פּרעסע פון די ערשטע נייעס, האָבן די ווערטער פונעם זקן הרבנים פון די "דגל התורה" פּאַרטיי הג"ר מאיר צבי בערגמאַן שליט"א ראש ישיבת הרשב"י איידעם פון הגאון הגדול רבי אליעזר שך זצ"ל פּאָניוועזשער ראש ישיבה און פונעם ספרדי'שן "רב הראשי" יצחק יוסף פאַראורזאַכט אַ שטורעם איבער די מידיאַ אין "מדינת ישראל", ווען זיי זענען ציטירט געוואָרן זייער שאַרף קעגן גיוס בני הישיבות.

הגרמ"צ בערגמאַן איז ציטירט געוואָרן פון זיינע ווערטער ביי אַ הספד אין זיין ישיבה אויף ידידו הג"ר משה צביון ז"ל ווי פאָלגענד: "איך וויל אייך זאָגן און דאָ אויסרופן במעמד זה ווייל עס איז נוגע למעשה, אַז מיר וועלן נישט מסכים זיין צו קיין שום זאַך בנוגע גיוס בני הישיבות אַזוי ווי עס האָט געהאַלטן דער חזון איש און אונזער גרויסער רבי הרב שך זכותם יגן עלינו, עס וועט זיי גאָרנישט העלפן קיינער איז נישט קיין בעל הבית מוותר צו זיין אויף די תורה. דער באַשעפער זאָל אויף אונז רחמנות האָבן".

דעם פאַרלאָפענעם מוצש"ק האָט דער ספרדי'שער "רב הראשי" יצחק יוסף געלאָזט הערן און זיי וועכנטליכן שיעור וואָס איז געהערט געוואָרן לייוו אין צענדליגער שטעט: "אויב מען וועט מגייס זיין די פרומע וועט מען דאַרפן פאַרלאָזן דאָס לאַנד" זיינע ווערטער האָט אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש איבער'ן גאַנצן לאַנד און האָט געשאַפן ממש אַ סקאַנדאַל. מאַנכע פון די פּאָליטישאָנס האָבן געפאָדערט אים אָפּצוזאָגן פון זיין אַמט, ווייל ער איז אַ "פקיד" פון די "מדינה" וואָס לאָזט הערן קריטיק אויף די "מדינה".

זיינע מקורבים האָבן זיך פּרובירט צו פאַרטיידיגן אַז די ווערטער זיינע זענען נישט קיין נייע, נאָר זיין טאַטע "הרב" עובדיה יוסף אויף אַ געוועזענער "ראשון לציון" און "רב הראשי" פון די מדינה האָט זיך אויך באַנוצט מיט אַזעלכע סטראַשונקעס.

מ'קען ערוואַרטן אַז דער "רב הראשי" יצחק יוסף וועט אין די קומענדיגע טעג לאָזן הערן עפּעס "דברי חנופה" פאַר די סאָלדאַטן, כי כן ציווה לו המלך ווייל ער באַלאַנגט דאָך צו די ספרדי'שע "ש"ס" פאַרטיי וואָס איז פאַקטיש אַ חלק פון די מדינה.

ערליכע אידן האָבן אויפגענומען די רייד פונעם "רב הראשי" מיט וואונדער, אַז עס נעמט פאַר די "רבנים מטעם" איבער 70 יאָר אָנצוקומען צו אַ מסקנא אַז אויב עס וועט אַרויפגעצוואונגען ווערן גיוס בני הישיבות וועט מען מוזן פאַרלאָזן ארץ ישראל. ווערטער וואָס מ'האָט געהערט פון האי רעיא מהימנא קדישא מרן רביה"ק זי"ע נאָך אין די תש"י יאָרן אַז אויב די מדינה הציונית וועט אַרויפצווינגען די דריי גזירות הנוראות אויף יושבי ארה"ק "גיוס בנים ובנות", און "חוק חינוך חובה" און "ניתוחי מתים" וועט מען נישט קענען און נישט טאָרן וואוינען אין ארץ ישראל.

לגופו של ענין וועט דאָס יהדות החרדית סייווי נישט מסכים זיין צו קיינע פשרות וואָס זאָל פירן צו גיוס בני ישיבות, און וועט פירן אַן ענדלאָזן קאַמף קעגן די וואָס וועלן רעדן בשם היהדות החרדית איינצוגיין אויף פשרות מיט די "ממשלה" נאָכצוקומען אפילו טיילווייז די פאַרלאַנגען פונעם שלטון און דעם בג"ץ.

**וה' יהיה בעזרת ישראל החרדים אל דברו.**

ויזעק זעקה גדולה ומרה

# האַרציגע ווענדונג מהררי' ציון וירושלים צום עמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל וראש גולת אריאל כ"ק אדמו"ר שליט"א דורך הגאון רבי צבי פרידמאַן שליט"א גאב"ד מסורת איבער די קריטישע אַנטוויקלונגען אַרום די גזירה הנוראה פון גיוס אין ארה"ק


**הרב צבי פרידמן**
**אב"ד "מסורת"**
**רב דשכונת אור החיים ב"ב**
**ורמת בית שמש ג'**
רח' נועם אלימלך 12 ב' ב"ב

**Rabbi Zvi Friedman**
Chief Rabbi "Massoreth"
Rav Of Or Hachayim Area
12, Noam Elimelech St. Bnei Brak
And Ramat bet Shemesh G'


בעזהשי"ת, כ"ח אדר א' ה'תשפ"ד

**לכבוד מע"כ ידידי וידיד ד' העומד לנס עם ד' רבן של רבבות מישראל**
**כקש"ת הגאון הצדיק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים שליט"א אדמו"ר מסאטמאר**

הנני בזה לפנות למע"כ הרמה שליט"א בענין המצב הנורא השורר כעת בארה"ק, כאשר ביום שני העבר (י"ז אד"א), הוציא הבג"ץ 'צו' בענין גזירת גיוס על כל בני הישיבות, המחייב את הממשלה להשיב תוך פחות מחודש ימים מדוע אינם מגייסים את כל בני הישיבות.

וזה מתוקף מה שקבעו הבג"ץ לפני י"ב שנים את המושג "שוויון בנטל", כלומר שמה שהיה עד אז במשך כל השנים, שבני הישיבות היו פטורים מחובת הגיוס, אין לו יותר תוקף, ועל בני הישיבות להתגיים לצבא השמד כמו החילונים. ועד עכשיו בוצע הענין באופן חלקי, ורבים נפלו ברשתם רח"ל.

ועתה הגיע עת ביצוע הגזירה במלוא תוקפה, ועומדים ח"ו להגיע להשלמת מלאכתם, לחייב את כל בני הישיבות להתגיים לצבא (או לשירות לאומי אזרחי וכיו"ב) רח"ל, אשר כנודע זהו גזירת שמד כפשוטו ומחויבים אנו למסור את הנפש כנגד גזירה איומה זו.

והנה מזה כשנה שהחילונים יצאו להפגנות בהם הביעו את דרישתם הנחרצת לגיוס חרדים מלא וכן פתחו בכלי התקשורת בהסתה איומה, נגד החרדים שאינם מתגייסים, וכעת בעקבות המלחמה גבר זעמם באופן נורא, ודורשים בתוקף מהשלטונות, שיכפו על הציבור החרדי גיוס מלא כמותם, וכלי התקשורת והעיתונים עוסקים בזה יומם ולילה, ומזהירים את הממשלה שבאם יהינו לפטור את בני הישיבות מהגיוס, או ינסו לעשות איזה חוק לפוטרם בכל צורה שהיא, תקום כנגדם מלחמה שתערער את כל סדרי השלטון.

ועתה, לנוכח המצב הנורא, החובה המוטלת כעת היא להקים קול זעקה גדולה ומרה בארץ ובחו"ל, ולהכריז כי נצח ישראל לא ישקר ובני היהדות החרדית ימסרו נפשם וילכו לכלא ולא לצבא השמד, ולעשות עצרות המוניות והפגנות גדולות להרעיש עולם ומלואו בכל מה שדרוש ונחוץ במערכה זו שכל קיום התורה והיהדות תלוי בזה.

והנה, בחיי מרן הגאון רבינו שמואל אויערבאך זצוק"ל, נעשו עצרות והפגנות גדולות ופעולות אדירות כנגד גזירה זו, ועתה שהגענו לשיא תוקפה של גזירה זו, כ"ש וק"ו שחובה גמורה לחדש את המלחמה ולהרעיש עולם ומלואו שלא ינוח שבט הרשע על גורל לומדי התורה בפרט והציבור החרדי בכלל, ושלא יעלה מזימתם בידם ח"ו.

וב"ה כבר נעשו בארץ שני הפגנות ענק שהרעישו עולם ומלואו, ובס"ד נפעל להגביר הפעולות בכל עוז.

ובזה הנני פונה למע"כ כ"ק האדמו"ר שליט"א, המבין את המצב הנורא לאשורו, בקריאת חירום נרגשת, אנא יפעל לעורר את כל מי שבידו לעורר, הן בארץ והן בחו"ל, למען הצלת התורה והישיבות בארה"ק, כי אוי לנו אם נחריש בעת הזאת אשר מבקשים להעלות את התורה על המוקד.

וע"ז באעה"ח


לעבט מיט די באריכטן פון מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה 605.313.6884
קול האמונה 718.298.4754
מערכת סאטמאר 718.831.7000 #1-1-4




בתי מדרשים | מקוואות טהרה | כולל לאברכים וכולל להוראה | מהודר'דיגע עירוב | גראסערי | פיש און פלייש | דושועריקא / ווייַן | ביזנעס סענטער | שמחה זאלן | קיאסק | שאטל | חברה הצלה | Urgent care | פידיעטריק OB | שפיטעלער | וועד לעניינים רוחניים

# א שטאט וואס רואיגקייט נעמט איין דעם גאנצן ארום

מיר שטייען אין א אינטערעסאנטע תקופה ביים היימישן ציבור, ווען אין די לעצטע עטליכע יאר איז אנטשטאנען א נייער מציאות, ווען יעדע שטיק צייט הערט מען פון נאך א פרישער ישוב וואס פארמירט זיך פאר ערליכע אידן סיי אין ניו יארק און ניו זשערסי' אומגעגנט, און אפי' אין אנדערע סטעיטס שאפן זיך ישובים וואו חסיד'ישע אידן ציען זיך אריבער און הייבן אן א ניי קאפיטל על אדמת אמעריקע.

יעדער ישוב האט זיינע מעלות און אפי' חסרונות, און יעדן ציט עפעס אנדערש לויט זיינע געברויכן און לויט זיין בליק אויף א זאך.

אויב יעדער ישוב ברענגט עפעס וואס דער אנדערער האט נישט, איז קרית זית רענן נישט אנדערש, און דער ישוב ברענגט עפעס וואס איז נישטא אין קיין שום אנדערער פלאץ און אויב זענען אירע מעלות עפעס וואס רעדט צו אייך, דאן אפשר איז דאס אייער חלום וואוינארט...

אטעמט רואיגקייט!

בלויז כאפן א בליק אין דעם נייעם ישוב ברענגט א אויסטערלישע רואיגקייט און הרחבת הדעת. דער ישוב וועלכע שטייט אויף דעם צווייטן העכסטן ארט אין גאנץ ניו זשערסי, גיבט פאר די איינוואוינער אן אויגפארכאפענדער אויסקוק אויפן גאנצן ארום פון הרים וגבעות וואס ענדיגן זיך נישט און ברענגט א קלארקייט אין מח, א הרחבת הדעת און א ישוב הדעת.

דער זעלטן ריינע לופט וואס שפירט זיך דארט אויף די העכערע בערג, וואס איז פון א לויטערע קוואליטעט, גיבט א געלעגנהייט צו כאפן א טיפן קריסטאל קלארן אטעם וואס האט נישט זיינס גלייכן אין די אנגעלייגטע שטעט און שטעטלעך.

אבער נישט נאר דער שיינקייט און די לופט איז וואס גיבט צו צום רואיגקייט אין זית רענן, נאר אויך דער מציאות פון זיך איינקויפן אן 'אייגענע פריוואטע הויז', וואס ענהאלט אזויפיל ווי דריי טויזענט סקווער פוס! בלויז פאר דעם פרייז פון 599K, דאס איז עפעס וואס ברענגט שוין איינמאל הרחבת הדעת און רואיגקייט.

די אייגענע פריוואטע הויז אן קיין שכינים פון אויבן און אונטן, אבער יא שכנים ביי די זייט צו קענען בארגן אויל און אייער. די קליינע געסלעך מיט דעד ענדס צו האלטן די געגנט רואיג, אלעס איז אויסגעשטעלט פאר 'רואיגקייט', און ווען מען איז רואיג איז אלעס גרינגער.

גלייבט אונז נישט! באשטעלט אן אפוינטמענט מיט אונזער שטאב, וועלכער וועט אייך ארומפירן די שטאט פון רואיגקייט.

**מיר וואונטשן אייך א געשמאקע און רואיגע איבערלעבעניש.**




רופט שוין צו פארזיכערן אייער אייגענע הויז:

**908.998.2442**

office@zayisranon.org | www.zayisranon.org

# תושבי בית שמש רמה ד' שטייען פעסט קעגן די וואס ווילן טוישן דעם ערליכן כאראקטער פון דער געגנט

בית שמש - נאך די גרויסע מחאות קעגן דעם מוסדות כלאים וואס מאנכע ווילן איינקווארטירן אינעם נייעם רמה ד' געגנט, און אלע רבנים פון אלע שיכטן און קרייזן זענען ארויס קעגן די תלמוד תורה, האט דער מנהל פון די תלמוד תורה געמאלדן די פארגאנגענע וואך, אז ער זאגט זיך אפ פונעם אמט אלס מנהל אין דעם חדר. אזוי אויך האט דער סעקרעטאר פונעם חדר מודיע געווען אז ער גייט ארויס, נאך וואס זיין רבי האט אים אזוי געהייסן.

איינער פון די עלטערן גיט איבער אז די אלע מחאות נעמט ארויס די גאנצע הנהלה פון גלייכגעוויכט, און די עלטערן ווייסן נישט וואס צו טון. דאס אלעס איז בזכות פון שטיין על המשמר, און נישט לאזן אראפשלעפן די נייע געגנט.

דערווייל גייען נאך אן די וועכנטליכע מחאות ווען יעדע וואך דינסטאג גייט ארויס א צווייטער כולל מוחה זיין פארנט פונעם בנין התלמוד תורה.

*

דעם פארגאנגענעם שב"ק פרשת תצוה זענען ארויס פילע אידן קעגן דעם שטוב פון א פארשוין וואס מסר'ט כסדר פאר די רעגירונג און פייניגט דעם היימישן ציבור, נאך וואס עטליכע אינגעלייט זענען שוין אין די לעצטערע וואכן ארעסטירט געווארן צוליב אים אינמיטן די נאכט. זיין צרות עין אויף די איבערגעגעבנקייט ביים היימישן ציבור איז נעבעך אזוי ווייט אז ער מסר'ט ביי די רעגירונג די משפחות וואס שטעלן ארויס וואסער ביי די באס סטאנציעס, וואס ווי באקאנט איז אין בית שמש זייער הייס און מענטשן קענען שטייען שעות און אויסגיין פאר אביסל וואסער, זאגנט ער אז עס מאכט שמוציג די גאסן, און פארלאנגט פון די שטאט זיי צו געבן גרויסע קנסות.

לויט ווי מען הערט פון זיינע משפחה מיטגלידער פלאנט ער זיך אוועקצוציען פון רמה ד', נאך וואס ער האט געזאגט פאר איינעם פון זיינע מקורבים אז אויב וועט דער מצב ווייטער אזוי ממשיך זיין, וועט ער דארפן פארדינגען זיין דירה פאר א צווייטן.

*

ווי שוין באריכטעט גייען תושבי רמה ד' אריבער שרעקליכע רדיפות נאך וואס די פאליציי פון בית שמש טוט מיט אכזריות צוואווארפן פילע בתי מדרשים, ווען אין די פאריגע וואך האבן נאך פיר בתי מדרשים אין רמה ד'3- ערהאלטן א 'צו הריסה' און אפגעסטעמפלט געווארן אז מען דארף זיי צוואווארפן.

צוליב דעם איז פארגאנגענעם מיטוואך פרשת תצוה ביים גרויסן מנינים צענטער אין רמה ד'3- אויפגעשטעלט געווארן א גיגאנטישער שאטער ביים ווינקל פון רחוב נהרדעא און תלמוד ירושלמי דורך די גבאים פון ביהמ"ד תפארת מרדכי קאשוי, וואו עס קומען טעגליך פאר, על אפם ועל חמתם, פילע מנינים שחרית, מנחה און מעריב.

נאך וואס די געגנט וואקסט פון וואך צו וואך, ווען עס ווערן פערטיג נאך און נאך דירות, איז דער קאשוי ביהמ"ד געווען אריינגעשטופט אין א קליינע דירה וואו מען האט זיך קוים געקענט רירן.

און אפילו דער שאטער וואס איז לכל הדעת געזעצליך לויט אלע זייערע פארשריפטן, מיט דעם אלעם בלייבן זיי נישט שטיל נאר סטראשען אז אויב ביז א חודש ווערט נישט דער שאטער צענומען, נעמען זיי צו די לייסענס פונעם טרעילאר וואס האט עס געברענגט.

*

דעם פארגאנגענעם מוצ"ש פקודי איז פארגעקומען א גרויסער כינוס אין די זאלן פון פארהאנד אין קרית הרמ"א אין בית שמש, פאר אלע נשים צדקניות פון בני ישוב הישן צו מחזק זיין דעם ענין פון רעדן אידיש אין די פארקס און נישט נאכלאזן אין עניני צניעות און זיך נישט דערשרעקן פון די סארט משפחות וואס וואוינען אין די געגנט וואס זוכן נאר אראפצושלעפן און פראסט מאכן די גאסן.

**ובני ישראל יוצאים ביד רמה!**

# אידישע טאַכטער געשמאַכטעט אונטער גראַטעם אין מיליטערישע טורמע ה"י

## שרעקליכע אורטייל פון 175 טעג טורמע ב"ה נתבטל געוואָרן נאָך שטורמישע הפגנות

אַ טרייסל האָט אַרומגענומען דאָס יהדות החרדית אין ארץ ישראל ווען מען האָט געהערט פאָריגע וואָך אַז די ציוני'סטישע מיליטער האלט פארכאפט אַ אידישע טאכטער אין תפיסה, וואָס האָט אויפגעשטורעמט אַלעמען, ווען עס האַנדלט זיך פון אַ גזירת גיוס בנות וואָס איז ביהרג ואל יעבור!

די אידישע טאָכטער קומט פון אַ צובראָכענע שטוב, א ספרד'ישע משפחה שומרי תורה ומצות, וואָס אין אָנהייב ביי די אַכצן יאָר האָט זיך ליידער געוואָלט זיך מאָביליזירן אין מיליטער אָבער נאָך די השתדלות פון איר פאָטער האָט זי חרטה געהאַט און די לעצטערע פינעף יאָר האָט זיך זיך נישט געשטעלט צו גיין דינען אין מיליטער, דאָס האָט צוגעברענגט אַז זי איז געוואָרן פאַרפלאָנטערט אַלס אַ 'משתמטת' וואָס דאָס מיינט זיך נישט ווויסנדיג געמאַכט פון די מיליטער.

זי איז שוין געווען ביי אַ פסיכאָלאָג און האָט באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע פאַר אַ 'גייסטיש קראַנקע פערזאָן וואָס איז פטור פון דינען אין מיליטער. שפעטער איז דאָס אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ שפּיצל פונעם איבערגעקלוגטן צבא, מיט'ן איר געבן דעם פטור, וואָס האָט איר טאַקע גע'פטר'ט פון מיליטער אָבער נישט פונעם קנס פאַר'ן זיין אַ 'משתמטת'. די שטראָף פאַר'ן זיך אויסדרייען פון מיליטער איז היינט זייער האַרב, פון מער ווי צוויי הונדערט טעג פון שמאַכטן אין תפיסה.

אצינד איז זי ארעסטירט געווארן זייענדיג אין לופטפעלד אויפ'ן וועג ארויס פון ארץ ישראל, וואו איז זי געקייטלט געוואָרן רח"ל, און די מיליטער האָט זיך גע'עקש'נט איר צו אַריינשליידערן אין טורמע אויף 175 טעג אלס עונש פון זיך משתמט זיין פון צבא השמד. די ערליכע אידישע טאָכטער, נישט וועלנדיג אריינפאלן אינעם שמעלץ טאָפּ, אָבער אָבער ווייטער געשטאַנען מיט אַ העלדישקייט און נישט מסכים געווען זיך צו ברעכן.

באַלד ווען מען האָט געהערט די שוידערליכע בשורה זענען ריזיגע מחאות אפגעהאלטן געוואָרן, אין ירושלים אויף רחוב יחזקאל, און אין בית שמש אויפ'ן הויפט שטראז 'נהר ירדן'. אזוי אויך האט געשטורעמט מיט מחאות פארנט פון תפיסה #10 וואו די אידישע טאָכטער איז פארהאלטן געווארן ווי א פאלנע פאַרברעכערין ה"י. מען האָט אויפ'ן אָרט געברענגט גרויסע הויכהילכער, כדי איר צו געבן מוט און דרייסטקייט צו וויסן אַז דער ציבור איז מיט איר אינעם קאמף און זי זאל זיך נישט ברעכן פאר זייער אונטערדריקונגען.

בשעת די הפגנות זענען פאליציי געקומען טיילן קלעפּ און שפּריצן טרערן געז צו פרובירן פארטרייבן די מוחים, אן ערפאָלג. ווען מ'האָט מוחה געווען פאָרנט פון די תפיסה האָט מען אויך אינזין געהאַט די בחורים און אינגעלייט וואס זיצן ליידער דארט אין תפיסה, וואָס באטרעפט 10 אסירים רח"ל. מען האט אויסגעשריגן די אלע נעמען מיט חיזוק ועידוד אַז זיי זאָלן זיך האַלטן שטארק און פעסט.

די עסקנים האבן נישט גערוהט און איבערגעדרייט עולם ומלואה צו באפרייען די אידישע טאָכטער. אַדאַנק דעם איז באַשטימט געוואָרן אויף פאָריגן דאָנערשטאָג אַ סעסיע אויב דער משפט פון דעם הארבן אורטייל זאל אויסגעפירט ווערן.

די גאַנצע קעיס איז געוואָרן באַהאַנדלט און באַגלייט דורך די אָפּיסעס פון 'בנות מלך' אינאיינעם מיט די עסקנים פון 'יד להושיע', און ב"ה אַז מיט אַ געוואַלדיגע שמחה האָט מען טאַקע דאָנערשטאָג אויפגענומען די בשורה אַז די בת ישראל איז ב"ה באפרייט געווארן אדאנק די פעולות כבירות פון די עסקנים לשם שמים און אַדאַנק די שטורמישע הפגנות פון דאָס יהדות החרדית.

א גרויסער ציבור האט זיך דערוואוסט פון די פרייליכע בשורה בשעת א 'ליל שישי' מסיבה, אין שטוב פון אסיר ציון רבי יהושע דדון שליט"א, וואו מען איז פאַרזאַמלט כמדי שבוע בשבוע, ווען מ'קומט זיך צוזאַם אים מחזק צו זיין אין זיין הויז אַרעסט למען כבוד שמו יתברך. אויפ'ן אָרט האָט דער ציבור זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודים.

די שרעקליכע געשיכטע ברענגט צום אויבערפלאַך די גזירה הנוראה ווען דער שלטון הרשע האָט לעצטנס אָנגעהויבן פאַרלענגערן די עונשים אויף 'משתמטים' כמעט דאָפּלט מער ווי אַמאָל ה"י! אַצינד האָט זיך עס געהאַנדלט פון אַ בת ישראל וואס זיי האָבן געוואָלט איינזעצן אויף א האַלב יאָר פאַר'ן חטא פון נישט וועלן דינען אין כור ההיתוך, וואס עס איז נישטא דאס גלייכן אין קיין איין איינציגע לאנד נאר בלויז אין א מדינה וואס רופט זיך 'ישראל', רח"ל.

# אויפ'ן שפיץ גאפל



## אפגעשטעלט חילול שבת ביי גאז סטאנציע אין ירושלים

דעם פארגאנגענעם שבת פרשת תצוה אינמיטן רעוא דרעוין ביי כ"ק האדמו"ר מסטראפקוב שליט"א, אין זיין ביהמ"ד 'שערי ירושלים' אין שכונת גבעת שאול וואס געפינט זיך הארט נעבן די הויפט אריינגאנג פון ירושלים עיה"ק, איז אנגעקומען די ווייטאגליכע בשורה איבער דעם שרעקליכן חילול שבת וואס קומט פאר דארט אין געגנט, ווען א גאז סטאנציע ביים הויפט אריינגאנג פון שטאט, האט געעפנט אירע טויערן בעפארן זמן יציאת השבת רח"ל. ווי נאר דער סטראפקובער רבי שליט"א האט דאס געהערט, האט ער גלייך געהייסן אריינברענגען מים אחרונים און געבענטשט אויפ'ן כוס, און געפאדערט פון אלע מתפללים ארויסצוקומען מוחה זיין כדת של תורה אפצושטעלן דעם שרעקליכן חילול שבת בפרהסיה רח"ל.

ווי נאר דער ציבור באטייליגטע איז אנגעקומען צום ארט, האט דער רבי געבעטן פונעם ציבור צו בלייבן אינדרויסן און אליינס אריינגעגאנגען אין די סטאנציע, און זיך געוואנדן צו די ארבייטער וואס האבן זיך געפונען דארט אויפ'ן פלאץ, און גערעדט צו זיי איבער די גרויסקייט פון היטן שבת כהלכה, און און איבער דעם חומר הענין פון חילול שבת בפהרסיה מיט'ן עפענען פארן זמן יציאת השבת.

דערנאך איז דער רבי שליט"א ארויסגעקומען און פארגעזאגט קאפיטל כ"ב פסוק בפסוק, און געזינגען און געטאנצן אויפן ניגון 'כי לשם המלוכה' ביז'ן זמן יציאת שבת.

אינמיטן טאנצן זענען די ארבייטער ארויסגעקומען און געזאגט פארן רבי'ן אז פון די וואך און ווייטער וועלן זיי מער נישט עפענען דעם גאז סטאנציע בעפאר'ן זמן מוצש"ק, אבער דער רבי האט זיך נישט באגענוגנט מיט דעם נאר פארלאנגט זיי זאלן אלס תשובת המשקל שטעלן א גרויסן טאוול פארנט פונעם סטאנציע "תחנה שומרת שבת".

ולמזהיר ולנזהר שלומים יתן כמי נהר!

• • •

## שוידער און ווייטאג ווען פארשפרייטונג פון געווער ביים היימישן ציבור באקומט גושפנקא פון רבנים

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת ויקהל איז פארגעקומען א ווייטאגליכער צוזאמקום מיט'ן ציל צו גרינדן א נייער חברה "השומרים" אונטערן נאמען קורס הכשרה לשוטרים 'משמר בעלזא'.

דער צוזאמקום איז פארגעקומען דעם היינטיגן מאנטאג ויקהל אויף רחוב הרטום אין הר חוצבים געגנט און איז באשטאנען פון א פיר שעה'איגע קורס, וואו די ציוני'סטישע פאליציי האבן געגעבן טרעינינג פאר חסידי'שע אינגעלייט, וויאזוי זיך ארומצודרייען מיט ביקסן אין די גאסן פון די חרדי'שע געגנטער.

און אלעס מיט א פולע רבני'שע גושפנקא דורך דער דיין פון די קהילה, וועלכער שרייבט אין זיין בריוו "שלא עת לחשות ולבא לעזרת ה' בגבורים, און זיך איינשרייבן אין דער השומרים ארגאניזאציע פון טראגן וואפן" רח"ל.

דער צוזאמקום דערמאנט יעדן איינעם וואס רבותינו זיעוכי"א און יבלחט"א שליט"א האבן נאך בשנת תש"מ אנגעזאגט מיט א בחינה פון חכם עדיף מנביא זיך צו דערווייטערן פון דער קהילה, און דא שטעלט זיך ווידעראמאל ארויס דער בראך און חורבן וואס קומט ארויס פון דארט.

• • •

להסיר מכשול:

## ביד"צ העדה החרדית גיט אַרויס איסור פאַר סופרי סת"ם צו שרייבן לויט 'תיקון הורוויץ'

אין דער לעצטער צייט טומלט זיך שטאַרק איבער דעם תיקון סופרים וואָס ווערט גערופן 'תיקון הורוויץ' און עס ווערט גענוצט דורך אַסאַך סופרי סת"ם איבער דער גאָרער וועלט, אין ארץ ישראל און אין חו"ל, בעת'ן שרייבן ספרי תורה, אָבער צום באַדויערן האָט מען דאָרט געטראָפן לעצטנס פיל טעותים.

נאָכדעם וואָס די חברי הביד"צ העדה החרדית האָבן געהערט עדות'שאַפט פון פילע סופרים און מגיהים מומחים וואָס האָבן געצייגט פילע אָפענע טעותים וואָס זיי האָבן געטראָפן אין דעם תיקון קוראים פון הורוויץ, האָבן די חברי הביד"צ אַרויסגעגעבן אַן איסור על פי דין תורה ווייטער ממשיך צו זיין צו שרייבן מיט דעם 'תיקון הורוויץ'. אויך טאָר מען נישט פאַרקויפן אָדער האַלטן ביי זיך דעם תיקון, ווייל ס'האָט אַ דין ווי אַ 'ספר שאינו מוגה' וואָס קען צוברענגען מכשולות.

ווי דער ביד"צ שרייבט אינעם בריוו מוז מען אויך חייש זיין צום 'מיעוט המצוי', דעריבער ווער עס האָט געשריבן אַ ספר תורה לויט תיקון הורוויץ, אָדער אַ בית מדרש וואָס ווייסט אַז ביי זיי אין אייגנטימערשאַפט געפינט זיך אַ ספר תורה געשריבן לויט דעם תיקון, איז מען מחוייב על פי דין תורה צו געבן די ספרי תורה פאַר אַ נייע געענצליכע פרישע הגהה, וואָס זאָל זיין באַזירט לויט אַן אָנגענומענעם מוגה'דיגן תיקון קוראים.

לכתחילה, שרייבן די חברי הביד"צ, זאָל מען מגיה זיין די אַלע ספרי תורה דורך דעם תיקון סופרים פונעם ערפאַרענעם סופר מומחה הגה"ח רבי מנחם הכהן דאַווידאָוויטש זצ"ל, וואָס מען פלעגט זיך דערמיט באַנוצן די לעצטערע צענדליגער יאָרן.

אַ ספר תורה וואָס מ'ווייסט קלאָר אַז ס'איז שוין צוויי מאָל מוגה געוואָרן אַ מדוקדק'דיגע הגהה אויף חסירות און יתירות, פתוחות און סתומות, און מ'האָט געמאַכט די תיקונים נישט דורך 'תיקון הורוויץ', פעלט שוין נישט אויס דערפאַר קיין פרישע הגהה.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר!

• • •

## צען נשמות געראַטעוועט פון צבא השמד אַ דאַנק די פעולות פון מרכז הצלה די לעצטע צוויי וואָכן

פון די מרכז הצלה אָפיסעס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די וואָך אַ ליסטע פון צען נשמות וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן בלויז אין די פאַרגאַנגענע צוויי וואָכן דורך זייער לאָיער וואָס טוט שוין יאָרן פאַר מרכז הצלה, נאָך וואָס די נעגל פון די מיליטערישע אינסטאַנצן האָט געלאָקערט אויף די יונגע נשמות זיי צו מאָביליזירן מיט געוואַלד אינעם מיליטער.

פינף פון זיי זענען ישיבה בחורים וועלכע האָבן באַקומען דעם 'בן ישיבה' סטאַטוס, ווען פיר פון זיי זענען שוין געווען אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז מען געמוזט אָנקומען אינעם בג"ץ הציוני כדי זיי צו ראַטעווען, און נאָך פינף אידישע טעכטער וואָס האָבן באַקומען אַ געענצליכן 'פטור' פון דאַרפן דינען אינעם מיליטער.

נאָך וואָס זיי האָבן נישט געוואוסט וויאַזוי זיך אַ עצה צו געבן איז דאָס אָנגעקומען צו די עסקנים פון מרכז הצלה, און האָבן זיך גלייך אַריינגעלייגט אין די קעיסעס, און זיי אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן שמד.

נאָך לענגערע שעות פון שווערע אַרבעט און טעטיגקייט פון דער אַדוואָקאַט, ווען פאַר יעדן עקסטער פון זיי האָט מען געמוזט טרעפן געהעריגע תירוצים פאַרוואָס זיי צו פטר'ן פון דינען אינעם טמא'נעם מיליטער.

• • •

## "זארג" איבער וועלכע טאג צו האלטן פורים אין עזה...

גרויס געלעכטער האט ארומגענומען דעם עולם התורה ווען עס איז פארשפרייט געווארן א לענגערע תשובה פון דעם הויפט רב פון ראשון לציון רבי יצחק יוסף איבער וועלכן טאג צו האלטן דעם קומענדיגן פורים אין עזה אין דעם יעצטיגן מלחמה צושטאנד.

אין צייט וואס זיי זענען עובר אלע עבירות חמורת אין די מיליטער זארגט מען זיך וועלכן טאג צו לייענען די מגילה, אלעס צו פארשטעלן און ווייזן פאר די וועלט כאילו זיי זענען ערליך און פרום כאילו זיי זענען זייער מדקדק במצוות.

## משמרת חומתינו

# א בליק אויף צודיק



תלמידים ת"ת 'דרכי יואל' אין ביהמ"ד דברי יואל אויף קוויקווע' מיט 6 יאר צודיק



אויפן וועג צו קריאת מגילה פורים אינדערפרי



דער פורים רב שטעלט זיכערע טריט





במתי מעט: ערשטע ל"ג בעומר הדלקה אין בלומינג גראוו אויף די ווידדזשיניע גאס – מיט די באטייליגונג פון בלומינג גראוו פאליציי... נאך קלאגע פון די שכנים ארום, עסקני העיר געזען אינטערוועניערן מיט די אויטאריטעטן



אנגעהויבן בוי ארבעט אויפן דריטן שטאק אין 'בנין שלום ווייס' צו אקאמאדירן פרישע הונדערטער לומדי מבצר הכוללים




באסעס אויף גארפיעלד פארנט פון די צענטראלע בתי מדרשים צו טראגן דעם ציבור צו גרויסארטיגן פראטעסט קעגן גזירת הגיוס וואס איז אפגעהאלטן געווארן אינאיינעם מיט אלע שיכטן און קרייזן



מאטארקאדע פון מרא דאתרא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אויף רינאקע גאס ביי איינע פון די באזוכן אין ניי קרית יואל אויפן וועג צום שטוב פון העסקן ר' יואל שטערן הי"ו מגדולי עסקני העיר



גיגאנטישע געבײדע בנין לאה אסתר ווערט געבויעט ע"ש הרבנית לאה אסתר ע"ה מוויזניץ בני ברק פאר קרית יואל'ער תלמידות – כן ירבה וכן יפרוץ

# א בליק אויף צוריק







תושבי בלומינג גראוו שטעלן איין א מהודר'דיגן עירוב הארט בעפארן זמן שב"ק אויף די מעריוואלד גאס. מערקט ליידיגער שטח וואו עס שטייט היינט צענטראלער ביהמ"ד פון די שכונה אויף מעריוואלד




נישט הענגן שילדן אויף ביימער ביטע



ערשטע גרויסע ביזנעס צענטער אין בלומינג גראוו אויפן רוט 208 ווערט פארענדיגט צו דערהייבן קרית יואל אקאדעמיע




היה נותן בהם סימנים





רבי עמרם לכל: בעל מנגן הרה"ח ר' עמרם אקער שליט"א מכבד ה' מיט ניגוני שמחה ביי מעמד הכנסת ספ"ת אין גרויסן ביהמ"ד



סאטמאר דרייוו מיט 6 יאר צוריק ווי היינט בלומינג גראוו...



# שריפטן צום וואכנשריפט

טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6 | פעקס: 845-501-0246 | פּאָסט: POB 113, Monroe ny 10949 | אימעיל: Letters@kyweekly.com

## באַגייסטערונג פון מיטהאַלטן די נסיעה מיט אנ"ש מתפללי ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין דעם פאַרלאָפענעם שבת פקודי אין קערעסטיר בביתו נאוה קודש פון הרה"ק רבי ישעי'לע זי"ע. עס איז מיר געווען א כבוד און הנאה און אויך א זכי' צו קענען צוקוקן וואָס פאַראַ שיינע שבת עס איז איז דארט אפגעראכטן געווארן דורך די חשוב'ע חבורה פון מתפללי ביהמ"ד בית יעקב נחמי' קרית יואל - אין שפיץ פון דעם דיין שליט"א און דער חשוב'ער משפיע און מלהיב לבבות, הרה"ג רבי לייבוש דייטש שליט"א

איך ווייס נישט פון וואו אָנצוהויבן, מיר זענען דאָרט געווען מיט אַנדערע קבוצות, אָבער ווי די וועלט זאָגט אַז איינער וואָס קוקט זיך צו פון אינדרויסן קען בעסער מעיד זיין ווי דער וואס האלט עס אליינס מיט.

די קידוש ה' וואָס די סאַטמאַרער חבורה האָט געמאַכט איז געווען ממש די געשפּרעך פון דעם שבת ביי אַלע אַנדערע חבורות.

יחד כולם הודו, די תפילות, די דרשות, די אהבת ודיבוק חברים, די שמחת החיים, די הערליכע סעודת שבת מיט שירה וזמרה, איז געווען אַ ריכטיגער כבוד פאר רבינו הקדוש און פאר רבינו שליט"א, ווי שיין און ערליך און איידל סאַטמאַרער תלמידים פירן זיך אין דער פרעמד.

והעולה על כולנה. דער הייליגער זמן פון רעוא דרעוין, ווען די התעוררות איז געווען בוקע רקיעים ממש! דער חשוב'ער משפיע שליט"א האָט כדרכו, זייענדיג א בקי נפלא בספרי רבינו הקדוש, כסדר נאָכגעזאָגט הייליגע מאמרים און מען האָט אַ לאַנגע צייט געזינגען אַלטע דורכגעווייקטע חסידי'שע ניגונים פון דורי דורות. מען האָט זיך אַרומגעקאָכט בעניני אמונה וחינוך הבנין.

דער משפיע שליט"א האָט דערביי נאָכגעזאָגט גריסן פון די ענינים וואָס די בחורים אין ישיבה קטנה שמועסן זיך כסדר דורך מיט אים. מען האָט זיך געקאָכט מיט אן אש קודש לקראת די הייליגע מגילה ליינען הממשמש ובא. די בכיות פונעם גאנצען ציבור, געמישט פון אהבה מיט יראה, איז עפעס וואס וועט בלייבן א רישומא קדישא פאר אלע משתתפים און דאס האט זיכער עושה רושם געווען למעלה. עס איז געווען איבער דריי שעה נאכן זמן ר"ת ווען מען האט זיך געגרייט צו ברכת המזון!

נאך מעריב איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען מיט די חבורה, ווי כולם פה אחד האָבן אַרויסגעברענגט לשבח ולתהלה דער ארי שבחבורה הנודע לכל, העסקן מו"ה אייזיק וואלטער הי"ו, וועלכער איז געווען דער גאנצער מייסד און נושא בעול פון די נסיעה, און אַלעס אינזין געהאַט, מיט יעדע פּרט, אַז דער כבוד הציבור זאל זיין על צד היותר הטוב, אָנגעהויבן פון די נסיעה פעקלעך- יעדער מיט א ספּעציעלע סידור און הערליכע תהילים, ביז די די הוק- אפּ פאר די נשים צדקניות, און אַלעס אינמיטן.




זאל השי"ת העלפן אַז מ'זאָל האָבן גע'פועל'ט אַלעס גוטס באנפין נהירין.

שלמה פ.

*

## אַ טעות אין דעם 'שאלת חכם' רובריק

לכבוד די רעדאקציע

איך וויל נאר אויפמערקן אז עס איז ווארשיינליך בטעות ארויסגעפאלן די תשובה פון שאלת חכם פאריגע וואך. די שאלה איז געווען א נייע אבער די תשובה איז געווען דאָס די זעלבע ווי א וואך בעפאר.

**א ליינער וואס זעטיגט זיך אן מיט א רוחניות'יגע הנאה יעדע וואך פון די הערליכע רייכע ארטיקלען.**

*הערה פון רעדאקציע: אַ דאַנק פאַר'ן אָנמערקן דעם טעות און מיר טוען זיך אַנטשולדיגן דערויף. צוליב דעם האָבן די וואך נאָכאַמאָל אַריינגעשטעלט די ריכטיגע שאלה און תשובה, וואָס איז נאָך שטאַרק אַקטועל שטייענדיג אין די טעג פון ערב פּורים.*

*

## נישט בלויז די ערשטע סאַטמאַרער חתונה זאל - די ערשטע היימישע חתונה זאל!

לכבוד השופר העיר קרית יואל וואכנשריפט.

לייענדיג דער אויסגאבע פארגאנגענעם וואך איז ביי די בילדער געווען פובליצירט א סקיצע בילד פונעם נייעם חתונה זאל וואס מ'בויעט אין מאנטריאל, און ס'איז געשטאנען אונטער'ן בילד אז דאס וועט זיין די ערשטע סאטמארער חתונה זאל אין שטאט.

אלס א יליד מאנטריאל וואלט איך געוואלט אויסקלארן אז די נייע חתונה זאל וועט זיין די סאמע ערשטע חתונה זאל בכלל אינעם היימישן געגנט אין מאנטריאל און וועט פאקטיש זיין א היסטארישע דורכברוך אין שטאט, נאכדעם וואס כעת זענען אלע חתונה זאלן היבש ארויס פונעם היימישן געגנט, א מהלך פון 15-20 מינוט פארן אן טרעפיק, וואס דאס פארשווערט גאר שטארק צו גיין צו שמחות צוליב וואס בלויז צו 'געבן א שאקל די הענט' פארן בעל שמחה דארף מען אוועקגעבן א שעה-צוויי מינימום, איבערהויפט ווער עס האט נישט קיין קאר, און ווי אויך איז דאס א גורם פון פילע שעות ביטול תורה כמובן,

איז דעריבער א מורא'דיגע פרייד אַז דער נייער זאל ווערט ב"ה געבויעט אינעם בעיסמענט שטאק פונעם נייעם בנין 'בית אסתר', וואס די הנהלת קרן הבנין בראשות דער באקאנטער עושה ומעשה איש חי וגבור פעלים הרה"ח ר' משה פריעדמאן הי"ו האבן אריינגעלייגט דמים תרתי משמע אהערצושטעלן דאס פלאץ און ספעציעל אראפגעגראבן 20 פיס טיף, טראץ וואס עס איז אנגעקומען מיט שווערע הארעוואניע און אסאך געלט, כדי אהערצושטעלן א פראכטפולן לעכטיגן זאל מיט א גאר הויכע דאך לטובת אנשי שלומינו.

ווי מ'הערט האלט מען שוין אין די גאר טיפע

פאזעס פון די בוי אַרבעט, און מ'האפט עס זאל זיין גרייט אין די נאנטע חדשים, אַז ס'זאָל קענען שטיין צו דינסט פאר אלע תושבי העיר און בפרט פאר אנשי שלומינו אונטערן וועד הכשרות דקהלתינו הק' אין מאנטריאל און וועט זיין אהערגעשטעלט ברוחניות ובגשמיות אויפ'ן שענסטן פראכט, אינעם מייעסטעטישן בית אסתר געביידע וואס שטייט מיט איר גלאַנץ און איז אַ שטאלץ פארן גאנצן שטאט.

אַ באַזונדערן דאַנק פאַר אייך, מערכת וואָכנשריפט, וואס ברענגען די נייעס פון קהלתינו הק' איבער די גארער וועלט אז תושבי קרית יואל זאלן קענען מיטהאלטן דעם בליה און וואוקס פון סאַטמאַר, נישט נאר פון דאָ, נאר אויך אינעם ווייטן מאנטריאל וואו עס שטייט א הערליכע קהלה און בויעט זיך ווייטער לשם ולתפארת בנשיאות מנהיג העדה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

[–]

*

# דאָס וויכטיגקייט פון שטיצן די געטרייע מחנכים/ מחנכות פון אונזערע קינדערלעך

לכבוד די מערכת שיחי'.

שטייענדיג פאר דעם יו"ט פורים איז אַ פּאַסיגע צייט צו דערמאַנען איבער די געוואַלדיגע חשיבות צו אַרויסווייזן הכרת הטוב פאר אונזערע טייערע קינדער'ס מחנכים/ מחנכות וואס געבן זיך אפּ אזוי געטריי מיט זיי.

ב"ה אַז לעצטנס איז געוואָרן אן אויפוואַכונג ווען אידן געבן שיינע סכומים פאר מלמדים, ספעציעל די לעצטע עטליכע יאר זייט די סאטמארע מוסדות דא אין שטאט האט אוועגעשטעלט די בארימטע 'הקשר' טיפּ ליין, וואס ווערט שוין היינט נאכגעמאכט אויך דורך אַנדערע מוסדות.

ס'איז נאָר וויכטיג אַז מ'זאָל נישט פאַרגעסן די געטרייע באס דרייווערס/באס רבי/באס טיטשער. אַזוי אויך די געטרייע מנהלים/סגן מנהלים און מנהלות/סגן מנהלות/(אפיס בלע"ז) וואס זיי לייגן אריין כוחות עצומות טאג און נאכט אז אלעס זאל שטענדיג קלאפן עצהיו"ט וכל הדבר הקשה יבואון אליהם.

רעדנדיג לעצטנס צו אן איינגעשטעלטע אין אַ מוסד האט זיך ארויסגעשטעלט דאס שטוינענדע אז זי האט בלויז איין מאל באקומען א טיפּ דורכאויס די לעצטע צען יאָר וואָס זי אַרבעט אין דעם מוסד! ביטע אריינשטעלן מיינע שורות נאך פאר פורים אַז ס'זאָל דינען פאַר אַן אויפוואַכונג איבער די נושא.

אַ גרויסן יישר כח.

**בנציון י.**

*

# אַ מעשה וואָס דער רבי האָט נישט געוואָלט מקבל זיין

שטייענדיג יעצט אין די טעג פון מצוות מחיית עמלק, איז בייגעלייגט אַן אינטערעסאַנטע אַנעקדאָט וואָס כ'האָב זיך לעצטנס אָנגעשטויסן ביי איינע פון די אַנטיק ספרים אָקשנס.

ס'איז דאָרט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ ספר וואָס האָט באַלאַנגט פאר רביה"ק זי"ע, אָבער בלויז אויף עטליכע טאָג, ווייל דער רבי האָט דאָס גלייך צוריקגעגעבן...

דער באַקאַנטער מדפיס, הר"ר אהרן בלום שליט"א, פון ירושלים עיה"ק, שרייבט אַריין אויפ'ן ערשטן בלאַט פון דעם ספר אַז זיין פאָטער הרה"ח רבי מרדכי בלום ז"ל האָט געברענגט דעם ספר פאר הרה"ק רבי יואל מסאַטמאַר זי"ע און נאָך עטליכע טעג האָט דער רבי צוריקגעגעבן דעם ספר פאר זיין פאָטער זאָגנדיג **"אַ ספר וואָס עס שטייט דאָרט אַז ר' זאב האָט געדאַוונט אָן קיין ולמלשינים וויל איך נישט האַלטן".**

עס רעדט זיך פון דעם ספר 'כתבי קודש' פון הרה"צ רבי משה מידנער זצ"ל און ביים ענדע פון דעם ספר איז דאָ דער קונטרס 'ליקוטים יקרים' מיט מעשיות פון הרה"צ רבי מאָטל סלאָנימער זצ"ל. דאָרט שטייט אַ מעשה וואָס ר' מאָטל האָט דערציילט פון הרה"ק רבי זאב וואָלף מזבאריז זי"ע בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאָטשוב זי"ע, ווי פאָלגנד:

**"כשהתחילו להתפשט האפיקורסות בעולם ר"ל והכופרים התחילו לעשות אגודות וחברות, הי' אסיפה גדולה מצדיקים, ורצו להעבירם מן העולם בידי שמים.**

**אבל לא רצו להחליט עד שיסכימו שני צדיקי הדור המפורסמים במדות אהבת ישראל, ר' משה לייב מסאַסוב זי"ע ור' וועלוועלי זבאריזיר זי"ע.**

**וכשבאו אל ר' משה לייב הסכים עליהם. וכשבאו אל ר' וועלוועלי זבאריזיר ירד עמהם אל המיגארע שתחת ביתו, והראה להם כד של יין, ואמר להם אבי ז"ל רי"מ זלאָטשובער, על כל מדה שלו מילא כלי כזו עם דמעות מרוב בכיותיו, ואני לא נשאר לי מכל מדות אבי אלא מצות אהבת ישראל..."**

אָבער ווי עס שיינט האָט רבינו הק' זי"ע נישט געוואָלט מקבל זיין אַזאַ מעשה, כאילו ר' וועלוועלע זבאריזער זי"ע האָט נישט געוואָלט אַז מ'זאָל מעביר זיין אפּיקורסים פון דער וועלט, און דער רבי האָט זיך אויסגעדרוקט דערויף אַז אויב מ'גלייבט אַזאַ מעשה קומט דאך אויס אַז ר' זאב האָט געדאַוונט אָן קיין ברכת ולמלשינים...

ס'איז נאָר אינטערעסאַנט צו אָנמערקן אַז הרה"ק רבי יענקעלע מפשעוואָרסק זי"ע פלעגט אויך דערציילן די זעלבע מעשה פון ר' וועלוועלע זבאריזער זי"ע, וואָס ער האָט געהערט פון דעם וויעליטשקער רב וועלכער האָט דאָס געהערט פון הייליגן שינאָווער רב זי"ע. (זעה אין ספר שופריה דיעקב עמו' שס"ו, נעתק פון אַ שמועס ביום ג' אדר שנת תשמ"ה).

כידוע האָט רביה"ק זי"ע געהאַט אַן ענין צו אַוועקמאַכן אפילו אמת'ע מעשיות, אויב האָט געקענט אַרויסקומען דערפון אפילו אַ חשד פון אַ נישט גוטע משמעות.

אויסערדעם קען מען זאָגן בדרך אפשר אַז ס'איז למעשה דאָ אַ קליינע שינוי צווישן דיביידע נוסחאות, ווייל לויט די גירסא פון ר' יענקעלע בשם הרה"ק משינאָווא זי"ע האט זיך דאָרט געהאַנדלט פון סתם רשעים, לאו דוקא פון כופרים, וואָס דעריבער איז מער פאַרשטענדליך אַז דער צדיק האָט זיי נישט געוואָלט מעביר זיין פון דער וועלט, ווי דער רבי איז מבאר אין ספה"ק על הגאולה ועל התמורה (סימן ס"ז) אַז אויף בלויזע רשעים איז טאַקע געזאָגט געוואָרן דער "יתמו חטאים ולא חוטאים", אָבער אויף מינים ואפּיקורסים איז מען מתפלל דריי מאָל אַ טאָג 'ולמלשינים'. (וכ"ה בספה"ק ליקוטי אמרים תניא סימן ל"ב).

איז טאַקע דאָ דאָס אָרט צו אויסדרוקן אַ הכרת הטוב פאר די מערכת פון 'קרית יואל וואָכנשריפט' וואָס שטייט אַגאַנץ יאָר מיט דער הייליגער שליחות, צו אמת'דיג מקיים זיין דעם מחיית עמלק דורך אַריינברענגען די ריכטיגע שנאה צו די משנאי ה', די מלכות המינות אין ארה"ק מיט זייערע גזירות רעות, ווי דער הייליגער רמב"ם פּסק'נט אַז דאָס איז די ריכטיגע מצוה פון מחיית עמלק כלשונו הזהב אין ספר המצוות (מ"ע קפ"ט): "צונו לזכור מה שעשה לנו עמלק מהקדימו להרע לנו, ושנאמר זה בכל עת ועת, 'ונעורר הנפשות במאמרים להלחם בו' ונזרז העם לשנוא אותו עד שלא תשכח המצוה ולא תחלש שנאתו".

ובזכות מחיית עמלק בימים ההם בזמן הזה לאָמיר שוין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה, ווען ס'וועט זיין שמו שלם וכסאו שלום בב"א.

**י.א.פ. בלומינג גראָוו נ.י.**








# דברי תורה ויראה

## מאת הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

# די געוואלדיגע הארה פון דעם יו"ט פורים



**גם חושך לא יחשיך ממך: עד היום הזה שפירט מען די הארה פון פורים אפילו אינעם גרעסטן חשכות**

עס איז באקאנט דער לשון פונעם פיוט: "אם כל המועדים יהיו בטלים ימי הפורים לא נבטלים" - אפילו אויב אלע ימים טובים וועלן בטל ווערן, וועט אבער פורים קיינמאל נישט בטל ווערן. פשוט פשט גייט דאס ארויף אויף לעתיד לבוא, אז כאטש מען וועט שוין נישט דערמאנען די אנדערע ימים טובים, אבער די 'ימי הפורים' וועלן נישט בטל ווערן.

## ליידער איז היינט דא אמאל וואס מיר שפירן נישט די הארה פון א יום טוב

אבער דער רשב"א (שו"ת הרשב"א סימן תצג) טייטשט דאס גאר אנדערש. דער רשב"א זאגט: עס איז פארהאן אמאל צייטן אין גלות וואס אידן זענען חלילה אין א שוואכן מצב ברוחניות, עס איז א בחינה ווי עס שטייט אין פסוק (איכה ב, ו): "שכח ה' בציון מועד ושבת" - מען פארגעסט פון א שבת און יום טוב, דאס הייסט, מען איז שוין נישט זוכה בשלימות צו דער הארה פון די ימים טובים - ווי מען האט אמאל געשפירט, וואס מיר ווייסן דאך עפעס וויפיל די פריערדיגע צדיקים האבן מרגיש געווען און געשפירט א הארה אין א שבת און יום טוב. און היינט פעלט דאס זייער, בפרט אז ימים טובים איז תלוי אין דער 'הכנה' וויפיל מען גרייט זיך פון פריער צום יום טוב, איז דאך זיכער אז די היינטיגע דורות זענען נישט בכח צו מאכן דעם סארט הכנה וואס מען האט אמאל געמאכט, ממילא האבן מיר נישט די זעלבע הארה אין א יום טוב.

## די הארה פון פורים שפירן מיר אלעמאל

זאגט דער רשב"א: "אם כל המועדים יהיו בטלים" - אפילו אויב אלע ימים טובים וועלן בטל ווערן, עס וועט פעלן דער חיות דערפון, אבער "וימי הפורים לא נבטלים" - דער חיות פון פורים וועט קיינמאל נישט בטל ווערן! אפילו אין צייטן וואס אידן זענען נישט זוכה צו זיין אין דער דרגא וואו מען דארף צו זיין, כלל ישראל איז אין זייער א שוואכן מצב און מען קען נישט מאכן די ריכטיגע הכנה, פונדעסטוועגן דאך, **אין וועלכער מצב מען וועט נאר נישט זיין - וועט שיינען די הארה פון פורים.**

**ווען משיח וועט קומען, וועט מען זוכן די בתי מדרשות פון חוץ לארץ, וואס דארט האט מען געלערנט אינעם חשכות!**

## פורים איז א נס וואס איז געשען צו אידן אין חשכות הגלות

מען דארף פארשטיין, וואס איז טאקע דער ענין אין דעם?! פארוואס טאקע האט פורים אזא כח צו שיינען און לייכטן - אין וועלכן מצב מען זאל נאר נישט זיין?! מען קען דאס מסביר זיין, לויט ווי עס שטייט אין אלע ספרים, **אז פורים איז דער איינציגסטער יום טוב וואס דער נס איז געווען בשעת ווען אידן זענען געווען אין גלות!** אידן זענען דעמאלט געווען אין גלות בבל אין גאר א שוואכן מצב ברוחניות. **און אפילו נאכן נס פורים איז מען נאכאלץ געבליבן אינעם גלות - נישט ווי ביי די אנדערע נסים**, וואס באלד נאכן נס איז תיכף געווען דער גאולה, ווי למשל פסח, באלד נאך די עשר מכות איז מען תיכף ארויס פון מצרים און באלד נאכדעם איז געווען קבלת התורה מיט די אלע הויכע מדרגות. אבער פורים איז נישט געווען אזוי, ווייל אפילו נאכן נס איז מען געבליבן אין גלות; ווי די גמרא זאגט: "אכתי עבדי אחשורוש אנן".

## פורים איז א גאולת הנפש אינעם טיפן גלות

דער גאנצער ענין פון פורים איז געווען צו ווייזן א 'נס' באגלייט מיט א גרויסע הארה - דוקא אין גלות! דער גאנצער נס געווען אן ענין פון 'להאיר בתוך החשיכה'! אז אינעם שוואכן מצב וואו אידן זענען דעמאלט געווען און געבליבן - איז ליכטיג געווארן! און דוקא דורכדעם איז געווארן א 'קבלת התורה מרצון' - וואס דאס איז געווען דער עיקר ישועה; ווי די ספרים טייטשן דאס וואס מען זאגט: "ושויתי ה' לקראתי שתרחמני עוד בגלותי לגאלני" - מען בעט דעם אויבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו דער גאולה. פרעגט מען: וואס איז דער לשון 'עוד בגלותי'?! נאר זאגן זיי פשט, אז מען בעט דעם אויבערשטן, אז אפילו ווילאנג איך בין נאך אינעם גלות, זאל איך אבער זוכה זיין צו א גאולת הנפש. די זעלבע זאך איז געווען פורים, אז כאטש מען איז נאך געבליבן אין גלות, האבן אבער אידן זוכה געווען צו א גאולת הנפש.

## א אידישע נשמה איז אין א שרעקליכן גלות

אינ'אמת'ן איז דער עיקר גלות - דער 'גלות הנפש', און דער עיקר גאולה - איז דער 'גאולת הנפש'. ווייל עס איז נישטא נאך איינער וואס איז אזוי אונטערדריקט - ווי די נשמה. די נשמה האט דאך נישט קיין שום געשמאק אין אלע עניני 'עולם הזה', זי האט נאר א געשמאק אין תורה און מצוות און טון רצון ה'. אבער דער מענטש ליגט אין 'עולם הזה' און ער הייבט נישט °ן צו שפירן די הרגשים פון דער נשמה! דאס איז א שרעקליכער גלות הנפש! **דער נפש איז צודרוקט אין גלות און קען זיך נישט ארויסדעריזען! די קליפה**

**און טומאה שטעלט זיך ארויס אזוי שטארק אין די עפנטליכקייט, און די נשמה איז אזוי באהאלטן און מכוסה אינעם גוף, אז קיינער זעט אים ניטאמאל. דערפאר איז דער 'גלות הנפש' דער ערגסטער גלות.**

דערפאר בעט מען דעם אויבערשטן: "קרבה אל נפשי גאלה" - דערנענטער זיך צו מיין נפש און לייז איר אויס! ברענג שוין די 'גאולה הפרטית', אז די נשמה זאל קענען אביסעלע ארויסקומען. די זעלבע זאך בעט מען ביים אויבערשטן: "שתרחמני 'עוד' בגלותי" - לעתיד וועט טאקע זיין די גאולה שלימה, אבער 'עוד בגלותי' אפילו ווילאנג מיר זענען נאך דא אין גלות, זאל אויך זיין 'לגאלני' א גאולת הנפש; ווי צדיקים האבן געזאגט: "ביז צו דער קרעטשמע דארף מען אויך א טרינק ברוינפן".

## אויפן אור פון פורים קען נישט פארשטעלן קיין שום חושך

דאס איז די בחינה פון פורים, אז כאטש 'אכתי עבדי אחשורוש אנן' - מען איז נאכאלץ געווען אין א שפלות'דיגן מצב - דאך האט מען זיי ליכטיג געמאכט אין גלות! זיי האבן זוכה געווען צו א 'קבלת התורה מאהבה ומרצון' - אינעם חשכות! דערפאר האט פורים אזא געוואלדיגן כח וואס עס איז נישטא ביי קיין שום יום טוב, אז אפילו ווען 'כל המועדים בטלים', מען שפירט נישט קיין טעם אין קיין שום יום טוב - וויבאלד מיר האלטן נישט היינט ביי דער מדרגה פון ארויסגיין פון א חשכות צו א ליכטיגקייט - וואס דאס איז די בחינה פון אלע אנדערע מועדים, אבער 'וימי הפורים לא נבטלים' - **אין פורים שפירט יעדער א טעם און א חיות! ווייל פונקט ווי דעמאלט איז דאס געווען 'להאיר בתוך החושך', איז היינט אויך, אפילו ווען א איד איז אינעם גרעסטן סארט חשכות, שיינט אים דער פורים אריין** אין זיין מצב וואו ער שטייט!

## הבוחר בעמו ישראל באהבה: דער אויבערשטער איז בוחר אין אידן אָן קיין טעם

מען קען זאגן נאך א בחינה וואס עס ליגט אין דעם רשב"א, וואס זאגט אז די הארה פון פורים קומט כסדר, אפילו ווען אידן זענען אין א שוואכן מצב.

## אין טעם ברצון

דער בני יששכר (אדר מאמר ד אות ג) שטעלט זיך אויפן נאמען 'פורים' וואס מען רופט 'על שם הפור' - צוליב דער גורל וואס המן האט געווארפן. לכאורה איז דאך דער פור נישט געווען דער עיקר פונעם נס, טא פארוואס האט מען געגעבן דעם נאמען פונעם יום טוב צוליב עפעס א זייטיגער פרט?! דאס צו פארענטפערן ברענגט דער בני יששכר פונעם תניא אין סידור (שער הפורים), אז די סיבה פארוואס יום הקדוש ווארפט מען גורל אויף די צוויי שעירים (אוודאי דארף מען געדענקען אז יעדע זאך וואס די תורה הקדושה זאגט, איז דא דערויף פֿון א שיעור טעמים), זאגט דער תניא א טעם דערצו, אז עס שטייט אין ספרים: 'אין טעם ברצון' - א זאך וואס א מענטש וויל, קען מען נישט געבן קיין טעם און הסבר פארוואס ער וויל דאס. אוודאי איז פארהאן אמאל וואס עס האט יא עפעס א טעם פארוואס עס געפעלט אים די זאך, אבער זייער אסאך אמאל קען מען עס נישט פארשטיין, ער וויל עס - ווייל אזוי וויל ער! ער וויל עס פֿון קיין שום טעם!

דערפאר האט מען געמאכט א גורל יום הכיפורים. ווייל א גורל איז א זאך פֿון א טעם. ער מאכט א גורל און קלויבט אויס דעם וואס דער גורל האט בוחר געווען און דאס וויל ער. ווען א מענטש קלויבט אויס פֿון א גורל, האט עס אייביג א טעם, צי ווייל דער איז בעסער און שענער, צי ווייל דער איז גרעסער, דאס איז שוין מיט א טעם. אבער טאמער קלויבט ער אים אויס בלויז ווייל דער גורל האט אזוי געוויזן - דאס איז נישט קיין טעם! דאס איז שוין אן ענין פון בלויז 'רצון'.

## דער אויבערשטער וויל כלל ישראל נישט בלויז צוליב זייער מעשים

די זעלבע זאך, איז כלפי דעם רצון וואס דער אויבערשטער האט צו כלל ישראל, וואס ער האט זיי בוחר געווען באהבה, איז אויך פארהאן אויף צוויי אופנים: עס איז פארהאן אמאל וואס דער אויבערשטער איז בוחר אין אידן מיט א טעם, דאס הייסט, ער האט זיי ליב ווייל זיי שטעלן צו אן עבודה פארן אויבערשטן, זיי דאווענען און לערנען ווי עס דארף צו זיין און צוליב דעם איז זיי דער אויבערשטער בוחר. אבער עס איז פארהאן א בחינה פון 'אין טעם ברצון - דער אויבערשטער וויל די אידישע קינדער פֿון קיין שום טעם! פונקט ווי עס איז געווען בתחילת הבריאה - נאך איידער דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און עס איז נאך אפילו נישט געווען קיין תורה און מצוות, האט שוין דעמאלט דער אויבערשטער בוחר געווען אין כלל ישראל במחשבה; ווי חז"ל זאגן (ב"ר פ"א): "ישראל עלו במחשבה תחלה". אודאי האט ער זיי באשאפן מיט דעם תכלית אז זיי זאלן טון תורה און מצוות, אבער אפילו ווען זיי זענען אין א מצב וואס זיי שטעלן נאכנישט צו קיין עבודת ה', פונדעסטוועגן דאך וויל זיי דער אויבערשטער האבן, ער איז בוחר אין זיי און שיינט זיי אריין אז זיי זאלן טאקע קענען נתקרב ווערן צו אים.

**מען וועט זיך אזוי שטארק צוריק בענקען, אז מען וועט בעטן דעם אויבערשטן זאל צוריקברענגען יענע זמנים.**

## דער גורל האט מעורר געווען דעם רצון הפשוט

פירט אויס דער בעל התניא: דאס איז דער ענין וואס מען האט געמאכט דעם גורל יום כיפור, כדי צו מעורר זיין, אז פונקט ווי דער גורל איז דאך א 'רצון פֿון א טעם', אזוי זאל אויך זיין דער רצון פון אויבערשטן צו אידישע קינדער פֿון קיין שום טעם. און אפילו ווען אידן זענען אין א שוואכן מצב, וואס עס איז נישטא קיין סיבה פארוואס דער אויבערשטער זאל זיי בוחר זיין און ליב האבן, פונדעסטוועגן דאך, איז נאכאלץ פארהאן א רצון פון אויבערשטן צו אידישע קינדער.

מיט דער הקדמה איז דער בני יששכר מסביר דעם ענין פון 'פורים על שם הפור'. ווייל פון הימל האט מען געפירט אז המן זאל מאכן א גורל. דערפאר שטייט: "הפיל פור לפני המן", עס שטייט נישט "ויפל המן פור" - אז המן האט געווארפן גורל, נאר מען האט געווארפן גורל פארנט פון אים, ווייל פון הימל האט מען שוין געפירט אז מען זאל ווארפן גורל. דאס איז געווען כדי אויפצואוועקן למעלה דעם כח פון 'גורל', ווייל יעדע זאך וואס ווערט געטון אונטן - ווערט אויפגעוועקט אויבן די זעלבע. און וויבאלד ער האט געמאכט א גורל - וואס ווי געשמועסט איז א גורל א 'רצון פֿון קיין טעם', האט דאס מעורר געווען למעלה א רצון צו אידישע קינדער פֿון קיין טעם! אז כאטש וואס אידן זענען דאך געווען דעמאלט אין א שוואכן מצב, אזוי ווייט אז עס אפילו געווארן א שווערער קטרוג אויף זיי צוליב זייערע מעשים, דאך האט דער אויבערשטער געזאגט: **"איך וויל אידישע קינדער פֿון קיין טעם! כאטש וואס כלל ישראל מצד זייערע מעשים זענען נישט ראוי - דאך וויל איך זיי העלפן!".**

## אינעם עוצם החטא האט שוין דער אויבערשטער אנגעגרייט א ישועה שלא כדרך הטבע

וועט א איד מיינען, אז בשעת מעשה ווען אידן האבן געזינדיגט איז דעמאלט נישט געווען קיין אהבה פון אויבערשטן צו אידן, און צוליב דעם איז געשען די גזירה פון המן, און נאר שפעטער נאכדעם וואס מען האט תשובה געטון איז צוריק געקומען די אהבה. אויף דעם זאגט דער חתם סופר (דרשות פורים שנת תקצ"ז) אז דער אמת איז נישט אזוי! ווייל מען זעט אז בשעת'ן חטא - ווען אידן זענען געזעסן ביי דער סעודה של אותו רשע - האט שוין דעמאלט דער אויבערשטער צוגעגרייט די ישועה אז מען האט גע'הרג'עט ושתי, וואס דאס איז געווען א הכנה אז אסתר זאל אריינקומען אין פאלאץ, וואס דאס אלעס איז געווען א הכנה צו דער ישועה. **זעט מען אז די אהבה פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער איז דא אין וועלכן מצב א איד זאל נאר נישט זיין. אפילו ווען אידן זענען אין אזא שוואכן מצב, איז שוין דער אויבערשטער עומד ומצפה און קוקט ארויס זיי זאלן תשובה טון, און זאלן קענען צוריק נתקרב ווערן צו אים.** דאס איז דער ענין וואס מען זעט ביי פורים.

נאכמער זאגט דער חתם סופר: די אלע נסים פון דער מגילה זענען נישט קיין 'נסים חוץ לדרך הטבע', דער איינציגסטער נס וואס איז יא געווען 'חוץ לדרך הטבע' איז דער נס וואס אחשורוש האט גע'הרג'עט ושתי, נאכדעם וואס ער האט געמאכט א סעודה פאר הונדערט און אכציג טעג, און פונקט 'ביום השביעי' ווען ער האט שוין געהאלטן ביים לעצטן טאג פון דער סעודה איז ער משוגע געווארן און געזאגט "להביא את ושתי", און דערנאך ווען זי האט נישט געוואלט קומען - וואס דאס איז אויך חוץ לדרך הטבע - האט ער זיך צוגעהערט צו די נארישע עצה פון ממוכן איר צו הרג'ענען. דאס איז אלעס זאכן וואס זענען 'חוץ לדרך הטבע'. און דוקא דער נס איז געווען בשעת'ן חטא ממש! בשעת ווען עס איז געווען 'נהנו מסעודתו של אותו רשע', תיכף דעמאלט איז שוין געווען דער 'הקדמת רפואה למכה'. פון דעם זעט מען אז **אידישע קינדער זענען 'בנים למקום'; ווי חז"ל זאגן (קידושין לו.): אז זיי ווערן אנגערופן "בנים משחיתים - אף על פי שהם משחיתים בנים הם", די אהבה פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער איז דא כסדר!** און טאקע צוליב דעם, ווייל עס איז געווען שטענדיג אן אהבה פונעם אויבערשטן צו אידן, דעריבער האט דער אויבערשטער געברענגט די גאנצע עת צרה, כדי זיי צו מעורר זיין אז זיי זאלן תשובה טון און מתקן זיין דאס וואס זיי האבן געזינדיגט.

## מאהבת הנס: די אהבה פונעם אויבערשטן צו אידן, האט גורם געווען א אהבה אויף צוריק

## כמים הפנים לפנים – כן לב האדם

לויט דעם יסוד פונעם בני יששכר און חתם סופר אז פורים איז נתעורר געווארן א רצון פונעם אויבערשטן צו אידן פֿון קיין שום טעם, קען מען פארשטיין זייער גוט פארוואס פונקט דעמאלט האבן אידן מקבל געווען די תורה מרצון, ווי חכמינו ז"ל זאגן: "הדור קבלוה מאהבה בימי אחשורוש". ווייל עס שטייט אין הפלאה (פנים יפות פ' וישב), אויפן פסוק: "צמאה נפשי לאלקים לקל חי מתי אבוא ואראה פני אלקים", איז ער מסביר דאס וואס רש"י זאגט אין פרשת וישב: "אין מקבלין תנחומין על החי" - ווילאנג א מענטש לעבט, אפילו אויב דער צווייטער מיינט אז ער איז געשטארבן, קען מען זיך נישט טרייסטן אויף אים, נאר אויף א מת איז פארהאן א "גזירה על המת שישתכח מן הלב", אז מען קען מקבל זיין תנחומין און פארגעסן פון אים. ווייל דער כלל איז

דאך: "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם" - ווען איינער האט א געפיל צו יענעם, באקומט יענער א געפיל צוריק צו אים, אויב ראובן שפירט אן אהבה צו שמעון - שפירט עס שמעון'ס הארץ, און ער באקומט אן אהבה צוריק צו ראובן. דעריבער, טאמער איז יענער געשטארבן, האט דאך שוין יענער מער נישט קיין געפיל צו אים, דעריבער ווערט בטל זיין געפיל צו יענעם און ער פארגעסט פון אים, אבער אויב יענער לעבט נאך ערגעצוואו אויף דער וועלט, האט דאך נאך יענער א הארץ צו אים, איז 'כן לב האדם לאדם' - קען ער אויך נישט פארגעסן פון יענעם.

## אונזער צמאון צום אויבערשטן שלאפט נישט איין ווייל דער אויבערשטער בענקט צו אונז

פירט ער אויס דער הפלאה מורא'דיגע ווערטער: דער רצון פון אויבערשטן צו אידישע קינדער - איז כסדר! אין וועלכן מצב זיי זאלן נאר נישט זיין - איז דער אויבערשטער משתוקק און וויל אז דער איד זאל תשובה טון און צוריקקומען צו אים! און אט דאס ברענגט אריין א צמאון פונעם איד צוריק צום אויבערשטן! אוודאי דארף א מענטש אויך טון פעולות אויפצוועקן דעם צמאון, אבער בתוך תוכיות פון יעדן איד איז פארהאן א צמאון! ווייל עס איז 'כן לב האדם' - דאס הארץ פון א איד בענקט צוריק מכח די תשוקה וואס דער אויבערשטער האט צו אים. דאס זאגט דוד המלך: "צמאה נפשי לאלקים" - **איך בין דארשטיג צום אויבערשטן! איך האב אזא צמאון און איך וויל נתקרב ווערן צום אויבערשטן! ווייל "לקל חי" - דער אויבערשטער איז דאך א לעבעדיגער באשעפער!** און ביי א 'חי' איז דאך נישטא קיין 'נשתכח מן הלב', ווייל 'כמים הפנים לפנים', **דער אויבערשטער בענקט צו מיר און איך בענק צוריק צו אים!**

## הדר קבלוה מאהבה ורצון

לויט דעם הפלאה קען מען פארשטיין, אז וויבאלד פורים איז נתעורר געווארן אזא שטארקן רצון פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער, א בחינה פון 'אין טעם ברצון', אין וועלכן מצב אידן זאלן נאר נישט זיין וויל דער אויבערשטער אידן, האט דאס געברענגט אויף צוריק די 'קבלת התורה מרצון', אז אידן האבן אויך געהאט א געוואלדיגע אהבת ה', און א געוואלדיגע אהבה צו תורה ומצוות, הדר קבלוה מאהבה.

## יעדעס יאר פורים ווערט נתעורר דער רצון פון אויבערשטן צו אידן

יעדעס יאר אינעם טאג פון פורים ווערט נאכאמאל אויפגעוועקט דער אור פון פורים, עס ווערט נתעורר למעלה א געוואלדיגן רצון פונעם אויבערשטן צו אידן - ן° קיין שום טעם! און דאס ברענגט דעם כח אז אידן זאלן קענען צוריק אויפוועקן אין זיך א רצון צום אויבערשטן און א רצון צו תורה ומצוות. און דאס איז דער ענין פון דער געוואלדיגער שמחת פורים - וואס עס איז נישטא אזא שמחה אין קיין שום יום טוב, **ווייל דער רצון וואס ווערט נתעורר אין פורים, אז אפילו אינעם גרעסטן חשכות, אינעם גרעסטן שפל המצב - דאך איז דער אויבערשטער משתוקק צו אידן - דאס זעט מען נישט ביי אנדערע ימים טובים.** און דאס איז אויך דער ענין פארוואס 'ימי הפורים לא נבטלים' - ווי דער רשב"א זאגט אז אפילו ווען אידן זענען אין א נידעריגן מצב, דאך שפירט מען דעם אור פון פורים. ווייל פונקט ווי דעמאלט בימי אחשורוש איז דער אור פון נס פורים נתעורר געווארן מכח דעם 'רצון הפשוט' ן° קיין שום טעם, די זעלבע זאך די הארה **פון פורים וואס חזר'ט זיך איבער בכל שנה ושנה, קומט אויך אויף אזא בחינה - ן° קיין טעם, אז אפילו ווען מען איז אין גאר א שוואכן מצב,** דאך איז פארהאן א רצון פונעם אויבערשטן צום כלל ישראל.

## מי יתנני ירחי קדם: ווען משיח וועט קומען וועט מען זיך בענקען צו די היינטיגע עבודה

דער פשוט'ער פשט אינעם אויבנדערמאנטן חז"ל: "אם כל המועדים יהיו בטלים ימי הפורים לא נבטלים", מיינט אז ווען משיח וועט קומען, וועט פורים נישט בטל ווערן. וועט מען זאגן אן ענין דערין.

דער הייליגער רבי זכרונו לברכה זאגט אין די תורות אויף דער הגדה (הגש"פ מהר"י ט"ב): די גמרא זאגט: "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל". לכאורה איז שווער, וואס איז דער פשט אז די בתי כנסיות און בתי מדרשות שבבבל וועלן ווערן נקבע בארץ ישראל?! לעתיד לבוא וועט מען דאך זוכה זיין צו זיין נאענט צום הייליגן באשעפער, מען וועט קענען דינען דעם אויבערשטן מתוך זיין נאענט צום הייליגן באשעפער, וואס איז די מעלה אז מען וועט אויך האבן די בתי מדרשות שבבבל?!

## וואו נעמט מען היינט דעם שבירת היצר פון גלות

זאגט דער רבי זי"ע א מורא'דיגן פשט: ווען משיח וועט קומען - וועט נישט זיין קיין יצר הרע, עס וועט נישט זיין קיין שעבוד מלכיות, עס וועט נישט זיין קיין עיכובים, עס וועט נישט זיין קיין מניעות. נו, אזא עבודת ה' איז נישט אזא רבותא. דעריבער, **ווען משיח וועט קומען, וועט מען זוכן די בתי מדרשות פון חוץ לארץ, וואס דארט האט מען געלערנט אינעם חשכות!** דאס וועט זיין א מורא'דיגע רבותא, אז אמאל האט מען געהאט א מלחמת היצר! מען וועט זיך

> **אויף דעם איז דא א פורים! פורים איז געגעבן געווארן ווען מען האט גארנישט געזען! ווען עס איז געווען א הסתר פנים**

צוריק בענקען נאך די איצטיגע זמנים! מען וועט זיך פארבענקען צו יענע צייטן ווען מען האט געדינט דעם אויבערשטן - בשעת עס איז געווען א יצר הרע וואס האט געשטערט!

**מען וועט זיך אזוי שטארק צוריק בענקען, אז מען וועט בעטן דעם אויבערשטן זאל צוריקברענגען יענע זמנים. דעריבער וועט דער אויבערשטער זיך צוהערן צו זייער בקשה און זיי צוריקברענגען די בתי כנסיות און בתי מדרשות שבבבל, די אלע כוחות הקדושה וואס עס איז דא אין בבל - וועט אפירקומען, אלע כוחות הקדושה פון** גלות, וועט מען ברענגען אויף ארץ ישראל! די זמנים אין בבל - וואס אידישע קינדער האבן דארט געזוכט דעם אויבערשטן און געדינט דעם אויבערשטן מתוך צרות און מתוך שעבוד פון בבל, די בתי מדרשות וואו עס איז אנגעגאנגען א מלחמת היצר דארט - דאס וועט מען ברענגען דעמאלט אויף ארץ ישראל! ווייל מען וועט זיך צוריק בענקען נאך יענע זמנים! מען וועט זיך צוריק בענקען נאך יענע צייטן און נאך יענע תקופות! לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען, וועט מען אפירנעמען די בתי מדרשים וואס די אידן האבן געפירט, און ממילא וועט מען ווייטער האבן די כוחות הקדושה פון יענע זמנים.

מיר פארשטייען נישט וואס דאס מיינט, אבער **אז דער רבי זאגט אזוי, האט ער דאך געוואוסט וואס ער זאגט!** עס וועט זיין דעמאלט אזא מין עבודת ה' וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה, אבער **אף על פי כן, וועט מען זיך צוריק בענקען נאך דעם מין עבודת ה' וואס קומט מתוך א מלחמת היצר.**

## פורים האט מען מקבל געווען די תורה אפילו אויף זמני הסתר

דאס איז דער ענין פון פורים; ווי דער קדושת לוי (קדושה ראשונה) זאגט, אז די קבלת התורה פון פורים איז א העכערע בחינה ווי דער קבלת התורה וואס עס איז געווען שבועות. ווייל די קבלת התורה פון שבועות איז נאר געווען לויט דעם געוואלדיגן מדריגה וואס זיי האבן דעמאלט געהאט, עס איז געווען פסקה זוהמתן, מען האט נישט געהאט קיין שום גשמיות, אויף דער בחינה האבן זיי דעמאלט מקבל געווען די תורה. אבער די קבלת התורה וואס איז געווען פורים - איז געווען אויף א העכערע בחינה, אז אפילו אין גלות וואו עס איז דא גשמיות, עס איז דא מלחמת היצר - אפילו אויף דעם אופן האבן זיי אויך מקבל געווען די תורה ברצון.

דער קדושת לוי שמועסט אויס: שבועות איז געווען א גרויסע התגלות וואס אלע אידן האבן זוכה געווען צו זען דעם התגלות כבוד ה', און אויף אזא זמן האט מען מקבל געווען די תורה. נו, זייער פיין, די גאנצע בריאה איז מסכים צו דעם אז דער אויבערשטער איז א באשעפער אויף דער וועלט. אבער וואס טוט זיך ווען עס וועט זיין א זמן ווען עס וועט זיין א הסתרת פנים? ווען די גאנצע וועלט וועט נישט מסכים זיין? ווען עס דאכט זיך פאר די גאנצע וועלט אז דער טבע איז א שליט בעולם רחמנא ליצלן? דאס איז שוין גאנץ אן אנדערער זמן, וואס וועט זיך טון דעמאלט? אויף אזא זמן דארף מען דאך אויך מקבל זיין די תורה הקדושה?! **אויף דעם איז דא א פורים! פורים איז געגעבן געווארן ווען מען האט גארנישט געזען! ווען עס איז געווען א הסתר פנים;** ווי די גמרא זאגט (חולין קלט:): "אסתר מן התורה מנין שנאמר ואנכי הסתר אסתיר פני מהם" - עס איז געווען א הסתרת פנים, דער קבלת התורה - וואס איז געווען בימי מרדכי ואסתר - איז געווען אויף אזא זמן ווען מען זעט נישט קיין בפירוש'ע התגלות, ווען מען זעט נאר א הסתרת פנים, אויף דעם זמן האט מען מקבל געווען די תורה בימי מרדכי ואסתר בשושן הבירה, **אז אידישע קינדער זענען זיך מוסר נפש אין דעם גרויסן הסתרת פנים אז זיי זאלן בלייבן געטריי פארן לעבעדיגן באשעפער, פארן בורא כל העולמים.** אזוי זאגט דער הייליגער קדושת לוי, דער הייליגער בארדיטשובער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

## ביי מתן תורה איז נישט געווען קיין בחירה – די שלימות פון קבלת התורה איז פורים, ווען עס איז יא געווען א בחירה

דער נאמען 'פורים', איז דאך געגעבן געווארן 'על שם הפור'. 'פור' ווייזט אויף א 'גורל', דאס מיינט אז עס איז פארהאן א בחירה, מען קען דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, און מען קען רחמנא ליצלן עובר זיין אויפן פי ה', דאס איז דאך די גאנצע בחירה. און אפילו אויף דעם אופן - וואס א מענטש האט א בחירה - האבן זיי אויך מקבל געווען די תורה ברצון, נישט ווי שבועות וואס די קבלת התורה איז נאר געווען אויף אן אופן פון 'פסקה זוהמתן', זיי האבן נישט געהאט קיין בחירה.

## לעתיד וועט מען זיך פרייען מיטן פורים וואס ווייזט אויף מלחמת היצר

דאס קען זיין די כונה: "כל המועדים יהיו בטלים" - שבועות, פסח און אלע ימים טובים, וואס זענען א בחינה פון 'פסקה זוהמתן' דאס וועט ווערן בטל ווען משיח וועט קומען, ווייל מען וועט שוין נישט דארפן האבן די אלע בחינות, ווייל דעמאלט וועט דאך שוין נישט זיין קיין יצר הרע. אבער "ימי הפורים לא נבטלים" - דער יום טוב פון פורים וואס דאס איז א בחינה פון קבלת התורה מיט א מלחמת היצר - דער טאג וועט נישט בטל ווערן לעתיד לבוא! ווייל לעתיד לבוא - ווען מען וועט שוין האבן מנצח געווען דעם יצר הרע - וועט מען זיך צוריק בענקען נאכן מלחמת היצר! מען וועט זיך צוריק בענקען נאך דעם עבודת ה'

וואס איז געווען מתוך א מלחמת היצר! דערפאר איז 'ימי הפורים לא נבטלים', 'פורים' ווייזט דאך אז עס איז פאראן צוויי צדדים, עס איז דא א צד אזוי און א צד אזוי, דאס מיינט אז עס איז פאראן א בחירה און א מלחמת היצר, דאס וועט קיינמאל נישט בטל ווערן, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט מען זיך צוריק בענקען נאך דעם זמן.

- דער פורים וואס ווייזט אויף א קבלת התורה אפילו דעמאלט ווען מען ווייסט נישט קיין חילוק פון קדושה, דאס איז 'לא יסוף מזרעם' - די קדושה וטהרה וועט זיין ווייטער! און טאקע דער קדושה, וואס מען איז מקבל די תורה אפילו ווען מען ווייסט נישט, מען זעט נישט און מען שפירט נישט - דאס איז וואס מען דארף זיך מיטנעמען פונעם הייליגן יום טוב.

**אפילו מיר וועלן גארנישט זען, עס וועט זיין א הסתרת פנים – וועלן מיר אויך מקבל זיין צו זיין געטריי פארן בורא כל העולמים!**

## מען איז זיך מקבל: ולא נסוג ממך

אין אזא הייליגן זמן פון פורים דארף מען זיך מקבל זיין, אז מיר וועלן בלייבן מיט א געטריישאפט פארן בורא כל עולמים! **אפילו מיר וועלן גארנישט זען, עס וועט זיין א הסתרת פנים - וועלן מיר אויך מקבל זיין צו זיין געטריי פארן בורא כל העולמים!** "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם"

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מען זאל זוכה זיין טאקע אז די קדושת הזמן זאל אונז מאיר זיין אז מען זאל קענען מקיים זיין אלע מצוות ווי עס דארף צו זיין, ווי דער אויבערשטער וויל, און עס ווערט דאך טאקע נתעורר דער געוואלדיגער רצון פונעם אויבערשטן צו יעדן איד - אין וואספארא מדריגה ער איז נאר, זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.











# האַרצרייסנדע שילדערונגען
## פון הונטער די תפיסה גראַטעס

מתוך דרשת
הרב **אברהם יהושע פריינד מנאַסויד** שליט"א
לקראת ימי הפורים הבעל"ט

**פאר די הונדערטער בחורי חמד, בהיכל ישיבה קטנה תורה ויראה דרב"י סאַטמאַר קרית יואל**

### פותחין בכבוד האכסני'

ברשות רבינו שליט"א און דער רב זאל זיין געזונט, די מנהלים, די מגידי שיעורים, און צום לעצט די טייערע בחורים. איך האב נישט געקלערט אז איך קום רעדן בלע"ה צו אזא גרויסע קיבוץ בחורים דא, ס'איז מיך א געוואלדיגע כבוד און א שמחה.

אין אמת'ן אריין הייבט מען אן מיטן בעל הבית, מיטן כבוד האכסניא, נאר איך האב אן אנדערע סיבה פארוואס איך האב געזאגט ברשות רבינו שליט"א, נאר באלד וועל איך צוקומען צו דעם.

### צען טאָג פאר פורים

היינט איז ד' אדר, ד' אדר שני, עס איז צען טאג פאר פורים, היינט איז די יארצייט פון דער הייליגער ר' לייב שרה'ס זי"ע, און פון דעם סטראפקוב'ער רב זי"ע. ס'איז אַ גרויסע טאָג.

מ'זעט אַז י' ניסן האט מען צוגעגרייט דעם קרבן פסח, אויך איז דאָ עשרה ימים בין כסה לעשור צווישן ראש השנה און יום הקדוש, זעהט אויס אַז דער נומער צען איז זייער א גרויסער זמן, און היינט איז כדי צו רעדן פון דעם ענין וואס איך וויל רעדן מיט ענק טייערע בחורים.

### שלא שינו לשונם שמם ולבושם

עס שטייט אז פסח איז מען ניצל געווארן פון מצרים וועגן דריי זאכן: שלא שינוי לשונם, שמם ולבושם. מען האט נישט משנה געווען דעם נאמען, דעם לבוש און דעם שפראך. מען האט נישט גערעדט עגיפטיש מען האט גערעדט לשון הקדוש.

אין די מגילה שטייט, 'ותאמר אסתר' אז מען זאל ענטפערן פאר מרדכי הצדיק, וואס האט זי געבעטן? 'לך כנוס את כל היהודים - אלע אידן וואס זענען יעצט אין שושן, אז מען זאל פאסטן, נישט עסן און נישט טרינקן דריי טעג, לילה ויום, און זי וועט אויך אזוי טון.

עס איז מיך אייביג שווער געווען די קשיא, און ס'איז מיר פארענטפערט געווארן, איך האב מיך לאנג געמוטשעט, און ס'איז מיר פארענטפערט געווארן צוויי קשיות: איינס, מען קען נאך היינט זען די אלע באפעלקערונגען פון די אראבער, גייען די נשים אנגעטון מיט לאנגע קליידער, די מענער גייען אויך אנגעטון מיט לאנגע קליידער ביז דער ערד, אפשר איז שוין היינט מער מאדערן געווארן, אבער דאס איז אין אלגעמיין וויאזוי זיי גייען אנגעטון.

מיט דעם אלעם, מען האט נישט משנה געווען דעם שם, מען האט זיך נישט גערופן דזשימ"י, נאר מען האט געזאגט אז מען הייסט יעקב, און מען האט נישט משנה געווען די שפראך, און ביי דער לבוש איז געווען די זעלבע זאך, מען איז נישט געווארן מאדערן, און מיט דעם זכות איז מען ארויס פון מצרים.

דא, ביי דער נס פון אסתר המלכה, זעט מען ווי זי האט געבעטן: "יעדער זאל פאסטן, את כל היהודים הנמצאים' יעדן איינעם, 'שלשה ימים' - דריי טעג", און עס שטייט שוין אז פארשידענע זאכן איז געווען פסח, דער גאנצער ענין. איך האב מיך געמוטשעט א לאנגע צייט צו טרעפן א פשט וואס איך קען פארשטיין מיט מיין פשוט'ן שכל:

### די סאַטמאַרער בחורים דערקענט מען פורים מיט זייער איידלקייט!

איך זיץ יעדעס יאר פורים, מען קומט און מען גייט, מען גייט אויף די גאס, מען טרעפט די גרופעס מיט בחורים, ס'טוט זיך מיט מוזיק און מען טאנצט, עס איז זייער לעבעדיג ב"ה. ס'איז דאָ ישיבות וואָס קומען מיט מאבי"ל'ס ארויף, און נאָכדעם איז דאָ די ישיבות וואס די בחורים גייען ארום, און מען שלעפט זיך מיט די גרויסע ספיקע"ר און ס'טוט זיך.

ווער עס נאר אריינגעקומען צו מיר אין שטוב אריין האב איך אייביג געזאגט: "דאס איז ויואל משה, דאס איז אנדערע, דאס איז מאנסי, דאס איז אן אנדערע גרופע", וויאַזוי זעט מען דאָס? איך ווייס נישט, מען האט אייביג געזען די בחורים וואס זיי קומען אָנגעטון איידל, און זיי קומען מיט די כלים אין די הענט, די וואָס קומען נישט מיטן מאבי"ל איז מער איידעלער, עס איז אַ געוויסע סימן דערצו, יעדער גייט פארשטעלט, יעדער איינער, מען גייט אבער איידל.

אבער די אלע וואס זיי פארן מיט מאבי"ל'ס, איך בין אויך געווען א בחור, אונז האבן נישט געהאט קיין מאבי"ל'ס דעמאלטס, אבער עס איז דאך פורים.. לאמיר גיין זען וואו ס'טוט זיך... מען גייט זיך אנטרינקן און זיין משוגע אויף טויזנט... מען האט א מאבי"ל מען קריכט ארויס מען קריכט אריין, מען הענגט זיך, מען וויל זיך איבערקערן, און ס'איז איבערגעקערט, ס'איז געלונגען... די פא"ן איז ביז הונדערט... אבער עס איז נישט איידל.

### לעשות רצון צדיק; אַ סאַטמאַרער תלמיד איז אַנדערש

ווען בחורים גייען צוזאמען, און מען שלעפט זיך פון איין עק שטאט ביז די אנדערע, מען שלעפט די מוזיק כלים, פארוואס? ווייל דער רבי האט אזוי געהייסן! פארוואס האט מען אזוי געהייסן? דער רבי קען נישט באשטיין מען זאל גיין מיט א מאבי"ל, פארוואס ארט אים? פארוואס האט ער דאס געטון?

אונז האבן א מסורה פון דעם רבי'ן זי"ע, אז מען זאל דערקענען א איד אויף די גאס, א סאטמארער חסיד וואָס מען זעט אויף אים זיין אידישקייט, דער איז א סאַטמאַרער חסיד! און ווען מען גייט אין דעם וועג, און מען זעט איין, אז די אנדערע וועג קען זיין אביסלע מער אויסגעלאסן וואס וועט נישט פאסן פאר בחורים, האט מען עס געטוישט.

און עטס, טייערע בחורים, האטס אנגענומען, אז מען גייט געהעריג פון איין עק שטאט צום אנדערן, פון דא ביז עיקער"ס ראו"ד, מען גייט פון איין עק שטאט ביז די אנדערע עק שטאט, און מען שלעפט זיך ארום מיט די ספיקע"רס און מיט די מוזיק, אז מען זאל קענען משמח זיין אידישער קינדער, אזויווי מען האט געהייסן, דאס איז דער רצון פון רבינו שליט"א!

### אַז מען טוט אַ זאַך מיט מסירת נפש קערט זיך איבער אויבן אין הימל

דער רבי האט גענומען דעם חלק, 'שלא שינו את לשונם ולבושם ושמם', אז מען זאל דערקענען אז ער איז א היימישער יונגל, אז דאס איז א סאטמאר'ער תלמיד, און מען גייט איידל משמח זיין אידישער קינדער, דאס איז א מורא'דיגע זאך!

און וויאזוי ווייס איך אז דאס איז א מורא'דיגע זאך? ווייל פארוואס האט אסתר המלכה געהייסן אז מען זאל פאסטן דריי טעג? עס איז גענוג פסח

ביינאכט, דעמאלט זאל מען פאסטן, אזויווי עס שטייט אין יומא, וואס גייט פאר אויב מען עסט נישט, און מען מאכט נישט דעם סדר? נאר אויב מען מאכט א זאך מיט מסירת נפש, קערט זיך איבער אויבן אין הימל!

עס שטייט אין דברי חיים אויף כמה מקומות, אויב עס איז דא חלילה, זאל דער אויבערשטער אפהיטן, עפעס א גזר דין צו וואס, און ס'גייט נישט, מ'קען נישט, טאמער טוט א איד א מצוה מיט מסירת נפש, אָה, דאן קען מען נישט צורירן, זיי קענען נישט זאגן קיין ווארט! אז מ'גייט און מ'איז זיך מוסר נפש, אזויווי עס שטייט אין רמב"ם, אז דער רמב"ם פסק'נט, אז מ'זאל ענדערש מער גיין משמח זיין עניים מיט יתומים און צובראכענע מענטשן, ווי איידער מרבה זיין בסעודתו!

וואס מיינט דאס? ווען מען וואק"ט פון איין הויז פון אנדערן נאך געלט, מען קען נישט פארן מיט קיין קאר פון איין הויז צום אנדערן, צוויי בלאק"ס קען מען יא נעמען א קאר, אויב איך בין פויל וועל איך נעמען א קאר, אבער ווען מען גייט צופיס בחורים צוזאמען, מיט א מסירת נפש ממש, איך ווייס וואס דאס מיינט, און איך קען זען ווען מען קומט אן ווי מען איז אויסגעה'רג'ט און אויסגעמארעט, מען גייט ביז'ן דריטן שטאק, מען שלעפט זיך ארויף ביז אויבן, קוים וואס מען קען כאפן די אטעם, מאכט מען א מסירת נפש! אויף די מסירת נפש קוקט דער אייבערשטער ארויס, און דאס ווערט געקוקט אויבן אין הימל!

## ווען מען מאַכט אַ מסירת נפש פּורים איז דאָס מעורר רחמי שמים

פאסטן דריי טעג איז זייער אן אומבאקוועמער זאך. איך ווייס נישט צי מען קען אפילו. נישט אלעס קען מען. דער ריבניצער זי"ע פלעגט צו פאסטן יעדן טאג, און אויספאסטן וויאזוי? ער האט געהאט אַ גלאז וואס האט אזא הענטל, און ביינאכט האט ער עס אנגעפילט מיט וואדקע ביז אויבן, מיט א קיכעלע, און אויסגעטרינקן, און געפאסט נאך א טאג. צו פאסטן דריי טעג אין א צי, איז זייער זייער שווער. ס'איז א מסירת נפש מאד.

ווען מען מאכט אַזאַ מסירת נפש ממש אין פורים, אויף דאס קוקט דער אייבערשטער ארויס! די גאנצע פמלי' של מעלה, "איין מינוט, לאמיר זען וואס דא גייט פאר, קוק אן די בחורים... זיי מאכן א מסירת נפש! זיי זענען זיך מוסר נפש צו טון פאר איד א טובה". דאס וואס זיי האלטן איין וואס מען האט געהייסן! מען האט געמאכט א מסירת נפש, מען גייט לילה ויום, ווען מען גייט נאך געלט, גייט מען נאך געלט צופיס.

## אין תפיסה גרייט מען זיך שוין אויף פּורים פון אָנהויב ווינטער

איך וויל ארום רעדן איבער א געוויסע ענין, און אונז וועלן שפעטער צוקומען צו וואס איך וויל צוקומען:

ביי יעדעם איינעם איז פאר פּורים פּאַרנומען, דא אין ישיבה מען הייבט אן מיטן פורים רב, ווער וועט זיין דער גבאי, מיט דער שמש... און וואס ס'וועט זיך אפטון א גאנצע מהומה... עס איז זייער א נארמאלע זאך, ווען מען וועט גיין צו מנהלים, ווען גייט מען גיין צו מגידי שיעורים, מען וועט יא גיין צי נישט גיין... מען קען נישט גיין היינט מען קען נאר גיין מארגן... עס טוט זיך א גאנצע זאך... איז ווען הייבט זיך דאס אן? נישט פון ראש השנה... אויך נישט פון חודש חשון...

הרה"ח ר' נחמי' וועבערמאַן שליט"א, ר' נחמי' צבי בן דינה, איך גיי אסאך צו אים, כמעט יעדע וואך, און איך קום יעצט פון דאָרט - ביי אים אין תפיסה גרייט מען זיך צו פורים שוין פון ראש השנה! דאָס איז אַ היכי תמצא, עס איז דא דארט זיבן שומרי שבת, און מען לייענט נישט די מגילה חשון...

## חנוכה דאַרף מען פועל'ן צו קענען צינדן בזמן

אין די תפיסה ל"ע איז דאָ א קאלענדער, ווען איז פורים, ווען איז פסח, ווען איז חנוכה. חמשה עשר בשבט איז מחלוקת הפוסקים צי עס הייסט א חאגע, א אידישער יום טוב..., חנוכה הייסט זיכער א יום טוב.

איז חנוכה הייבט זיך אן א גאנצע איבערקערעניש, ווען קען מען צינדן חנוכה ליכט? זיי קוקן אריין אין קאמפיוטע"ר, סאנסע"ט איז דעמאלט, ווען גייט אראפ דער זון? דעמאלטס און דעמאלטס, דאס זענען זיי מחליט, עס גייט זיי גארנישט אן, איי עס איז נאך טאג? עס אינטערעסירט זיי נישט, דארף מען גיין פועל'ן אז מען זאל לאזן צינדן חנוכה ליכט שפעטער.

## די שוועריגקייטן פון לייענען די מגילה אין תפיסה

עס קומט יעצט צו פורים, איז געווען דער זמן, אז זיי קענען גיין מוצאי שבת לייענען די מגילה פון זיבן דרייסיג, ביז אכט פופצן. ס'איז דאך אָבער נאָך שבת קודש! עס איז נאכנישט דא קיין מצוה פון מגילה לייענען!

איך גיי געווענליך לייענען די מגילה אין אויטעסוויי"ל דשעיל, גיי איך לייענען צופרי און ביינאכט די מגילה, און איך האב יעדעס יאר א פראבלעם דאָרט.

האב איך באקומען א זמן פון זיבן דרייסיג ביז אכט דרייסיג, איין שעה, און טאמער איז נישט ביינאכט אכט דרייסיג איז וואס טו איך? נו, איך פראביר צו באקומען א שעה פריער עס גייט נישט, האב איך געפרעגט פון פינף דיינים א שאלה, און איך קען נישט יוצא זיין, איך קען אַהינגיין לייענען, צי עס איז א לכתחלה צי בדיעבד, אבער איך קען נישט יוצא זיין.

איך דארף אפזאגן די מגילה, פארליינען, אהיים קומען, איך מעג אויספאסטן, אבער איך פארגין מיך נישט, איך גיי נישט אויספאסטן פאר די מגילה, עס האט נישט קיין פשט, ליין איך די מגילה, און נאכדעם קען איך אהיים גיין.

יעצט ב"ה האט מען שוין גע'פועל'ט. אז מען קען יאָ גיין שפעטער לייענען די מגילה, ווייל זיי האבן נישט ווער עס זאל לייענען די מגילה פאר זיי.

## מען האָט ב"ה גע'פועל'ט צו קענען לייענען די מגילה בזמן

אָבער דאָרט וואו ר' נחמי' זיצט איז אַנדערש, ווייל ער לייענט דאך די מגילה, נו, אַז דו קענסט דאך לייענען, קיינער דארף נישט קומען פון אינדרויסן, איז די צייט איז פון זיבן דרייסיג ביז אכט דרייסיג, וואס איז די פראבלעם...?

האט מען געדארפט פועל'ן, פון ראש השנה אן דרייט זיך שוין די בויך א גאנצע צייט, וואס וועט זיין מיט די מגילה לייענען? וואס וועט זיין מיט פסח? ווען גייט מען קענען מאכן דעם סדר?

האט מען ענדליך ב"ה גע'פועל'ט, היינט איז אנגעקומען די ידיעה, אז פון אכט פופצן ביז ניין פינעף און פערציג קען מען זיין אין די שול, איי, אכט דרייסיג קומט יעצט אויס מוצאי שבת? שוין, וועט מען קודם דאווענען מעריב, און פון אכט דרייסיג ביז ניין פינף און פערציג איז דא בכבוד צייט, מען קען לייענען די מגילה. אבער עסן עפעס, טועם זיין צוזאַמען דארטן? אֶה אֶה, דאס קומט שוין נישט אין באטראכט, ווייל עס איז דאך נישט קיין זמן.

## די טרויעריגע מצב ראש השנה ביינאַכט

ראש השנה האט מען געגעבן א זמן צו קענען דאַווענען מעריב ווען דער יום טוב איז אָנגעקומען. עס איז אויסגעקומען אז זיי קענען זיין דארט איין שעה ביינאכט, נאָך איידער דער זמן פון ראש השנה בכלל, איז וואס קען מען טון? האט מען געדאוונט מעריב, און פלוצלינג אינמיטן מעריב איז אריינגעקומען קלאפן די פאליציי, און מען האט באקומען אן ערלויבעניש פון אלבעני אז מען קען זיין ביז שפעטער.

דער עולם האט זיך זייער געפרייט דאָרטן. און ווען עס איז געווארן דער זמן פון צוויי און זיבעציג, האט ר' נחמי' געגעבן א קלאפ אויפן טיש, און געזאָגט אויף ענגליש: "נאַ"ו אי"ז ד"ע נאָ"ו יִ"ר" - יעצט איז דער נייער יאר, האבן אלע גוים אנגעהויבן צו קלאטשן דארטן, העפי נאָ"ו יִ"ר... עפעס א גאנצער ניגון דארטן... אונז לאך מיר, און ער האט געוויינט, זאגט מיר נחמי', קוק אן וואו איך בין, דאס איז געווען ראש השנה...

עס גייט אזוי, יעדער וויל זיין א איד, מען געבט המן טאשן, מען געבט דאנאטס חנוכה, פורים גיבט מען אויף פאַרשידענע מער עסן, פסח איז דאך אפגערעדט, שרייבט מען זיך איין אז מען וויל זיין א איד. די גוים קומען אַהין ביי די תפלות און ביי די סעודות פון יום טוב, ער נעמט זיך דארטן אזא גאנצער סענדוויטש מיט דברים אסורים.. און ער בייסט אריין... און ער רעדט צאם כל דבר אסור דארטן, און דאס דארף ר' נחמי' הערן. מען האלט דאך ראש השנה, עס איז א מורא'דיגע ווייטאָג.

## 11 יאָר נישט געהערט קיין ברכו און נישט געדאַוונט מיט קיין מנין

איין מאל יום הקדוש, איז דא וואס מען קען אריינקומען דאוונען מיט מנין. און ר' נחמי' זיצט שוין דארט עלעוו יאר ל"ע, ער האט נאך קיין איינמאל נישט, חוץ צוויי מאל יום הקדוש, האט ער קיינמאל קיין ברכו נישט געזאגט. קיינמאל קיין אמן נישט געהערט פון קיין קדושה. קיינמאל געדאוונט מיט א מנין.

ווילאנג גערדויערט צו גיין נאך געלט א גאנצן טאג? ווען גייט מען ארויס? מ'גייט ארויס צען אַזייגער און מען גייט אַרום בערך צען שעה. איך וועל אייך מאכן א שטיקל חשבון הנפש דא, איך וויל אז מען זאל פארשטיין, מען זאל וויסן צו לויבן דעם אייבערשטן וואס מען טוט, און ווי ווייט מען איז אפגעטיילט איינער פונעם צווייטן, אז מען כאפט ניטאמאל וואס דא גייט פאר.

## די שרעקליכע צער פון אַזויפיל לאַנגע יאָרן, חדשים און טאָג אונטער גראַטעס

ר' נחמי' זיצט אין די תפיסה, לא עלינו ולא עליכם, שוין איבער עלעוו יאָר! ער זיצט שוין פיר טויזנט און פופצן טעג אין די תפיסה ל"ע, פיר טויזנט און פופצן טעג! פון דעם האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט ער זאל קענען הערן לייענען, דאווענען מיט מנין, עס זאל זיין איינער וואס זאל אים זאגן לשנה טובה א פרעמדער מענטש, ער זיצט שוין דארטן זעקס און ניינציג טויזנט און דריי הונדערט און זעכציג שעה ל"ע!

ער האט מיר געמאכט דעם חשבון פאריגע מאל, ווען איך האב מיטגעברענגט דעם חשבון, האב איך נישט געקענט שלאפן צוויי טעג. אונז זענען צוגעוואוינט אַז מען גייט, מען קומט, איך בין געווען ביים באַקן די מצות, יעצט נאך דריי שעה בין איך צוריקגעקומען, יענץ געשעפט, ווילאנג דויערט עס?!

ער זיצט שוין פינף מיליאן זיבן הונדערט און איין און אכציג און זעקס הונדערט מינוט אין די תפיסה ל"ע, ביי אים איז יעדע מינוט, איר ווייסט ווילאנג א מינוט איז? איין מינוט איז זעכציג סקונדעס, איינס, צוויי, דריי, פיר, פינעף, זעקס, זיבן... איך בין ניטאמאל אנגעקומען צו אכט... און ער זיצט שוין באלד איבער זעקס מיליאן מינוט אין די תפיסה ל"ע.

## אַ דאַוונען אין תפיסה

מען האט נישט קיין אנונג וואס דאס מיינט אפילו, דעם צער פון א מענטש וואס זיצט איינגעשפארט, און טאמער מיינטס עטס אז ער האט אזא שיינע גרויסע שטוב, מיט ווינדאוס, מיט שיינע לעקטערס, זיין גאנצער שטוב באשטייט אזוי גרויס ווי צוויי מאל די סטעיזש... ער קומט אריין אין דעם שטוב באמבט ער אריין אין בעט אריין, ער האט א בענקל נעבן דעם מיט א סינק, מיט א בית הכסא. איך מיין אז קיינער פון אונז וואלט ווען נישט געדאוונט איין מאל שחרית אין בית הכיסא דא, טאמער יא דארף ער א דאקטער, און ר' נחמי' מאכט עס שוין פיר טויזנט טעג, מאכט ער דאס יעדן טאג.

און שטעלטס ענק פאר ווען מען דארף זיך צוגרייטן צום דאווענען, וואס פאר א צער דאס איז? וואס פאר א טיר האט ער? נישט אזא טיר מיט א פענסטער, בכלל נישט, עס איז אזעלכע גראטעס, אזויווי פאר א הויז איז דא אזא גערט, א אפענע גערט, אזעלכע אייזענעס, אזא טיר האט עס.

ער קען נישט אריין ווען ער וויל, און ער קען נישט ארויסקומען ווען ער וויל, ווייל דארט זיצט ער און יעדער גייט דורך, ער ברויך זיך צוגרייטן צום דאווענען. ער זאגט מיר: "דו מיינסט דאך אוודאי אז איך בין שוין געווארן צוגעוואוינט, אימיונ"ט, ווייל איך זיץ שוין די פיר טויזנט טעג אין תפיסה, בין איך דיר מודיע אז ניין!", א יעדן טאג ווען ער דארף גיין דאווענען, ער דארף זיך צוגרייטן האט ער אן עקסטערן צער, וואס ער פארלאזט א טרער, "רבונו של עולם ווי לאנג נאך וועל איך דא זיצן?"

## דער סדר היום אין תפיסה

די שטוב וואס ער האט, די קליינע שטוב, דאס איז זיין וואוינונג א גאנצן טאָג. זיבן דרייסיג גייט ער עסן פרישטאג פאר פופצן מינוט. מען עפנט מען די טיר, ער קען נישט עפענען, עס מאכט זיך אויף, ער קומט ארויס, ער דארף ווארטן, ווייל ער קען דאך אוועקליפן ערגעץ חלילה...

איך וויל ענק נאר זאגן, אז ווען מען גייט אריין דארט אין די תפיסה, מען שרייבט זיך איין, און מען לייגט אריין די זאכן אין א מאשין אזוי ווי ביים עירפארט, מען גייט דורך נאך א מאשין וואס סטעמפט די האנט, און מען גייט אריין. מיט פארהאקטע טירן, מיט טונקעלע ווינדאוס, און מען דארף אונטערלייגן די הענט אונטער אזא מאשין וואס זיי קענען זען דעם נומבער וואס מען האָט. טאמער קומט דער מענטש נישט ארויס צו דער טיר, קען מען שטיין ווי א האן אין בני אדם דארט, גארנישט קיינער מאכט זיך נישט וואוסדיג, מען קען נישט ארויס, און מען קען שוין נישט אריין, מען איז לאק"ט אי"ן, פארשפארט.

ווען מען מאכט אויף די טיר, גייט מען נאך א שטיק וועג דורך צוויי טירן, איין טיר אריין אין אזא חלל, און נאכדעם נאך א טיר, איז חלילה וחלילה איך קען דאך אויך ארויסכאפן חלילה אן איינגעשפארטן... איז ווען איך קום אריין אין דעם שטוב זענען אלע טירן פארשפארט, איך שטעל מיך אריין אין דעם הויף, מאכט זיך צו דער טיר, און נאכדעם מאכט מען אויף דער טיר, אזוי גייען זיי א גאנצן צייט אהין און צוריק.

יעצט זיבן דרייסיג אזויווי ער גייט ארויס צום עסן, דארף מען עפענען די טיר פארדעם, אלע גייען אריין צוזאמען און מען זעצט זיך צום טיש עסן, איך מיין עטס קענטס ענק פארשטעלן ווי אנגענעם דאס איז, ווי אומאנגענעם איז ווען מען עסט מיט פרעמדע מענטשן ביים טיש. ווען אַ בחור עסט מיט אַ צווייטן בחור וואָס ער האט נישט קיין אנונג ווער דאס איז, עס איז אנגענעם? דו ווערסט זיך צוגעוואוינען צו דעם. אבער זיינע חברים צום עסן זענען די פארטריקאנער שחורים חאלערעס... און נישט איינער נעבן אנדערן, נאר איינער קעגן אנדערן.

און ווילאנג געדויערט דאס עסן? אפשר צוועלף מינוט, און מען בעט זיי אז מען וויל זיך וואשן, זיי פארשטייען נישט וואס מען רעדט צו זיי, א גוי קומט אריין אזויווי א כלב, מען הייבט אן צו עסן, ער בייגט זיך איין זיין קאפ און ער עסט אויף, און ער גייט ארויס, מען לייגט אים די סענדוויטש אויפ'ן טיש און מען גייט. א איד דארף זיך וואשן, אפווישן די הענט, מאכן א ברכה, נאכן עסן דארף ער נאכאמאל וואשן די הענט, און בענטשן, דאס פארשטייען זיי נישט.

איז ווילאנג ס'איז געווען דאָרט אַ וואוילער רב האָט ער פארלאנגט, ער האט מורא'דיג פארלאנגט מיט א געוואלדיגן שטארקייט, ער האט פארלאנגט און מען האט אים נאָכגעגעבן. די אידן האָבן געקענט עסן ביי זיך אין די שטוב, אָבער יעצט לאזט מען שוין נישט מער.

ר' נחמי' האלט און איין זאגן, אז ער באקומט נישט דאס גאנצע עסן וואס מען עסט, טאמער זאל מען ארופלייגן דא אויפן טיש פאר די בחורים די פרישטאג וואס ער האט, מיט א נאכטמאל וואס ער האט, איך זאג ענק צו, אויב איינער וועט אוועק ווארפן דאס עסן איז איין זאך... אבער די מנהלים וועלן נישט קענען מער אריינקומען אויף דעם טאג דא אהער... אזוי שלעכט איז דאס עסן! מען קען זיך נישט פארשטעלן.

יעדן איינציגן טאג ווען ער ווערט פארטיג מיטן פרישטיג, און ער גייט צוריק אריין אין שטוב אריין, ער זעצט זיך אראפ, נו, וואס איז יעצט? מען קען נישט ארויסקוקן, מען קען נישט ארויסגיין, און טאמער דאס איז נאכנישט גענוג, נעבעך, עס איז דאך ווענטלעך, איז אלע גוים האבן די זעלבע אפענע טירן, און מען קען אלץ אונטערהערן, מען הערט איינער וואס רעדט צום אנדערן, און די קללות וואס די גוים גיבן זיך איינער צום צווייטן, איז דאך ביי זיי נארמאל, דער איד איז דאך אנדערש ווי א גוי ב"ה, דאס אליין, צו קענען אראפשלינגען און אויסהערן, און פארטרייבן די געדאנקען, דאס איז ממש נישט פשוט.

## די שוועריגקייט צו פראַווען אַ סדר נאַכט

פאראיאר פסח איז געווען ביטער ווי א זית, מען האט געזאגט אז מען גייט געבן פאר זיי איין שעה צו מאכן דעם סדר, און בייטאג פון דעם סדר אן, מוז יעדער עסן צוזאמען מיט די אלע גוים צוזאמען ביים טיש. זיי האָבן ממש נישט געקענט אויסהאלטן דעם צער, מען האט איבערגעדרייט די גאנצע שטאט, עס האט נישט געארבעט, געלויבט השי"ת, אז עס איז אנגעקומען אז מען האט אויסגע'פועלט און מען האט אריינגערופן פסח אויף דער נאכט, איז געקומען זאגן א פאליס, אז מארגן קען מען עסן אין שטוב.

מען פארציילט זיי נישט אז מען קען עסן מארגן אין שטוב, ווייל דער וואס איז געשטעלט ביי די קאך זענען דאך זייער וואוילע מענטשן בטבע... יעצט האט מיר געזאגט איינער זייער א טיף ווארט דארט א איד: 'עשו שונא ליעקב', וואס טייטש 'עשו שונא ליעקב', ער שלאגט א איד? מען שלאגט אידן אויף די גאסן דא? ניין. נאר עס איז דא א קאלענדער וואס דארט שטייט ווען די ימים טובים זענען, עס שטייט, אז ביים סדר איז איין שעה, אינדערפרי איז פון זיבן פופצן ביז האלב אכט, פופצן מינוט, איז בעט איך אים אז מען זאל עסן עקסטער אין די שטוב ווייל עס איז פסח, וואס פסח? ער ווייסט נישט וואס דו רעדסט צו אים, וואס פסח? דער גוי פארגינט נישט דעם איד, ער האט אים פיינט, ער שלאגט אים נישט, ער האט אים פיינט, און לכבוד דעם זיצט מען דארט, חוץ מזה וואס עס איז זייער אנגענעם דארט פאר אלע גוים צו זיצן דארט אליין אין דעם שטוב א גאנצן טאג.

נאכדעם ווען מען קומט זיי וויזיטן איז דער צער ביז מען קומט אראפ, און בשעת ווען מען איז שוין דארט, מען וועט רעדט א מינוט דערפון, קאכט מען זיך אין דעם א גאנץ יאר, נישט פון חשון אן ווער וועט זיין דער פורים רב... נאר ווען גייען מיר האבן צייט צו קענען ליינען די מגילה?! און ווען קען מען זיך צאמקומען עפעס אויסשמועסן?

## די שרעק אַרויסצוגיין צווישן די גוי'אישע אַרעסטאַנטן

יעדער זיצט זיך ביי זיך אין די שטוב א גאנצע צייט, עס איז דא צוויי מאל א טאג, ווען מען קען אַביסל אַרויסגיין. דער רב קומט פארלערנען צוויי מאל א וואך, דינסטאג און דאנערשטאג אויף איין שעה, זיצט מען זיך צוזאמען דארט, קען מען דעמאלטס שמועסן אביסל דערפון, און אויך ווען מען גייט ארויס אויפן הויף, מען קען ארויסגיין יעדן טאג פיר שעה אויפ'ן הויף.

זאגט מיר ר' נחמי', אז ער גייט נישט ארויס קיינמאל, פארוואס גייסטו נישט ארויס אויפן הויף? ער וויל נישט ארויסגיין, האט ער מיך איין וואך פארציילט, איך קום אריין אין א מיטוואך, זאגט ער מיר, אז ער דארף גומל בענטשן, ער קען נאר נישט גומל בענטשן.

עס זיצט דארט נעבעך א איד פון רוסלאנד, אזא ברייטער שטארקער איד, און ווען איינער קומט אריין אין תפיסה אויף אלע גוים געזאגט, און מען גייט ארויס אין הויף, איז קודם כאפט מען א פראסק... ווייל וואס האבן זיי צוטון א גאנצן טאג? לערנען...? זיי האבן שוין אלעס געטראכט און געקלאצט, אבער אנברעכן יענעם די ביינער, ער איז שטארק, און ער האט נאך א גאנצע גרופע מיט זיך, עס איז דא גרופע איינס, און גרופעס צוויי.

איז דער רוסישער איד האט געכאפט אַ פראסק, האט ער דערלאנגט יענעם א פויסט אין פנים, און עס איז ארויסגעפאלן צוויי ציין... אָההה, אים טאר מען נישט צורירן...

איז זאגט ער פאר ר' נחמי': "דו ביסט דאך א נייער מענטש, קום מיט מיר, האב נישט מורא" איז ער געגאנגען מיט אים איינמאל אדער צוויי מאל, אבער עס האט אים זייער נישט געשמעקט.

זאגט מיך ר' נחמי': "איך דארף גומל בענטשן היינט". וואס איז? פריער איז צוגעקומען אַ גוי צו אים און געזאגט: גיי נישט ארויס אויף דער גאס היינט, דו ביסט דער טארגעט, און דו גייסט גע'הרג'ט ווערן אויפן פלאץ".

וויאזוי קען מען הרג'נען, קיינער האט נישט קיין מעסער? נאר עס איז דא די קענס פון סאָדע. און וואס טוט א גוי? ער האט נישט וואס צו טון א גאנצן טאג, ער טראכט א גאנצן טאג וויאזוי מען קען יענעם טשעפענען. און זיי האבן געמאכט אזא אייזן, און זיי ווייסן פונקליך וויאזוי די אייזן דארף אריין צו גיין ביז צום הארץ, אזוי אז עס זאל פלאצן די אדער, און עס איז דערנאך.

זיי האבן געארבעט א לענגערע צייט צו מאכן אזא לאנגן שיפען אייזן, און ער האט דער פּאָן היינט... ער גייט אפפארטיגן דעם, און געענדיגט, דאס איז דעם גוי'ס גאנצע שמחה, איי מען וועט דאך יענעם איינשפארן אויף לענגער? ער האט סייווי לעבענסלענגליכע תפיסה, און וואס גייט אים אן.

איז ער נישט ארויסגעגאנגען, און ער האט נאך געהאט א פחד צופרי, פון דאס וואס ער האט געהערט נעכטן נאכט, אז מען גייט אים נעמען דאס לעבן.

## די שרעק פון אונטערגעווארפענע חפצים

און טאמער דאס איז נישט גענוג, זיצט מען מיט א פחד אין די שטוב יעדן טאג, פארוואס? א גוי איז דאך מקנא פון א צווייטן איד, 'עשו שונא ליעקב' מען האט פיינט א איד, דאס איז נישטא פון וואס צו רעדן, און וויאזוי קען מען עפעס אפטון פאר א צווייטן, עס איז דאך דא פאליציי,ווארפט מען אונטער אזא מין מעסער'ל אונטער זיין טיר, און מען קומט איינמאל אין צוויי טעג, צי איינמאל אין דריי טעג, צי איינמאל א טאג, קומט מען אונטערזיכן די שטובער ביי יעדעם איינעם. גייט א גוי און ער ווארפט עפעס אונטער, און ער זאגט פארן פאליס: "דארט איז דאָ פעטע סחורה היינט..." און מען קומט אריין און מען הייסט אים שטיין אינדרויסן, און מען דרייט איבער די גאנצע שטוב, אלע ספרים, וואס ער האט נאר, איבערגעקערט צי זען אויב מען קען עפעס טרעפן.

טאמער טרעפט מען עס חלילה, מען באקומט נישט קיין פאנישמענ"ט, אבער מען גייט אין א לאך, א לאך איז טייטש, אז מען גייט אריין אין אזא קליינער שטוב אזויווי ער האט, אביסלע קלענער, און עס איז דא דארט גארנישט, א צוגעמאכטער האלצענער טיר, און ווען מען דארף עסן, געבט מען אזא קלאפ אין דער טיר, און עס איז דא אזויווי פאסט, מען הייבט אויף אזא אייזן, און מען שטופט אריין דאס עסן פאר אים, "דא האסטו הינטל, קענסט אויפעסן דאס עסן", און ווען ביסט פארטיג ווארפט מען עס צוריק אינדרויסן, און אין גארבידש אריין.

אין אזא מין פחד לעבט מען א יעדן טאג, און יעדער מינוט וואס עס גייט דארף אדורך!

## אַ פּורים מיט אַ פּסח מיט אַזאַ צעבראָכנקייט

די שמחה וואס ער האט געהאט, אז מען האט געהערט, אז מען קען גיין ליינען די מגילה פון אכט פופצן ביז ניין פינף און פערציג, קען איך ענק נישט מסביר זיין, די זיבן שומרי שבת איז א מורא'דיגע שמחה ארויפגעקומען אויף זיי.

אבער אינעם זעלבן תוך כדי דיבור, איז דער צער בכלל, ווייל מען געבט צייט צו פירן דעם סדר איין שעה מיט פופצן מינוט... נאכאמאל, פון קדש ביז חד גדיא איז א שעה מיט פופצן מינוט! זיצן זיבן שומרי שבת, און נאך אנדערע מענטשן אויך, מען מוז דאך פירן א סדר, וויאזוי קען מען מאכן א סדר אין א שעה מיט פופצן מינוט? מען קען רעדן צום לאמפ.

## "איך קען רעדן צום בעט און צום בענקל"...

ר' נחמי' האט מיך געזאגט פאר א פאר יאר צוריק: "וואס איז דער חילוק פון מיר ביז דיר, דו

האסט א פרוי? איך האב אויך, דו האסט קינדער? איך האב אויך קינדער, אייניקלעך? איך האב אויך אייניקלעך, דו דאווענסט יעדן טאג? איך דאוון אויך יעדן טאג, איך האב אויך א אתרוג מיט א לולב, איך האב אלעס פונקט ווי דיר, איז וואס איז דער חילוק?״

זאגט ער: ״דו קומסט אהיים פון בית המדרש פרייטאג צונאכטס, און איינער האט געדאווענט פארן עמוד, און ער איז געווען א נער, און מ'האט געלאכט פון זיין דאווענען, איז וואס טוסטו דעמאלטס? אדער גייסטו אין בית המדרש צו א חבר: אוי האט ער געדאווענט יעצט... אדער קומסטו אהיים און דו פארציילסטס פאר דיין בני בית מיט די קינדער: נעבעך... היינט האט געדאווענט דא איינער...

אָבער איך האב אָפּגעדאַווענט ביי מיר אין שטוב, איך קען רעדן צום בעט, איך קען רעדן צום בענקל, איך האב נישט צו וועם צו רעדן! א שבת צי א יום טוב, איך האב נישט וואו צו גיין, איך האב נישט צו וועם צו רעדן, דאס איז דער חילוק פון מיר ביז דיר!״

און מיט דעם מוטשעט מען זיך יעדן טאג, און יעדער מינוט, נאכאמאל און נאָכאַמאָל. מען נעמט חיזוק, אז ער זאל קענען בלייבן געהעריג א איד, מיט א התחזקות אז ער זאל נישט פארגעסן פון דעם רבונו של עולם.

## די געוואַלדיגע התחזקות פון ר' נחמי' טראָץ די שוועריגקייט

פונקט האָט מיך ר' נחמי' געזאָגט: ״דו ווייסט אברהם יושע, איך גיי ארויס גיין פון דא נאך היינט״ אזוי האט ער מיר געזאגט היינט, וואס איז? וואס איז געשען יעצט? זאגט ער מיר: ״געב א קוק, איך האלט אין איין זיך מתבונן זיין, איך בין אריינגעקומען דא אין תפיסה פאר אַ בלבול״.

״וואס מען טוט נאר פאר מיר ביז היינט, וואס מען טוט ווערט אלעס אפגעהאקט ל״ע, מען האלט אין איין טון און טון, איז דאך דאס א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, מוז זיין אז דער אויבערשטער וועט מיך עפענען די טיר חוץ לדרך הטבע!״.

## מ'זעט היינטיגע צייטן אויך נסים גלויים!

איך האב שוין פארציילט אפאר מאל די מעשה, און איך האב שוין אפאר מאל פארציילט די מעשה פאר ר' נחמי' אליין, איך האב אליין געזען מיט מיינע אויגן, א גאנצע מעשה מיט ר' שלום ווייס און מיט ר' מרדכי יצחק סאַמעט. האב איך אליין געזען מיט מיינע אויגן, וואס דאס מיינט אז דער אייבערשטער איז דא, אזיוױ אין דברי חיים שטייט, אז עס איז נישטא קיין זאך חוץ לדרך הטבע, דער אייבערשטער מאכט אלעס, נאר ביי אונז איז עס חוץ לדרך הטבע, נישט פאַר'ן אייבערשטן.

ר' שלום ווייס איז געזעסן אין אויטעסווי״ל, ער האט באַקומען, פאר אלע גוים געזאגט, אכט הונדערט יאר ל״ע. און ווען עס איז געקומען די נייע געזעץ אז מען קען ארויסגיין מיט אַ דריטל יאָרן פריער, די גאנצע זאך וואס ר' משה מארגערעטן האט ערלעדיגט, האט ער מיר געזאגט: ״אברהם יושע, איך בין דער גליקליכסטער מענטש אויף דער וועלט, פארוואס? ווייל איך האב באקומען א דריטל ווייניגער, עס איז נאר זעקס הונדערט יאר... ״ און ער איז געווען שטארק צובראכן ביי זיך.

שטייענדיג נעבן אים, שטייט ר' מרדכי יצחק סאמעט, און ער זאָגט: ״דו גלייבסט אין אייבערשטן?״ זאג איך: ״יא״, ״עה, דו גלייבסט נישט״.

זאָגט מיר ר' מרדכי יצחק: ״איך וועל דיר זאגן, מען האט צוויי מאל איבערגעדרייט ביי די רעגירונג אז איך זאל ווערן אן אמעריקאנער בירגער, און ניטאמאל האט דער ריכטער אנגעקוקט דעם פאלדער, ער וויל ווערן אן אמעריקאנער? עקס, און געגאַנגען ווייטער.

דאָס דריטע מאָל, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע קאַמפּיין, מען האט צוזאמען גענומען געלט פון יעדעם איינעם, האט מען געטראכט: נו אפשר וועט עס יעצט אדורך גיין.

ווערט מען געוואויר, אז אין דעם טאג וואס דער משפט איז געווען האט מען אויפגענומען אויף דעם ענין וועגן אימיגרעיש״ן, איבער אריינגעמען פרעמדע מענטשן אין אמעריקא, א רשע ערוץ ממש. נישט אידן נישט גוים, ער לאזט קיינעם נישט אריין אין אַמעריקע. מען איז געווען זיכער אז עס איז דערנאך. נאר מען האט שוין צוזאמען גענומען א מיליאן דאלער פון אידישער קינדער, אפשר וועט עס העלפן.

דערציילט ר' מרדכי יצחק: ״נו, מען קומט אן צום ריכטער, מען האָט געמיינט זיכער אז ער גייט זאגן, אז ניין, אָבער דערווייל גיט דער ריכטער אַ קוק און מאַכט אַ טשעק, ער ווערט אן אמעריקאנער!״

זאגט ער: ״דו גלייבסט שוין?!״ זאגט איך: ״יא״, ״דו גלייבסט נישט, דא שטייט אין דעם צעטל א פסק פון דער ריכטער, אז ביז צען טאג ארום דארף איך שוין אריינגיין אין קעמפ״. מען האט שוין געהאלטן דריי וואכן שפעטער, זאגט ער: ״דו גלייבסט שוין יא? ניין, דו גלייבסט נאכאלץ נישט״ זאגט ער מיר אזוי: ״ווען אונז האבן געמיינט אז איך קען ווערן אן אמעריקאנער בירגער, זאגט דער אויבערשטער: אַנטשולדיגט, דו מיין וואס דו ווילסט, און איך לאז נישט, אבער ווען מען האט געמיינט אז איך וועל נישט ווערן קיין אמעריקאנער בירגער זאגט דער אייבערשטער: איך לאז יא, און ווען מען האט שוין געוואוסט אז איך בין געווארן אן אמעריקאנער בירגער און איך קען ארויסגיין פון דא, זאגט דער אייבערשטער: איין מינוט, כאפ נישט, נאכנישט, דו בלייבסט דא ביז דערווייל, עס שטייט דאך אויפן צעטל? מען קען נישט יעצט״, למעשה איז ער געבליבן דארט ביז ווילאנג מען האט אים באפרייט.

זאגט ער פאר ר' שלום ווייס: ״דו זעסט דאך אליין וואס דא גייט פאר, עס האט נישט קיין שום שייכות מיט אונז, אויב וועל דער אייבערשטער אז מען זאל ארויסגיין, גייט מען ארויס, און אויב ער וויל נישט וועט מען נישט ארויסגיין״.

## אַריין אין תפיסה חוץ לדרך הטבע און אַרויס פון תפיסה חוץ לדרך הטבע

זאגט מיך ר' שלום ווייס, אז טראמפ האט אים געדארפט באפרייען, איז געווענליך דער פרעזידענט קען באפרייען א מענטש, לאמיר זאגן אז דעצעמבער איין און דרייסיג איז זיין לעצטער טאָג. איז איינס אזייגער ביינאכט איז ער שוין אויס פרעזידענט ער קען גארנישט טון מער, ער קען באפרייען א מענטש ביז איינס אזייגער, צוועלעף ניין און פופציג קען נאך, אבער איינס מינוט נאך איינס, אדער אפילו איינס מיט א סקונדע, איז שוין דערנאך.

דארט איז געווען פיר אידן אין אויטעסווי״ל, און מען ארויפגעלייגט פיר אידן אויף די ליסטע אז ער זאל זיי באפרייען, האט מען געזאגט אז עס מאכט נישט קיין סענס צו נעמען פיר אידן אויף איינמאל אין איין טאג, עס איז נישט גוט, האט מען געלאזט נאר צוויי פאר איין טאָג, און ר' שלום איז געבליבן פאַר'ן לעצטן טאָג. דער טאג וואס מען האט זיי געדארפט באפרייען, איז קודם האט מיר ר' שלום ווייס געזאגט א גאנצן צייט: ״רעד דיך נישט איין אז איך וועל ארויסגיין פון דאָ בדרך הטבע״, פרעג איך: ״פארוואס?״

ער איז געזעסן זיבעצן יאר ל״ע, ער האט געספענט צוואנציג מיליאן דאלער אבער נישט פאר קיין לויערס! נאר פאר די לאביאיסטן, די לאביאיסטן, זענען די נאנסטע, זיי זענען די אלע סענעטארן וואס זיי קענען דורכפירן די געזעצן, צוואנציג מיליאן דאלער איז נישט קיין פופציג סענט... צוואנציג מיליאן דאלער פאר די העכסטע מענטשן! אבער גארנישט.

נאר וואס דען? זאָגט ר' שלום אַז ער האָט אנגעהויבן צו טראכטן אזוי: ״פאר מיינע עבירות וואס איך האב געטון קומט פיר יאָר תפיסה, אז איך בין אוועקגעלאפן פון אמעריקא קומט נאך פינף יאר, צי אפשר צען יאָר. אכט הונדערט יאר פאר אזא עבירה? און ער האָט געצאָלט במשך די 17 יאר צוואנציג מיליאן דאלער! איז פשט איז אז דער אייבערשטער וויל נישט״. זאגט


# געווינער פרשת ויקרא:






געווינער זאלן זיך מעלדן אויפ'ן סיסטעם #8

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

ער: "אַז איך בין אריין חוץ לדרך הטבע וועל איך ארויסגיין חוץ לדרך הטבע!".

ווען מען איז געוואויר געווארן אז מען גייט אים פארדאנע"ן (ארויסלאזן), מען האט עס נישט געזאגט ברבים, איז זיין שמחה געווען מורא'דיג גרויס. איך בין געווען אין פלארידע דעמאלטס, ער האט מיך שוין אנגערופן צען אזייגער צופרי, אז איך זאל אים אנגרייטן צוויי דרשות, איינס פאר אונזערע וואלענטירן פון דשעי"ל, און איינס פאר מיין שיעור צו קענען פארציילן די שמחה. און איך האב אזוי געטון.

עלעוו אזייגער... צוועלעוו... איינסער... צווייער... דרייער... פירער... פינפער... איך זאג א גאנצע צייט באלד, באלד... ס'איז שוין געווען צענע ביינאכט, עלעווע ביינאכט, און איך האב שוין נישט געהאט קיין כח, און איך בין געגאנגען שלאפן, איך שטיי אויף פינף אזייגער, און יא, ער איז ארויס!!

איך קאלל צו וויסן פונקליך וואס איז פארגעגאנגען, מען האט געברענגט דעם גאנצן פעקל, איך וויל אז עטס זאלטס פארשטיין, ווען להבדיל עס איז דא א פארהער, איין צעטל צוויי צעטליך, און מען דארף חזר'ן, און ווען דער פרעזידענט דארף איינעם באפרייען איז אזא פאק מיט ביכער... עס דארף אדורך גיין צענדליגער צענדליגער קאמיטעיס, און מען דארף שרייבן פארוואס ער זאל ארויסגיין, פארוואס ער איז בעסער ווי א צווייטן, עס איז דאך טויזנטער מענטשן אין די תפיסה.

אבער די צוויי מענטשן, אַריינגערעכנט ר' שלום ווייס, איז אראפגעפאלן פונעם צעטל. דא רעדט מען יעצט בייטאג, צענער צופרי, און ער קען נאך חתמ'נען ביז איינס אזייגער ביינאכט, און צו מאכן נאכאמאל אזא גאנצע זאך געדויערט חדשים, ער איז געווען צובראכן אויף שברי שברים, און זיי האבן זיך מיישב געווען אז זיי לאזן זיך נישט, מען האט אנגעהויבן צו האקן שטיקער, מען האט איבערגעדרייט די וועלט. צוועלעף ניין און פופציג, איין מינוט פאר איינס איז אנגעקומען די צעטל אז מען זאל אים באפרייען!! דאס טייטש אז דער אייבערשטער האט יעדעם איינעם אונטער זיך.

זאגט מיר ר' נחמי' אזוי: "יעדער קען זאגן וואס ער וויל, איך בין זיך מחזק מיט איין זאך, חוץ לדרך הטבע זיץ איך יעצט דא, און חוץ לדרך הטבע וועל איך ארויסגיין סיי וועלכע מינוט, ס'איז דאך אבער א פארהאקטער טיר, אז מען וועט מתפלל זיין פאר מיר שטענדיג וועל איך ארויסקומען".

## די שווידערליכע 'רייקערס איילענד' תפיסה

וויל איך ענק דא איבערגעבן נאר איין נקודה, ווי ווייט דער מענטש מאכט מיט, מען האט אים געקלאגט פון אלטע מעשיות, און צוואנציג מיליאן דאלער וואס ער דארף באצאלן, האט מען אפגעשמועסט אז מען גייט אים נישט רופן אין קאור"ט אריין, נאר אויפ'ן פלאץ וועלן די לויערס שוין פארהאנדלן. האט דער ריכטער געזאגט: "איך וויל נישט, איך וויל זיי זאלן ארויסקומען קיין מאנהעטן", איז איינגעפירט ביי די פאליציי ביי די תפיסות, אז ער דארף פארן מיטן באס פון זיין תפיסה, ביז רייקער"ס איילענ"ד, און בלייבן דארט א נאכט, און מארגן צופרי וועט ער גיין אין קאור"ט.

ער איז געווען אויפ'ן באס אליינס אין די בעק צוגעבינדן די פיס, צוגעבינדן די הענט, צוגעבינדן דעם גאנצן קערפער צו דעם אנדערן געי"ט פון די וואנט, און איך מיין אז אונזערע געילע באסעס פארן אזויוי א קאוט"ש באס אקעגן יענע באסעס...

מען איז אנגעקומען קיין רייקער"ס איילענ"ד, מען האט אים נישט אראפגענומען פונעם באס, א גאנצע נאַכט איז ער דאָרט געווען, ער האט געשריגן, מען האט געלאכט פון אים, ווען ער איז שוין ענדליך אריינגעקומען אינעווייניג, האָט מען אים איינגעשפארט אין א שטוב, און ער האט שוין געטראכט: "רבונו של עולם, ווען קען איך שוין ארויסגיין פון דא" יא צופרי גייט מען ארויס, מורא'דיג.

ער איז ארויסגעקומען האט מען אים געקייטעלט, און ער האט נישט געוואוסט וואס אונטן גייט פאר, עס זענען געווען זעכציג מענטשן צוגעקייטלט מיט אים אין א צי, און מען קומט אריין, און מען זאגט פאר יעדעם איינעם: "מאכטס א שטוב, און גייט כאפן די בעטן" יעדער איינער כאפט א בעט. און ער כאפט א בעט, און א שחור האט זיך אראפגעזעצט נעבן אים מיט אזעלכע גרויסע טינקעלע האר, און נאר פון קוקן אויף אים קען מען צאמפאלן... איז וואס קען מען טון? האט ער באהאלטענערהייט זיך געגעבן א רוק אריין אין אן אנדערע בעט אז מען זאל אים נישט באמערקן.

פינף מינוט שפעטער, האבן זיך די גוים געשלאגן צווישן זיך ממש אויף טויט, ס'האט זיך געגאסן בלוט פון יעדעם איינעם, איין גוי געפרעגט דעם אנדערן: "האסט זיך שוין געשאוער"ט היינט?" "דו האלסט אז איך שמעק?? כאפסט א פראסק!" און ער האט צוריקגעפראסקעט, און עס איז געווארן א שלעגעריי צווישן די זעכציג מענטשן, אבער ממש אויף טויט.

"איך האב געהאט אזא מין פחד, אז אויב איך וועל שטארבן, איך האב שנעל געקאלט מיין ווייב און קינדער זיך צו געזעגענען, און איך וועל דא שטארבן... וואס קען מען טון, מען קען גארנישט טון", ס'גייט קיינעם גארנישט אן.

נעבעך, נעבעך, יעדער מענטש ווערט געשעדיגט ווען מען קומט אריין אין די תפיסה, ער האט ל"ע ולא עליכם פארלוירן די שמיעה, און ער איז געווארן טויב ל"ע, פון דעם גרויסן שא"ק אז מען גייט אים איינשפארן אויף הונדערט יאר, ער גייט מיט הערינ"ג עיד"ס. און ער האט ארויסגענומען די הערינ"ג עיד"ס און אריינגעלייגט אין טאש, און ער האט זיך געמאכט ווי ער הערט נישט גארנישט, און מען האט אנגעהויבן צו שרייען צו אים אויך, ער ווייסט נישט.

אויפאיינמאל שטעלט זיך אויף און עס קומט צו צו אים איין גוי אויפגערעגט, און עס גיסט זיך פון אים בלוט, און ער בעט אים: "ראבּיי, אי"י ני"ד ע"י בלעסינ"ג" - ער זאל אים בענטשן... ער האט נישט געוואוסט צי ער גייט כאפן א פראסק צי נישט, האט ער אים געגעבן א ברכה. זענען אלע גוים געקומען אין א רייע, און ער האט געגעבן פאר זיי א ברכה. קודם שטארבט מען נישט היינט... עס איז רואיגער געווארן.

ער איז דארט געווען צוויי טעג, נאכדעם האט מען אים געטראגן צו אן אנדערע תפיסה, ווייל מען קען נישט פארן פון רייקע"ס איילענ"ד גלייך ביז אהין, דאס איז אזא אנדערע מדינה, אין מען האט אים געטראגן צו אן אנדערע תפיסה. דארט האט מען נישט געוואלט ברענגען קיין תפילין, און נישט גארנישט פאר אים, ביז ווילאנג זיי האבן מסכים געווען און מען האט אים געברענגט תפילין.

איך בין געקומען צו אים מיטוואך צופרי, און איך קום אריין, און ער קומט ארויס, און ער קוקט מיך אן, פרעג איך אים: "וואס איז היינט נחמי'?" זאגט ער מיר: "גלייב מיר, איך בין אויפגעשטאנען היינט פינעווע צופרי, און איך האב מיך געווארפן אין בעט, און איך זע די שחורים פאר מיינע אויגן, איך האב געמוזט קוקן אפאר מאל צי איך בין נאך אין רייקער"ס איילענ"ד צי איך בין אין מיין בעט".

ער האט געבעטן א גאנצן צייט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, טראג מיך צוריק צו מיין בעט" ער האט נישט גערעדט פון אהיימגיין, ער האט בכלל נישט געבעטן דער אייבערשטער אהיימצוגיין, "לאז מיך ארויס פון דא, לאז מיך גיין צו מיין בעט וואו איך בין געווען פריער", אין אזא מין פחד זיצט מען און מען לעבט א גאנצן צייט דארט.

אונז פרייען זיך, אז ב"ה מ'איז אינדערהיים, יא מען קריגט זיך מיט די געשוויסטער... עס איז דאך א נארמאלער זאך, דער מנהל האט געזאגט אַזוי, האב איך געזאגט אזוי... מיין חבר איז צודרייט, ער האט אויסגעגאסן דאס... אלעס איז פיין. ער האלט ווייט ווייט פון דארט. און מיט דעם לויפט דער מח א גאנצן צייט, מיט'ן גרויסן פחד.

ווען מען קען יא אמאל נעמען אביסל גרעי"פ דשאו"ס צו מאכן קידוש, דאס איז אלעס מיט א גניבה, און מען טאר נישט באמערקן.

## אין תפיסה ווערט מען פאַרוואַנדלט אין אַ 'נומער'

די גאנצע וויזיטן וואס מען גייט צו אים, איז א מורא'דיגע שמחה פאר אים ווען ער איז דארט. ער דארף אראפקומען פון אויבן צו קיין וויזיטן, און מען רופט אויס: "1347 יענער וויזי"ט דיך" עס איז נישט ר' נחמי' וועבערמאן, עס איז א נומבער. וויל איך אז ענק זאלן פארשטיין וואס דאס מיינט.

איך האב עס געהערט יארן צוריק דארט אין אויסטעסווי"ל, אבער איך האב עס נישט פארשטאנען, בין איך געגאנגען פרעגן א פאליס, וואס איז פשט פון דעם, זאגט ער: "פארשטיי" און ער געבט א משל אויף מיך: "דו קומסט דא אהער אריין, דו האסט א קאר, דו האסט א ביזנעס, דו האסט א ווייב מיט קינדער, מען פארט און מען גייט און מען קומט, דו קומסט אהיים ווען דו ווילסט, און דו עסט נאכטמאל ווען דו ווילסט, אבער דו קומסט דא אריין, פארגעס פון דעם! מען שטעלט דיך אריין אין א שטוב, מען טוט דיך אויס אלע דיינע אלטע קליידער, דא האסטו אונזערע קליידער, אונזערע קליידער, אונז זענען דיין בעל הבית יעצט, דו וועסט גיין אין בית הכבוד ווען אונז וועלן דיך לאזן, דו וועסט פיצן די ציין ווען אונז וועלן דיך הייסן, דו וועסט עסן פרישטאג ווען אונז וועלן דיך הייסן, און ארויסגיין אויף דער לופט ווען אונז וועלן דיך הייסן, גארנישט אליין, און דאס געדוירט צייט ביז מען געוואוינט איין דער קאפ דערצו.

עס האט מיך געזאגט איינער וואס איז נישט קיין שומר תורה ומצות גראדע, זאגט ער מיר: "ש'כח פאַר'ן קומען מיך וויזיטן, ווייל דאס ווייזט אז איך בין א יומע"ן ביאינ"ג" - איך בין א מענטש, פרעג איך אים: "וואס הייסט" זאגט ער מיר: "מען זאגט פאר יעדעם איינעם וואס קומט אריין: דו ביסט נאמבער 1347, און דו ביסט דער און דער זינדיגער מענטש, און דאס איז דיין מהות פון א מענטש, דו ביסט נישט מער! מען צוברעכט זיי יעדן טאג. קומט א איד, א שומר תורה ומצות, מיט פיאות, מיט א טלית קטן, און ער קומט דאוונען מיט מיר, איך בין נישט קיין כלב, איך בין א מענטש!"

"דו וועסט קיינמאל נישט פארשטיין וואס איך רעד" זאגט ער מיר, "ביז ווילאנג עטס זענטס דא אין די תפיסה, און עטס קומטס באזוכן, דער זמן איז פדיון שבוים". ער קען נישט טראכן אז ער אין תפיסה, ווייל איך רעד מיט אים, מען קען דאך נישט רעדן סתם ווי א נאר, מען רעדט און מען פרעגט א קשיא, און מען ענטפערט און מען שמועסט, דאס איז פדיון שבוים!

## דאָס מסירת נפש פאָר אַנדערע אידן

אפאר חדשים צוריק זאגט מיר ר' נחמי', איך גיי צו אים יעדער מיטוואך, זאגט מיר ר' נחמי': "קום נישט מער צו מיר".

וואס איז? "עס איז דא זיבן שומרי תורה ומצות, און זיי האבן נישט קיינעם ווער עס זאל קומען צו זיי, מען קומט זיי גראדע באזוכן, אבער זיי ווילן אז איינער זאל זיי אביסל מער מחזק זיין, און דער אייבערשטער האט דיך געגעבן די מתנה, אז דו קענסט מאכן אביסל לעבעדיג, און אין דעם זכות וואס דו וועסט גיין מאכן דעם פדיון שבוים פאר זיי דא, וועט מיך דער אייבערשטער געבן די מצוה".

## די סדר פון אַ באַזוך אין תפיסה

ווען ער קומט ארויס פון אויבן, ער קען נישט גיין וואו ער וויל, ער דארף בלייבן שטיין ביי די טיר, עס איז דא בא"ס, דער פאליס הייסט א 'בא"ס', ער נעמט צוזאמען אלע וויזיטערס, אלע צוזאמען, און מען גייט אראפ אונטן ביז די שטיגן. און נאכדעם גייט מען יעדן איינעם אויסטאפן פון אויבן ביז אונטן.

און מען קומט שוין ארויס, מען האט אפגעשמועסט און אפגערעדט און ער גייט צוריק יעצט, די זעלבע זאך, דאס געדויערט א שעה אויף ארויס און א שעה אויף אריין, ווילאנג מען קומט צוריק אריין צו זיך אין שטוב אריין, פילט מען זיך טאקע ממש ווי א שמאטע, ווי א הונט, א קאץ, מען דארף נישט גארנישט.

ר' נחמי' זאָגט מיר: "איך קום אריין אין שטוב אריין, איך זעץ זיך אראפ, די טיר מאכט זיך צו, איך נעם א גמרא, איך קען נישט, אברהם יושע איז דא געווען יעצט ביי מיר, ער גייט אהיים יעצט, ער גייט זיך זעצן אין בית המדרש, און

וואס גיי איך טון יעצט? ביז מארגן צופרי זיבן דרייסיג גיי איך רעדן, צו וועם? צו די וואנט". עס איז אזא מין צער, ער קען נישט לערנען ער שלאפט איין. יעדן טאג, ער שלאפט איין און נאכדעם געבט ער זיך א וועק אויף מיט א שמחה, ער זעצט זיך לערנען פאר צוויי שעה, און דאס איז אים משמח.

## די תורה הק' איז די איינציגע נחמה פאר אַ איד

עס איז געקומען צו אים א יונגערמאן פון וויליאמסבורג, וואס דער יונגערמאן נעבעך האט פארלוירן דאס ווייב ל"ע, און ער האט א קראנקע קינד, און ער זאגט אים: "ר' נחמי', איך הער אז איר קענט מיר געבן חיזוק" זאגט ער אים: "קוק יונגערמאן, מיין ווייב לעבט, און מיינע קינדער זענען געזונט, דו קענסט מיך מחזק זיין אז איך בין דא אין תפיסה? דו קענסט מיך נישט מחזק זיין, ווייל דו ווייסט נישט וואס דאס מיינט אפילו, אבער איין זאך וואס איך קען דיך יא זאָגן:

"איך וועל דיך זאגן וואס דא גייט פאר דא אין דעם דשעי"ל, דא זענען זיך מחזק די גוים, מען קוקט דארטן טעלעוויזש"ן, מען האט פא"ן און מען לאכט, עס טוט זיך, אויף פופצן מינוט! נאך פופצן מינוט שעלט מען פונקט אזויווי פאר דעם. איז וואס טו איך? איך נעם די גמרא, איך פאל אריין אין די גמרא אריין, איינס נאך איינס".

זאגט ער מיר, אז פאר אפאר וואכן צוריק, האָט אים איינער געזאָגט: "ר' נחמי', נו, לאז שוין אפ, דו גייסט דא שטארבן, דו ביסט א פארשימעלטע מענטש, דו וועסט קיינמאל נישט פון דא ארויסגיין" האָט ר' נחמי' אים געענטפערט: "אונז האבן א באַשעפער! איך זע דאך אז דו גלייבסט דאך אין גארנישט איז האבן מיר נישט וואס צו רעדן".

ווען ר' נחמי' האָט דאָס פאַרציילט פאר מיך האָט ער זיך אויסגעדרוקט: "איך בין געווארן אזוי בשמחה דערנאך, איך גלייב אינעם אייבערשטן! איך האב א באשעפער!" און ער האָט זיך געזעצט געלערנט ביז צוויי דרייסיג ביינאכט גמרא תוס' נאכאנאנד מיט אזא מין שמחה.

האט ער געזאגט פאר דעם יונגערמאן וואס איז געקומען נעמען חיזוק: קוק אהער, טאמער וועסטו לערנען גמרא וועט עס דיך משמח זיין, דיין ווייב וועט לעבעדיג ווערן? ניין, דיין קינד גייט געזונט ווערן? קען זיין, אבער דו גייסט בלייבן א נארמאלער מענטש. איך קען ספה"ק ליקוטי אמרים תניא אויסענווייניג, בפרט פרק י"א אין ליקוטי אמרים, דער מאמר וואָס הייסט 'להשכילך בינה' און דארט שטייט וואס א מענטש דארף צו וויסן אין לעבן, אז ווען ער האט קינדער דאס געבט דער אייבערשטער, ווען א מענטש האט א צער דאס געבט דער אייבערשטער, עס איז נישט קיין צער, ווייל דער אייבערשטער געבט דאָס.

אז מען גלייבט איז מען א איד, און מען זעט קלאר אז דער אייבערשטער מאכט אז איך זאל קענען בייגן מיט די פינגער, און גיין און קומען וואו איך דארף, איז ווייל עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און ער וועט מיך אויך ארויסנעמען פון דא. מיט דעם קאכט ער זיך א גאנצן צייט.

## אַ סוכות אין תפיסה

איך וויל נאר אז מען זאל פארשטיין וואו אונז זענען דא, דער חילוק פון א מענטש וואס ער זיצט פינף און פערציג מינוט אוועק פון דא, און אונז זיצן ב"ה יעדער איינער צוזאמען. ווילאנג געדויערט צו שאקלען לולב סוכות צופרי פארן דאווענען? פינף מינוט? און ווילאנג געדויערט דאָס דאַווענען? עסן ווילאנג געדויערט ? אין תפיסה באַקומט מען פאר די אַלע זאַכן צוזאַמען בלויז פינף און פערציג מינוט!

ר' נחמי' זאָגט מיר, אז עס איז געווען נאך א יונגערמאן נעבן אים, און ער האט געוואלט שאקלן פיר מאל אויף צפון... זאגט ער אים: "יונגערמאן אונז האבן פינף און פערציג מינוט, נאך פינף און פערציג מינוט קענסטו זאגן וואס דו ווילסט, אבער מען דארף ארויסגיין פון דאָ". אזא מין צמצום פון דער מח פון א מענטש וואס זיצט נעבעך אין תפיסה.

## אַ קאַווע נאר איינמאָל אַ וואָך!

עס איז דא, איך האב מיך אביסל געפארעט דערמיט, בין איך אליין געווארן אביסל צומישט דערפון, מען טרינקט דא קאווע פאַר'ן דאווענען די עולם? ער האט נאך קיין קאווע נישט געטרינקן פארן דאווענען זייט ער זיצט דארט! ווייל עס איז נישט קיין חלב ישראל!

איינמאל א וואך איז דא חלב ישראל, דאס איז ווען דער רב קומט פארלערנען טרינקט מען קאווע אינעווייניג, דעמאלטס געבט מען מילך, און מען קען דאס טרינקן, אבער חוץ מזה איז גארנישט, אין דעם מין צמצום הנפש לעבט ער.

אויף שבת קען מען שיקן פעקלעך דארטן, פינף און דרייסיג פונט קען מען שיקן איינמאל א חודש, צוטיילט אין דריי, מען באקומט א פעקל מיט פארשידענע זאכן, אויף יום טוב קען מען שיקן ממש קליינינקייט.

מען האט דאך גוים חברים נעבן זיך, איז ממילא געבט מען זיי א פיינע מיניטשער, און מען גייט זיי אזא שוואוילטאָג, און מיט דעם גייט א גאנצן טאג דער מח פון א מענטש. זיין גרעסטע שמחה וואס ער האט שטענדיג איז, אז מען שטערט אים נישט, און ער קען דאווענען און ער קען לערנען.

## אַ סדר נאַכט מיט גוים

ווי געשמאק עס איז נעבעך ווען מען איז אליין אויף פסח דארט אין דשעיל און נישט אינדערהיים, האבן זיי געגעבן דארטן אזא שטוב פאר צוואנציג מענטשן, וואס עס פיטן אריין צוועלעף מענטשן אין דעם, מען האט זיך געבעטן ברחמים, אז מען האט נישט קיין עירקאנדיש"ן און מען האט נישט גארנישט, אזוי האט מען געמאכט דעם סדר, וואס האט מען געקענט טון.

די אלע וואס זיי זאגן אז זיי זענען אידן און זיי ווילן אריינקומען, מאכן א חורבן, מען עסט זיך אן מיט טריפות, זיי ברענגען אריין טריפה'נע פלייש. ביים סדר מאך דעם זעלבן חשבון, דאָ עסט מען מצה, און דארט זיצט דער גוי נעבן אים, און ער האָט זיין סענדוויטש דארטן, און ער עסט זיך אן מיט די טריפה'נע פלייש, מיט חמץ.

## די האַרצרייסנדע תקיעת שופר דרשה

מען קומט אריין ראש השנה צופרי אין דעם שטובל דארט, און מען האט געזאגט אז מען גייט נאר זאגן אביסל די פיוטים, אפשר 'יראתי בפצותי', מיט דעם פאר שטיקלעך, לאמיר גיין צו תקיעת שופר.

נו, מען אפגעדאווגט די פזמונים, און מען גייט שופר בלאזן, האבן זיי אפגעשמועסט אז מען שטעלט זיך צוזאמען די אלע אידן נעבן אים און אזוי וועט מען בלאזן שופר, ער הייבט זיך אן צוצוגרייטן צו זאגן א דרשה פאר תקיעת שופר, און מען הייבט למנצח, און מען האלט שוין ביי מאד נעלה, הייבט אן איינער שרייען נעבן אים: "ראביי, איך וויל זאגן א ווארט", זאגט ער אים, אז נישט יעצט, יעצט וועט מען בלאזן דער שופר און נאכן שופר וועט מען זאגן, אבער ער וויל יעצט זאגן, וואס איז? ער האט א מתנה, "אקעי, וועסט געבן שפעטער" ניין, ער וויל יעצט געבן דעם פרעזענט, אקעי, ער געבט אים א בעג און ער לייגט עס אראפ אונטן, זאגט ער, ניין, דער ראביי דארף עס עפענען, ער איז אים מסביר אז מען האלט יעצט פאר תקיעת שופר, אבער ס'גייט אים גארנישט אן.

ער עפענט עס אויף, און ער האט אים געקויפט א גוי'אישער אונטער הויז... א האלבע הויזן... "אָה, דו וועסט עס זייער עפרישיעטן, פארוואס? ווייל דו גייסט מיט לאנגע הויזן א גאנצן צייט, און איך שטעל מיך פאר אז דו האסט נישט קיין געלט נעבעך.. איז קענסטו נישט זיין גלייך מיט אונז, ממילא זאלסטו זיך אנטון געהעריג..." זאגט ער מיר: "וואס זאל איך אים זאגן? אָה אַה... יא"ו הע"וו נא"ו איידי"ע וואס פאר א שמחה איך האב,


קאמפיין ספאנסארס:

PRO DECKS
845.352.DECK

MEN'S CORNER
845.782.6756

QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733

פלייש

MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190

נר שעה
לייב גליק

Peppermint
supermarket
mintleaf
Kosher Market

CarSafe
845.512.5555

צדקת העני

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

איך האב זיך באדאנקט ביז צום הימל..." און יעצט הייבט מען אן למנצח.

ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, רבונו של עולם, דאס וויל דער באשעפער יעצט, אז דאס זאל זיין די פרעזענט פון פאר תקיעת שופר, פיין.

ער איז געווארן אבער זייער צובראכן ביי זיך, ווייל א מענטש איז נאר א מענטש נאך אלע מעשיות. און ער האט אנגעהויבן נאכאמאל למנצח און ער האט זיך אזוי צופלאקערט, און ער האט געזאגט פאר די חברה דארטן: "וואו זענען אונז דא יעצט? אין דשעי"ל? אין א לאק"ט ראו"ם? פארוואס זענען אונז דא? דער האט גע'גנב'ט און דער דאס, פיין, און וואס גייט מען יעצט טון? בלאזן שופר, וואס הייסט מען גייט בלאזן שופר?" און עס איז געבליבן שטיל.

האט ער געזאגט פאר זיי אזוי: "הערטס מיך גוט אויס, אין דעם שטוב איז דער באשעפער, ער איז דא מיט אונז א גאנצן צייט, ער גייט הערן אונזער שופר בלאזן, דא אין דעם שטוב גייט מען טון די מצוה!" און ער האט זיך אזוי מין צופייערט, און ער איז געגאנגען מאכן די ברכה פון תקיעת שופר. און אין אזא מין וועג לעבט ער אהער און אהין.

## דאָס גרויסע כח פון גיין נאָך געלט פון איין עק שטאט צום אַנדערן

איך וויל דא פארלערנען א שטיקל 'טיב לבב' פאר מען גייט צום ענין וואס איך וויל צוקומען, דער רבי זי"ע ברענגט אויף פורים, ברענגט דער רבי אזוי: אז ווען משיח וועט קומען וועט זיין אזא מין גרויסער אור, אז עס וועט נתגלה ווערן די קדושה פון דעם אייבערשטן, וויאזוי? ווייל אז מען וועט זיך מוטשענען אין דעם וועלט דא, אז דו וועסט דינען דעם אייבערשטן וועט מען אנקומען צו דעם אז מען וועט דינען דעם אייבערשטן. און אז א איד גייט, און ער איז זיך מוסר נפש פארן אייבערשטן, האט דאס דער אייבערשטער ארויס געהעריג וויאזוי מען דארף.

איז וויל איך צוקומען צו עפעס א געוויסער ענין דא, ווען אונז גייען דא נאך געלט, און מען איז אינדערהיים, און מען פרייט זיך מיטן פורים זייער שטארק, אלעס איז פיין און וואויל, איז עס א מורא'דיגע שמחה ביי יעדן איינעם, ווען עטס גייטס פון איין עק שטאט ביז די אנדערע עק שטאט, וואס מיינט דאס אין הימל?

איך וועל ענק זאגן וואס ס'מיינט, עס איז נישט מיין ווארט, איך בין נישט אין הימל, ב"ה איך בין דא אונטן אויף דער ערד... און וועל ענק זאגן וואס דאס מיינט, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע ועל כל ישראל האט געזאגט: ווען א מענטש גייט צוזאם נעמען געלט, מארבע פינות העיר, פון איין עק שטאק ביז דער אנדערער עק שטאט, איז 'יתכפר לו על עון ארבע מיתות בי"ד רח"ל', מען האט אזא מין כח אז ער באקומט א כפרה מן השמים פאר די ארבע מיתות בי"ד! אזא מין שטארקייט האט ווען מען גייט נאך געלט, און מען גייט זיך מוטשענען אין אלע זייטן, אז מען קען דאס טון.

און עטס גייטס נאך געלט פורים, און מען שלעפט זיך פון איין עק שטאט ביזן אנדערן עק שטאט, האט עס אזא מין גרויסן כח, אז עס איז מתכפר מיתות בי"ד.

## נישט געווען ביי דער חתונה פון דאָס יונגסטע קינד

איך וויל ענק בעטן א טובה, דער איד ר' נחמי' האט חתונה געמאכט פאריגע וואך זיין יונגסטער קינד, א וואך פאר די חתונה איז די טאכטער געקומען נעמען די ברכה פון דעם טאטן, האט זי אזאנס געוויינט, "איך בין אלט געווען צען יאר ווען מען האט דיך איינגעשפארט אין תפיסה, איך האב געהאפט אז איך וועל דערלעבן אז דו וועסט מיך אונטער די חופה פירן, און איך קען דאס אויך נישט", און ביידע האט זיך צוואויינט ביידע צוזאמען, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס מען קען טון.

דאָס נייע פּאָרפּאָלק איז געקומען נעכטן אהין, און דער טאטע האט זיך מורא'דיג געפרייט, זאגט ער מיך היינט, איך פריי מיך זייער, אבער איך האב נישט געקענט מיטהאלטן די שמחה, עס איז דאך א מורא'דיגע צער דאס.

זאגט ער מיר אזוי: "למעשה קוקט אויס אז מען מוז האבן עפעס א מורא'דיגע מסירת נפש צו מיך קענען ארויסשלעפן פון דא, און איך בין מאמין אז מיט א מסירת נפש וואס מען גייט מאכן וועט דאס פאסירן!"

## לאָמיר נעמען אַ מסירת נפש לזכותו

וויל איך ענק בעטן, צי עטס קענטס באשטיין, צו נעמען די מצוה מיט מסירת נפש, וואס מען גייט פון איין עק שטאט ביז די אנדערע עק שטאט, ארבע פינות העולם, מען גייט פון איין עק שטאט ביז די אנדערע עק שטאט, מיט א מסירת נפש צופיס, און מען איז משמח אידישער קינדער, זאל מען עס אוועקגעבן לזכות נחמי' צבי בן דינה.

איך לייג צו צו דעם, מען האט געמאכט א צעטל, יעדער וועט זיך אויפשרייבן דעם נאמען, מיט די מאמע'ס נאמען, און ער גייט מתפלל זיין פאר ענק תענית אסתר און פורים. איך האב אים געזאגט אז איך האב געמאכט א צעטל, זאגט ער: "ניין, איך וועל מתפלל זיין פאר זייערע עלטערן, פאר זייערע געשוויסטער, אז קיינער זאל נישט אנקומען וואו איך זיץ יעצט, און אלע זאלן האבן א שמחת החיים כל ימי חייהם".

און איך וועל צולייגן מצידי א ווארט, איך וועל מאכן א קאפי פון דעם, און ווען איך פאר, מען גייט אודאי נישט דארפן פארן ווייל משיח וועט קומען תיכף ומיד, און איך וועל פארן אויף צאנז צום הייליגן רב'ס יארצייט, וועל איך דאס מיטנעמען און אריינלייגן ביים ציון.

טאמער קענט עטס באשטיין דאס צו טון, ווייל איך בעטן אז די עולם זאל אונטערשרייבן, מען קען באשטיין? (כל הבחורים צועקים: יאָ!) יעדער איז מסכים.

## די חיזוק פון די טייערע בחורים פאר ר' נחמי'

איך וועל ענדיגן מיט א תורה וואס ר' נחמי' האט געזאגט, ער האט געזאגט א מורא'דיגע ווארט, איך בין נאך צורידערט פון דעם, ווייל איך האב אים פארציילט וואס דא גייט פאר, אז איך גייט דאס טון, און ער האט זיך צוואויינט, און ער האט מיר געזאגט: **"מיט דעם חיזוק אז בחורים וועלן מסכים זיין אוועקצוגעבן זייערע מצוה פון מסירת נפש פאר מיר, בין איך זיכער אז איך וועל ארויסגיין, נישט פורים, נאר היינט אויף דערנאכטז!".**

האט ער מיך געזאגט אזוי, אז וואס איז געשען פורים, מען איז געקומען, מען האט איינגעשפארט אלע קינדערליך און מען האט זיי געזאגט אז מען גייט זיי אויס'הרג'נען חלילה, מרדכי הצדיק איז אריינגעקומען, און ער פרעגט וואס לערנט מען דא? איז געקומען המן, און מען האט אים געזאגט אז מען לערנט הלכות קמיצה, עס קומט דאך באלד פסח, וואס איז קמיצה? אז מען נעמט א מלא חפניו און מען מאכט אזוי.

זאגט ר' נחמי', אז עס ווערט געברענגט, אז מרדכי הצדיק האט געזאגט מען דארף זיין אלע צוזאמען, מען האט צוזאמען גענומען די אלע טויזנטער קינדער אינאיינעם אז מען גייט זיי אלע הרג'נען לשם שמים, פארן אייבערשטנס וועגן, האט מרדכי הצדיק זיי געזאגט: "ניין, אונז האבן גע'פועל'ט ביים רבונו של עולם אז מען גייט נישט הרג'נען". און מען גערעדט מיט יעדעם איינעם, אז קמיצה גייט אזוי, פון אויבן פון אונטן, און דאס בלייבט איינגעשפארט, אז אידן האלטן זיך צוזאמען, און מען האט אינזינען דעם גאנצן כלל אינאיינעם, דאס איז קמיצה, און אזוי קען מען ארויסגיין פון גלות!

האט ער געזאגט: "גלייב מיר אברהם יושע, איך גלייב מער גארנישט אז מען קען פאר מיר עפעס טון בדרך הטבע, באמת, וואס נאך, עס שטייט 'ישלח עזרך מקודש' ", און ער האט אזוי געוויינט: "אז די טייערע בחורים פון 'קודש', וועלן נעמען זייערע זכות און אוועקגעבן פאר מיר די מסירת נפש, דעמאלטס וועל איך ארויסקומען, 'ישלח' דער אייבערשטער וועט מיך ארויסשיקן פון דא, 'מקודש' אין דעם זכות".

## ר' נחמי' וועט מתפלל זיין יעדן טאָג פאר די בחורים

נאכדעם האט ער מיר געזאגט, אז איך זאל זאגן פאר די בחורים, פאר די וואס נעמען זיך אונטער די קבלה, אז ער וועט נישט מתפלל זיין נאר תענית אסתר און פורים, "איך וועל דאס האלטן ביי מיר, און איך וועל מתפלל יעדן טאג אויף די בחורים, אז זיי זאלן קיינמאל גארנישט האבן קיין עגמת נפש, און אין זייערע שטיבער זאל אייביג זיין נאר שמחות".

איז מען וועט ארום טיילן די צעטלעך, און נאָכדעם, אי"ה נעקסטע וואך, וויל איך אריינגיין צום רבי'ן זאל זיין געזונט, און אים ווייזן וואס דא האט זיך אפגעטון, איך קען נישט אפילו אליינס גלייבן אז אזא זאך קען אפילו פאסירן.

## דער זכות גייט פארביידע גלייך

אין אור החיים הקדוש שטייט, עטס דארפטס דאס וויסן, מען מיינט אַז ביי יששכר זבולן אויב איך האלט דיך אויס, ממילא געבסטו מיר דיין תורה, זאגט ער, אז ניין, דער וואס ער לערנט די תורה דער האט די מצוה אליין, פון די גאנצע תורה לערנען, און די זעלבע מצוה געבט מען פאר אים אויך.

ענקער מצוה גייט שפאלטן דעם הימל, וואס גייט דא פאר היינט, דער אויבערשטער ווייסט דאך יא, און מען גייט מיט א מסירת נפש, און מען געבט אוועק די מסירות נפש פאַר אַן איינגעשפארטע איד, איז עס בוקע רקיעים, און דאס איז פונקט וואס האט געברענגט אזא שמחה, און א נס מן השמים בימי מרדכי ואסתר, גייט דאס טון די זעלבע זאך.

און איך וועל ענק געבן א ברכה פון מיר אליין, 'אל תהיה ברכה קלה בעיניך', השי"ת זאל ענק העלפן דעם צער וואס איך זע ביי דעם איד, זאלטס עטס קיינמאל נישט האבן, און קיינמאל נישט וויסן, מען זאל זען ענק אלעמען אויף שמחות, און מען זאל זיין צופרידן און הנאה האבן וואס מען האָט. ווייל 'וואס מען האט נישט' וויל נישט דער אייבערשטער אז מען זאל האבן.

און מען זאל גיין מיט אלע צוגעהערן וואס מען דארף צום פרייליכן יום טוב פורים, און קענען משמח זיין דעם רבונו של עולם מיט די געוואלדיגע שמחה.

## מ'גייט איבערגעבן די נעמען פאר ר' נחמי'

איך וועל ענק פארציילן א סוד, איך האב דא פון די אנדערע סניף אין ישיבה קטנה, איך האב עס געלאזט אין די קאר, האב איך אינטערגעשריבן איבער הונדערט בחורים פאר דעם קאמפיין, נישט קיין געלט קאַמפּיין. נאר אַ קאַמפּיין פון זכותים. איך גיי עס אים היינט ארייַנשיקן די גאנצע, סיי אין פאסט און סיי אין אימעיל, ווייל אמאל קען מען אויפהאלטן די פאסט פאר א וואך צוויי.

עטס קענטס ענק נישט פארשטעלן, איך קען עס נישט איבערגעבן, ער איז געווארן אזוי געשאַק"ט אין דער רגע, ער קען נישט גלייבן אז דאס גייט פאסירן, אז איך גיי אים היינט שיקן אן אימעיל מיט דעם, ער זאל זען אז מען האט עס געמאכט, מיר האלטן ביי צוויי הונדערט בחורים וואס זיי גייען איינרייסן הימלען, מען האט נישט קיין אנונג.

## אַ נייע ניגון לכבוד פורים

איך וויל זינגען מיט ענק א נייע ניגון וואס איך האב געמאכט, מען זאל עס נוצן פורים.

א איד האט געמאכט א נסיעה, א קליינע נסיעה, ער איז געהאלפן געווארן פון יענע מעשה ל"ע, צו הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע, האב איך געמאכט א ניגון, און די ניגון וועל איך יעצט זינגען מיט ענק, און מען קען עס זינגען פורים להודאה לשם.

דער ניגון, איז אויף די ניגון פון 'הגלה נא', מען וועט זינגען קודם די ניגון איינמאל און נאכדעם וועל איך זאגן די ווערטער.

## גראמען אויף הגלה נא

מיר טוען לויבן

דעם פון אויבן

פאר די חסדים וואס דו טוסטו מיר מיר

יעדער רגע אן א שיעור



**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
7.5 room apartment on top floor with attic ready to move in



**FOR SALE**

**3 Satmar Drive**
Center of Kiryas Joel opportunity 2100 sq. ft. spacious apartment on the second floor on Satmar Drive



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area** 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income.



**SOLD**

**Schinas Veyoel Moshe**
7 room apartment available on the 1st 2nd 3rd and 4th floor ready to move in

**FOR SALE**

- 5 room walk in apartment on Stropkov Ct. tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in Section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg Ct. tenant occupied
- 5 ½ room apartment on Lemberg top floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room on Buchanan Ct. top floor big down required
- 7 room plus finished basement in SVM
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment in Atzia Temurim walk in private entrance
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- One bedroom apt on Quickway Rd.
- One room apartment on Quickway Rd. good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk in in SVM
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 and 8 room apartment on Forest Rd. first floor
- 7 room apartment in SVM 1th and 2nd private entrance
- 7 room Apartment in SVM third floor
- 7.5 room apartment in SVM 4th floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 3rd floor
- 7&8 room apartment first floor forest/acres
- 3000 sq. ft. Retail space on the 17-M
- Private offices available in Atzia Temurim
- Large private office on Mountain View
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq. ft. office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט
יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק

גיענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי

# וואס איז די שמחה פון פורים?

## ווי אזוי דערקענט מען א חילוק צווישן שמחה און הוללות?

### שאלה:

**וואס איז די ריכטיגע וועג צו פראווען דעם הייליגן פורים הבא עלינו לטובה? צי דארף מען זיין ערנסט, פרייליך אדער גאר שיכור, משוגע און צודרייט? די צולאזטע שיכרות מאכט דען פרייליך א נארמאלן מענטש?**

**ביטע געבן דעם ריכטיגן בליק אויף די הייליגע טעג וואס קומען.**

**א גרויסן יישר כח.**

### תשובה:

דער חתם סופר (פ' זכור תקנד קפ"ה ע"ג) שרייבט גאר פייער'דיגע ווערטער "די גאנצע שמחת פורים איז פארטונקלט געווארן. זאל נאר יעדער איד מאכן א חשבון, ווער איז דען א ריכטיגער ירא שמים וואס פריידט זיך פורים לשם שמים? אנשטאט דעם באשעפטיגט מען זיך מיט הוללות און נארישקייטן, מ'מאכט פון דעם עיקר א טפל, מ'זינדיגט און מ'מאכט אנדערע זינדיגן מיט דעם וואס מ'טרינקט זיך אן מיט ווייז, זיי האבן נישט קיין אהנונג פארוואס מ'האט באשטימט דעם יום טוב פורים. יא מ'ליינט טאקע די מגילה ברבים, אבער נאר ווי עפעס א מעשה וואס איז געשען. דער עיקר האט מען אינזין אדורך צו שטופן דעם פורים מיט ליצנות און זיך פרייליך מאכן. דעריבער מוז מען מאכן א הכנה א טאג אדער צוויי פאר פורים, אויסצושמועסן די חסדי ה' און אויף וואס מיר פרייען זיך כדי מ'זאל האבן א אנגעגרייטע הארץ צו הערן די מגילה נישט ווי סתם א מעשה" עכלה"ק. (הקורא את המגילה למפרע לא יצא.) זעט מען פון דעם אז די שמחה פון פורים איז א פנימיות'דיגע רוחניות'דיגע שמחה, נישט דאס וואס רופט זיך שמחה לויטן גשמיות'דיגן באגריף.

רבינו הקדוש אין דברי יואל (פורים ע' תצו) זאגט "נאך פורים דארף יעדער זיך פארצייכענען אויף א פאפיר, ווי אזוי ס'איז אדורך אויף אים דער פורים, אויב אלעס איז געווען ווי ס'דארף צו זיין" עכדה"ק. דאס מיינט אז מ'דארף מאכן א חשבון הנפש אויב די שמחה איז געווען אויף דעם ריכטיגן אופן וואס די תורה פארלאנגט.

אלע ספרים שרייבן אז פורים איז גאר א געהויבענע טאג, ס'איז אזוי ווי יום כיפור (תיקו"ז תיקון כא, נז:), ס'איז א טאג פון קבלת התורה, און נאך מער ווי מתן תורה ווייל ס'איז הדר קבלוהו מאהבה (תפארת שלמה לפורים ד"ה בגמ' דט"ז), און מ'קען זיך דעמאלט אויסבעטן ביי השי"ת אין א בחינה פון כל הפושט יד נותנים לו. חז"ל זאגן (אסתר רבה ג, י זח"ג קט.) אז 'המלך' אין די מגילה מיינט השי"ת. דער פסוק זאגט ביי די משתה היין פון פורים 'מה שאלתך וינתך לך ומה בקשתך ותעש' - אן עת רצון אויסצופועל'ן רוחניות און גשמיות. כאטש מ'האלט ביי א מצב פון ואני לא נקראתי לבא אל המלך זה שלשים יום, מ'הערט נישט צו די תפלות, אבער פורים איז כל הפושט יד נותנים לו, און אפילו מ'קומט אריין אן קיין רשות שטרעקט דער מלך אויס דעם שרביט הזהב און מ'ווערט פאר אים אנגענומען. געוואלדיג, געוואלדיג! מורא'דיג, מורא'דיג!

דער הייליגער רמב"ם (סוף מנין המצות שבהקדמת ספר הי"ד משנה תורה) שרייבט קורצע אבער וויכטיגע ווערטער: "דער תכלית פון קריאת המגילה אין פורים איז אונז צו לערנען אז השי"ת איז נאענט צו אידן און וועגן דעם האט ער אנגענומען די תפלות." עיי"ש. מיין שווער דער מאנטעווידעא רב זצ"ל (בנין אברהם ח"ב ע' תט) פלעגט זאגן אויף די גמרא (מגילה ג.) אז קיין שום זאך שטופט נישט אוועק דאס מגילה ליינען נאר א מת מצוה, און ווי איז נאך דא אזא מת מצוה ווי דאס דאווענען פורים, בפרט מנחה און מעריב מוצאי פורים, ווי דער ספר חסידים (רס"א) זאגט אז א מצוה וואס איז נאכגעלאזט ווערט גערופן א מת מצוה.

**אזוי ווי די פארגאנגענע וואך איז בטעות געדרוקט געווארן די נישט ריכטיגע תשובה אין דעם קאלום לייגן מיר עס דא איבער אזוי ווי עס איז נאך אקטועל. לייענט און האט הנאה:**

אלע אוצרות פון המן זענען געווען אויסגעקריצט אויף זיין הארץ (מגילה טו:) דאס מיינט אז דער עיקר כח פון המן איז אוועקצונעמען דאס הארץ פונעם מענטש אז ער זאל נישט משים לב זיין אויף וואס ער טוט, און דאס דארף מען מתקן זיין פורים, מיט דעם מעקט מען אויס די טומאה און קליפה פון המן, און אנהייבן צו לעבן מיט חשבון מיט עול מלכות שמים, מיט אויסגערעכנטקייט, נישט ווי ביי עמלק וואס ס'שטייט אשר 'קרך' בדרך ער האט אפגעקילט עבודת ה', מ'קען דאס טון טרוקן און קאלט, ער טענה'ט וואס פארפירסטו ס'איז גוט ווי אזוי ס'איז, (ווי די היינטיגע שפראך 'וואטעווע"ר, האו קער"ס, קיפ קאל'), אבער דער פאקט איז אז מ'קען נישט זיין טרוקן און קאלט, ווייל יעדער מענטש איז באשאפן געווארן מיט הייסע געפילן און ער מוז ערגעץ אויסגעבן זיינע ווארימע עמאציאנאלע געפילן.

אויב נישט ביי מצוות תורה ועבודה וועט דאס אויסגיין אויף נישט גוטע פלעצער ווי רח"ל עמלק האט געטון, פון איין זייט טייטשט 'אשר קרך' ער האט דיר אפגעקילט, פון די צווייטע זייט ווייזט 'אשר קרך' אויף א ענין פון טומאה, (מלשון קרי, ווי רש"י זאגט אויף ויזנב בך כל הנחשלים אחריך, זרק מילות כלפי מעלה), דאס גייט צוזאמען, ער קילט אפ אין רוחניות כדי צו קענען אנווארימען צו טומאה.

> **ווי איז נאך דא אזא מת מצוה ווי דאס דאווענען פורים...**

די סגולה פון תשובה אין פורים איז שטארקער ווי א גאנץ יאר ווייל ס'קען צושטערן אפילו אזא גזירה וואס איז שוין פארזיגלט געווארן דורכן קעניג, אזוי ווי ס'איז געווען בימים ההם, [אזוי אויך] בזמן הזה. אויף אזוי ווייט אז נישט נאר ס'זאל בטל ווערן די גזירה נאר ס'זאל זיין ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם, איבערדרייען אויך דעם יצה"ר צום גוטן. אויב אזוי איז דאך א מורא'דיגע שאדן צו פארפאטשקען די הייליגקייט פון דעם טאג מיט נארישקייטן וואס ברענגען נישט קיין שום נוצן. נישט פארגעסן אז ס'איז דא א בפירוש'ע הבטחה אז והימים האלה לא יעברו מתוך היהודים בכל דור ודור וזכרם לא יסוף מזרעם, און אפילו מיר שפירן נישט אבער נאך אלץ גלייבן מיר אז ס'איז פונקט אזוי, ווי דער תניא זאגט (פמ"ו) אויפן פסוק 'ואני בער ולא אדע בהמות הייתי עמך ואני תמיד עמך', אז אפילו דער וואס איז ממש אן קיין דעת ווי א בהמה, ער שפירט גארנישט, אבער נאך אלץ 'ואני תמיד עמך', ווייל יעדעס אידיש קינד האט א הייליגע נשמה וואס האט אין זיך א ג-טליכע פונק, און ווען ער טוט אן עבירה איז ער מחלל דעם קדושה פון זיין נשמה, און דעריבער באקומט ער כרת אדער מיתה פונקט ווי דער צדיק ווייל אין פאקט האט ער מחלל געווען די זעלבע סארט קדושה, כאטש ער שפירט נישט די קדושה און דער צדיק שפירט יא.

צו דעם אלעם קען מען צוקומען נאר אויב מ'פראוועט דעם פורים מיט די ריכטיגע ערנסט-פרייליכע צוגאנג און כוונה, ווייל שמחה של מצוה איז פון די גרעסטע זאכן, אבער אין די זעלבע צייט ווארענען אן אלע ספרים אז מ'זאל נישט אויסמישן שמחה מיט הוללות און ליצנות, ווייל פונקט אזוי ווי שמחה של מצוה קען ברענגען די גרעסטע מדריגות אזוי קען ליצנות און הוללות אראפפירן צו די נידעריגסטע מדריגות אפילו פורים. די שאלה איז נאר ווי אזוי קען מען אפטיילן די צוויי זאכן וואס זענען זייער נאענט איינס צום צווייטן.

הוללות איז צולאזטקייט! ווילדקייט!

קינדעריש! ס'איז נישט קאנטראלירט מיט שכל און נישט אויסגערעכנט. ס'איז בחיצוניות און נישט בפנימיות. אין אנדערע ווערטער איז דאס 'פריקת עול'. לעומת זה 'שמחה' איז א פנימיות'דיגע שמחה, ס'איז קאנטראלירט און אויסגערעכנט, ס'קען אויך ווערן ארויסגעגעבן מיט אביסל חיצוניות דורך דעם געפיל ווען מ'זינגט אדער טאנצט אויף א נארמאלע וועג.

הוללות לאזט נישט איבער דעם מענטש מיט חיזוק און מיט סיפוק הנפש, פונקט פארקערט ווי מער הוללות און צולאזטקייט ווערט זיין גייסטישע דערהויבנקייט מער צורודערט און דערנידערט. ער שפירט זיך נאכדעם פוסט און ליידיג אן קיין שום אינהאלט. מ'דארף נישט מער פון דעם וואס מ'זעט במציאות אין די סטאטיסטיק אז די אלע גוים וואס נעמען זיך דאס לעבן טאג טעגליך, אדער שטעכן זיך איינער דעם אנדערן און קריגן זיך ארום, די זענען מענטשן וואס זענען נישט געלערנט און האבן נישט קיין שום ציל אין לעבן, זיי האבן נישט קיין סקעדזשול און שטרענגע סדר החיים, ווייל נאר ווען מ'לעבט מיט א עול און מיט א חשבון מיט א ציל און מיט א שטרעבונג קען מען זיין א מענטש, אויב נישט איז מען נישט נאר א בהמה נאר גאר א ווילדע חיה. ס'איז איש את רעהו חיים בלעו, מ'שלינגט איין איינער דעם אנדערן.

ווען מ'רעדט פון דעם ענין פון שמחה און דינען השי"ת 'בכל לבבך' - דאס מיינט מיט הארץ, געפיל און התרגשות ווי ס'שטייט 'בבית אלקים נהלך ברגש', דארף ארויסגעברענגט ווערן א גאר וויכטיגע יסוד: השי"ת האט באשאפן אין יעדן מענטש א דראנג אויסצוגעבן זיינע געפילן, וואס אזוי ווי יעדע כח אין דעם מענטש דארף דאס גענוצט ווערן צו צוקומען דורך דעם צו קרבת אלקים. (עי' מאמר צהלי ורני בשומר אמונים.) דאס איז די מקור פון מדת אהבה און חסד. דאס איז געווען די סיבה פארוואס תלמידי בעל שם טוב האבן איינגעפירט חבורות זיך צו פארזאמלען אין יעדע עת רצון בפרט שבת און יום טוב צו זינגען צוזאמען צו מעורר זיין דעם נפש מיט אירע געפילן צוצוקומען צו עבודת ה' בכל לבבך מיט געפיל, וואס דאס העלפט צו באקעמפן די געפילן צו גשמיות און עולם הזה וואס געהער צו די כוחות הטומאה.

מיר זעען אז ווי מער א מענטש איז דערווייטערט פון תורה און קדושה אלס מער זוכט ער דראמאטישע פארוויילונגען און ער דורשט נאך ענדזשאוימענט און אלע הבלי העולם כדי צו בארואיגן זיינע עמאציאנאלע געברויכן. פראסטע מענטשן האבן ליב ביי יעדע געלעגענהייט (פורים, שמחת תורה ביי מוסף אד"ג) צו ווערן צולאזט און טון קינדערישע זאכן, ווייל א מענטש האט א גאר גרויסע פארגעניגן און חשק פון עקספרימענטן ארויפצוציען זיינע געפילן (עמאושנ"ס) ווי מער אויף א הויכע עקסטרעמע שטאפל ביז צום מאקסימום. וועגן דעם קריכן מענטשן אויף הויכע שטריק אדער בערג און לאזן זיך אראפ דערפון (סקיאינג אד"ג), מ'לאזט זיך אראפ מיט א שטריק פון א הויכע פלאץ מיטן קאפ אראפ ביז

צו דער ערד כמעט צו ווערן צוקלאפט און פלוצלונג ציט מען צוריק ארויף, שפרינגען, לויפן, שווימען אד"ג פארשידענע געפארפולע זאכן, ווייל ס'ציט אן די געפילן (עקסייטמענט) ביז צום שפיץ, און דערנאך שפירט מען גאר גוט פון דעם דורכגאנג.. צוליב דעם האבן מענטשן ליב צו זען שרעקעדיגע שאקירנדע שפילן (פלעיס), הערן שרעקעדיגע מעשיות, וואס דאס אלעס ציט אן דעם געפיל און רייצט אים אן.

ספעציעל איז דאס א גוטע געפיל ווען מ'טוט דאס מיט די באטייליגונג פון אנדערע. דאס ברענגט צווישן זיי א שטארקע נאענטקייט אין א בחינה פון אחים לצרה. מ'האט צוזאמען דורכגעלעבט אויפגעהייטערטע שרעקעדיגע געפארפולע מאמענטן. און די פאלשע פירערס (לידערס, פאפערישע אדמורי"ם) נוצן דאס אויס, זיי ווייסן דאס שוואכקייט פון מענטשן און בויען אויף א מין 'קולט' דורך אנציען זייער עולם צו הויך רייסנדע עמאשינעל געפילן, צב"ש זיי מאכן וויינען, לאכן, זינגען, קלאטשן מיט די הענט פאר א לאנגע צייט אין איין צי, שפרינגען און טאנצן שעות ארוכות ביי פארוויילונגען און קומזיצן, זיי שלייערן דאס ארום מיט הייליגע נעמען, מ'רעדט אריין אין זיי טאג אין נאכט ווי ווייט מ'מוז זיין מקושר מיט די גאנצע מחשבה אינעם צדיק, דער צדיק וועט זיי ראטעווען פון אלע שרעקעדיגע מלאכי חבלה און שדים ווען ס'וועט קומען די ערנסטע מינוטן, אא"וו. וואלטן מיר געווען אמת'דיג ערליך וואלטן מיר די אלע געפילן ארייגעלייגט אין תורה ועבודה, זיך קאכן און ווייקן אין ספרי מוסר וחסידות און אין אמת'דיגע רגש צו זמירות שבת, בפרט ווען מ'טוט דאס בחבורה ברוב עם הדרת מלך, כל בי עשרה שכינתא שריא, נישט צוליב פראפאגאנדע אדער צוליב די פארטיי, (ווי מ'רופט דאס היינט שיטת השוואנצאנעס... וואס קען נאר קומען נאכדעם וואס מ'איז מקריב אביסל חלב,) די אלע זאכן מוז געטון ווערן נאר פאר השי"ת אליין, ווי דער פסוק זאגט מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ, מ'דארף נישט וועלן פארוויילן און שפירן גוט פון שפרינגען און טאנצן, מ'דארף וועלן אויסגיין פאר השי"ת, און אויב לכבוד דעם געשעט דאס אז מ'צוזינגט זיך אדער מ'טאנצט איז דאס גוט.

איינע פון די זאכן פארוואס מענטשן האבן ליב צו ווערן עמאציאנאל אנגעצויגן ווייל דאס שלעפט זיי ארויס פון זייער לייגווייליגע, פשוט'ע, טאג טעגליכע לעבן מיט וואס זיי זענען נישט צופיל צופרידן, אבער אויב וואלטן זיי געלעבט מיט מחשבה און מיט אינהאלט, מיט תורה ועבודת ה', עבודת המדות וכו' וכו' וואלט זיי דאס לעבן נישט געווען לאנגווייליג, זיי וואלטן געהאט גענוג און נאך סיפוק פון דעם, זיי וואלטן נישט געווען אינטערעסירט אין די חיצוניות'דיגע סיפוק פון הוללות און עמאציאנאלע עקספרימענטן.

פורים איז ימי משתה ושמחה ווייל ס'איז געווען הדר קבלוה - מ'האט מקבל געווען די תורה מיט אהבה און געפיל, מ'האט תשובה געטון פון האבן אהבה צו תענוגים,

> יעדער מענטש איז באשאפן געווארן מיט געפילן און ער מוז ערגעץ אויסגעבן זיינע עמאציאנאלע געפילן. אויב נישט ביי מצוות תורה ועבודה וועט דאס אויסגיין אויף נישט גוטע פלעצער!


בית הוראה
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו

## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

הגאון הדומ"ץ שליט"א
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נומ. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר
עם הדיינים על ההוראה ליין 5# 845-783-0546

לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. 013#
24 שעה על ההוראה ליין:
845.783.0546

פון נהגה זיין מסעודת אחשורוש, וואס אין פנימיות מיינט דאס אלע שוואיל טאג וואס קומט פון די אומות העולם וואס דער גאנצער ציל איז געווען זיי צו ברענגען צו חטאים, (ווי חז"ל זאגן, און דער חוות דעת אין מגלת סתרים צולייגט דאס שטארק).

חז"ל זאגן (חולין קלט:) אז די צייט פון אסתר המלכה איז מרומז אינעם פסוק 'ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא' - א צייט ווען ס'איז א דאפלטע באהעלטעניש. מ'שפירט נישט דאס נאענטקייט צום רבש"ע. דאס דארף זייער דערשרעקן דעם מענטש ווי דער פסוק זאגט הסתרת פניך הייתי נבהל, אלע טויערן זענען פארשפארט, ס'האלט ביי 'ואני לא נקראתי לבא אל המלך זה שלשים יום', מ'לאזט נישט צו די תפלות צום מלכו של עולם, ס'האלט ביי להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים ביום אחד, ס'איז שוין נכתב ונחתם בטבעת המלך, ביי א מצב פון 'אין להשיב', מ'קען שוין נישט צוריקדרייען, לאמיר זען וואס אסתר המלכה האט געטון ווען זי האט שוין געהאלטן נאך יאוש, מ'האט שוין געפאסט און מתפלל געווען, מ'האט מפקיר געוועןביידע וועלטן 'כאשר אבדתי אבדתי', זי גיבט זיך אונטער אריינצוגיין צו אחשורוש אויף דעם באפעל פון מרדכי הצדיק, און פונקט דעמאלט האט זיך די שכינה הק' און רוח הקודש אפגעטון פון איר (מגילה טו:). געוואלד וואס טוט מען? ווי אזוי גיבט מען זיך אן עצה? אסתר המלכה וואלט געקענט זאגן פארפאלן איך האב שוין פרובירט אלעס און ס'גייט נישט ווייטער, ס'איז נישט דא קיין ברירה נאר אויפצוגעבן אויפהייבן די הענט, אבער ניין און נאכאמאל ניין נישט אסתר המלכה, אפילו נאך דעם גאנצן הסתרה שרייט זי 'קלי קלי למה עזבתני' וגו', אפילו אין דעם גרעסטן הסתר פנים, אין גרעסטן טומאה פון בית הצלמים ביי אחשורוש וויל איך זען השי"ת, ווייל איך ווייס אז ער איז יא דא, נישט מער וואס ער איז באהאלטן, אבער גם חשך לא יחשיך ממך וואס איז שייך חשך לגבי דעם רבש"ע. נאך זאגט דארט דער פסוק אנה אלך מרוחך וגו' ואציעה שאול הנך, גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי, אויך מרדכי האט געטון דאס זעלבע ויזעק זעקה גדולה ומרה, מיט זיין געוואלדיגע אמונה און בטחון, ס'איז קיינמאל נישט שפעט, נאך אלעם קען מען צורייסן די גזירה, מ'גיבט נישט אויף האפענונג, אפילו ווען א שארפער שווערד ליגט שוין אויפן האלז האלט מען זיך נישט צוריק פון בעטן.

א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן! ס'איז אייביג דא א וועג אויף צוריק! אויב קענסטו בשעת טרינקען דאס גוט איינחזר'ן און נישט ווערן צולאזט, דאן מעגסטו טרינקען!

דאס דארף א איד געדענקען א גאנץ פורים, און דאס איז אונזער הויפט און עיקר אויפגאבע אינעם הייליגן פורים, אריינצוואורצלען אין זיך און אין די שטוב דעם געוואלדיגן מדת הבטחון אז השי"ת איז מיין גא-ט אין אלע מצבים. ער איז מיין ליבער טאטע און מיר זענען זיינע קינדער, און ער בעט זיך צו אונז מיר זאלן זיך צו אים דערנענטערן. און דאס איז אמת ויציב אפילו ווען מיר שפירן דאס נישט, מ'שפירט זיך פארלוירן פון ביידע וועלטן, ס'איז 'הסתר אסתיר' א דאפלטע הסתר פנים, ס'איז נישט גוט, ס'איז פינסטער, מ'טרעפט נישט מיט וואס זיך מחזק צו זיין, רוף הצלה שנעל!! אפילו אין אזא מצב ווערט פורים אנטפלעקט די גרויסע אהבת ה' צו אונז, אז ער איז מיט אונז איבעראל אין יעדן מצב, און מיר דארפן זיך דערין אנכאפן. א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן, ס'איז אייביג דא א וועג אויף צוריק, אויב קענסטו בשעת טרינקען ווייין זיך דאס גוט גוט איינחזר'ן און נישט ווערן צולאזט, נאר דאן מעגסטו טרינקען!

חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי, אפילו מ'האלט חלילה אין א בחינה פון ארור המן, מ'האט זיך פארפאטשקעט און פארשמירט די נשמה, קען מען זיך אין פורים אויפהייבן מיט תשובה מאהבה. אפילו ווען ס'איז 'הסתר אסתיר' א דאפלטע הסתרה, ברוחניות ובגשמיות פון אלע זייטן, מ'איז נישט ראוי צו א ישועה נישט בדרך הטבע און אפילו נישט בדרך נס, דער גזר דין איז שוין רח"ל פארזיגלט, אבער נישט פורים! פורים איז א מין געצייג וואס קען אויפברעכן די שטארקסטע שלעסער און מעקט אפ די גרעסטע זיגלעך, ווי אזוי? דורך קבלת מסירת נפש פון אסתר המלכה און מרדכי הצדיק! מ'גיבט זיך נישט אונטער! לא יכרע ולא ישתחוה! מ'איז גרייט אויף כאשר אבדתי אבדתי! דעם כח באקומען מיר פורים, און מיט דעם קען מען זיך אויפהייבן און זיך אפוואשן און אנקומען צום מלך.

קיינער זאל זיך נישט נארן, ס'איז א פאקט אז ס'איז כמעט נישט דא קיין מענטש אויף דעם ערד קוגל וואס זאל קענען זאגן אז זיין לעבן האט זיך אויסגעארבעט אזוי ווי ער האט גע'חלומ'ט אין זיין יוגנט. אסאך דורכפעלער, שטרויכלונגען און אומאנגענעמע מצבים זענען געווען אויסגעלייגט אויף דעם לאנגן וועג. מ'לעבט אין א מצב פון בדיעבד, נישט ווי מ'וואלט געוואלט, ביז מ'קומט צו א געוויסע יארגאנג וואס מ'זעט שוין איין אז מ'איז איין שטיק דורכפאל, אבער דאס מיינט נישט ח"ו מ'זאל אפמאכן אז קיין גרויסע זאכן קען איך שוין נישט אנקומען, מ'דארף אייביג דינען השי"ת פון דעם פלאץ ווי מ'געפינט זיך יעצט נאכן דורכפאל.

מיר וועלן ברענגען דריי ביישפילן: א] אידן נאכן עגל זענען געפאלן אין מדריגה, די צווייטע לוחות איז נישט געווען די זעלבע ווי די ערשטע, די מדריגה פון משכן איז נישט געווען די זעלבע פון וואס מ'האט זיי באפוילן דאס ערשטע מאל פארן עגל, אבער דאס מיינט נישט אז מ'דארף אויפגעבן, אדרבה דער פסוק איז מעיד אז זיי האבן געברענגט די נדבת המשכן מיט גאר א גרויסע חשק. און דאס איז געווען די המשכה פון כלל ישראל און זייער קיום אויף ווייטער. ב] עזרא הסופר ווען ער איז ארויף צו בויען בית שני נאך גלות בבל האבן גאר א קליינע טייל אידן געוואלט מיטגיין, איבערהויפט די לוויים האבן נישט געהאלטן ביים קומען, זיי האבן געוואוסט אז דער בית שני איז אין א שוואכערע מדריגה ווי די ערשטע, זיי האבן געוואוסט אז ס'איז נאר צייטווייליג, זיי האבן זיך גוט געפונען אין בבל. אין תנ"ך ווערט דערציילט אז די זקנים האבן געוויינט ביים חינוך בית שני און זייער קול האט זיך געהערט שטארקער ווי די קול שמחה פון די אינגע, זיי האבן נישט געקענט שלום מאכן מיטן מצב, אבער עזרא הסופר האט גע'קנס'ט די לוויים וואס זענען נישט ארויפגעקומען אז מ'זאל זיי מער נישט געבן מעשר, ווייל מ'טאר נישט מאכן אזעלכע חשבונות, אויב בין איך יעצט אויף א מצב פון דיעבד זאל איך דאס נעמען ווי אזוי השי"ת האט

אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**
**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**


בית הוראה

# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:
**845.783.0546**
לשכת בית הוראה:
**6 גארפיעלד רד. #013**

**משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר**
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
**משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה**
הרה"ג **רבי מרדכי דוד יוראוויטש** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
**משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה**
הרה"ג **רבי משה זאב שווארץ** שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

**משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

**משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש

**משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

**משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

**משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

**משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה**
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

**משעה 7:00 עד 7:30 בערב**
הרה"ג **רבי יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

**משעה 7:30 עד 9:00 בערב**
הרה"ג **רבי שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

**משעה 9:00 עד 10:10 בערב**
הרה"ג **רבי שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

**משעה 10:10 עד 10:45 בערב**
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

מיר אריינגעשטעלט און פון דעם מצב אים דינען און צו קומען צו דאס מאקסימום וואס איז שייך פאר מיר צו צוקומען אין דעם מצב. מ'האט טאקע יא געבויעט די בית שני, ווי אזוי ס'זאל נישט זיין, אבער מ'גיבט נישט אויף, ווייל דעמאלט וועט זיין נאך ערגער. און דאס איז געווען דער קיום פון כלל ישראל אויף ווייטער. ג] וואס איז געווען מיט אידן נאך די קריג נאך מ'איז אדורך גאר שווערע און מאכטפולע שרעקליכע איבערלעבענישן, און דאך האבן זיי אנגעהויבן פונדאסניי און נישט אויפגעגעבן און נישט נאכגעלאזט ווי זייער אסאך האבן ליידער געטון, און בעזר השי"ת האט מען אויפגעשטעלט ערליכע אידישע חסיד'ישע דורות, און פון די אנדערע איז ליידער גארנישט געבליבן זיי זענען פארפאלן געווארן, זיי מיט זייערע דורות, השי"ת זאל העלפן ווייטער, אבער מיר דארפן דאס גוט געדענקען.

אפילו ווען ס'ארבעט זיך נישט אויס ווי מ'האט געפלאנט פארלירט מען נישט דאס סבלנות, על כל גל וגל נעניתי את ראשי, מ'בייגט אראפ דעם קאפ פאר יעדן וואל פונעם ברויזנד'ן ים, אזוי ווערט מען נישט פארשוועמט. מ'בייגט זיך פאר רצון ה', מ'איז מקבל יסורים באהבה און מ'דינט אים פון דעם מצב ווי ער האט דיר אריינגעשטופט. הערט נאר צו דאס הייליג לשון פון חתם סופר (דרשות לזכור ע' קפה): ס'איז נישט מעגליך אויף די וועלט אז א מענטש זאל זיין אינגאנצן לויטער און ריין אן קיין אפפאל און שמוץ צוליב דעם וואס ער האט א פארגרעבטע קערפער. דעריבער דארף ער זיך אסאך לייטערן כדי צו ווערן נאענט צו השי"ת. ער זאל אננעמען יסורים אויף די וועלט מיט ליבשאפט ווייל זייער סוף איז גוט. דוד המלך האט געזאגט איך דאנק השי"ת נישט נאר ווען די ישועה קומט, נאר ווען איך האב נאך די יסורים דאנק איך שוין ווייל איך ווייס און גלייב אז דער סוף איז גוט.

די אלע נסים וואס איז געשען צו אידן אין מצרים און אין מדבר איז נאר ווייל זיי האבן שוין נישט געקענט אויסהאלטן ווייטער, ס'האט געמוזט געשען א נס, וואלטן זיי נאך אביסל אויסגעהאלטן די שוועריגקייטן מיט שמחה און דאס אנגענומען מיט פארגעניגן, וואלטן זיי צוגעקומען צום אמת'דיגן תיקון השלם. ס'וואלט מער קיין שלעכטס אויף די וועלט נישט געווען. ווייל דער תיקון השלם קען נאר קומען דורך שמחה און צופרידנהייט וויסנדיג אז דאס גאנצע שוועריגקייט איז נאר צו לייטערן דאס ליימיגע גוף.

דאס זעלבע ווען יעקב וואלט נישט אנגעטון דעם זאק ווען יוסף איז פארלוירן געווארן נאר אנגענומען מיט ליבשאפט אזוי ווי ביז אהער ביי אלע צרות, וואלטן אידישע קינדער מער קיינמאל נישט געדארפט אנטון א זאק, ווייל 'איין סבלנות טוט מער ווי אסאך תפלות'.

ווען אסתר האט געזען די צרה מיט המן האט זי געמאכט א סעודה פאר המן צו ווייזן אז זי פריידט זיך מיט השי"ת און פארלאזט זיך אויף זיין ישועה אפילו נאך פאר מ'זעט דאס, און אפילו אינמיטן די צרה, ע"כ לשון החתם סופר.

ס'איז כדאי צו זען אין פירוש פון חוות דעת 'מגלת סתרים' ווי ווייט דאס ליבשאפט פון השי"ת האט זיך ארויסגעוויזן ביי די נס פון פורים אז די אנפאנג פונעם נס איז דאך געווען מיט די מעשה פון ושתי וואס זי האט נישט געוואלט קומען און איז גע'הרג'ט געווארן, דאס האט צוגעפירט אז אסתר המלכה זאל ווערן קעניגן א.א.וו. ביז די ענדגילטיגע ישועה, לאמיר אריינטראכטן ווען איז דאס געווען? בשעת די סעודה פון אחשורוש וואס אידן האבן דעמאלט געזינדיגט מיט גיין צו די סעודה און צוגעקומען צו גרויסע עבירות ווי דער חוות דעת שרייבט, און דאך האט דאס נישט צוריקגעהאלטן פון אנגרייטן די רפואה פאר די מכה, פאר די גזירה, דאס איז ממש אזוי ווי דער זוהר הקדוש (סו"פ בחקותי עה"פ לא מאסתים ולא געלתים לכלתם) און דער תניא (פרק מ"ו) ברענגען א משל פון א קעניג וואס ער לאזט זיך אראפ צו א גאר שמוציגע אומריינע פלאץ און נעמט אונז ארויס פון דארט פארשמירטערהייט און וואשט אונז אפ, רייניגט אונז און ברענגט אונז אריין אין זיין פאלאץ און מיט גרויס ליבשאפט באצירט ער אונז מיט די שענסטע צירונגען, אזוי ווי ער האט געטון אין מצרים אין סוף גלות בבל און אין אלע דורות, וואס דאס דארף אין אונז דערוועקן א געוואלדיגע שמחה ווי ווייט השי"ת האט אונז ליב, ער לאזט איבער אלע מיליאנען וועלטן און מלאכים די אויבערשטע מיט די אונטערשטע און באשטימט זיין נאמען אויף אונז, איז צוליב דעם ווען ס'קומט דער הייליגער יום טוב פורים דארף מען מקבל זיין עול מלכות שמים באהבה מיט א געוואלדיגע תשוקה און שמחה, און דאס וועט זיין די הכנה צו די גאולה פון פסח וואס דעמאלט איז געווען די התחלה פון דאס גרינדונג פון כלל ישראל וואס דער תכלית דערפון איז ארויסגעקומען ביי מתן תורה דורך די הכנה פון ספירת העומר און יום טוב שבועות וואס קומט באלד נאך פסח.

לאמיר זיך אנשטרענגען אין דעם יום טוב פורים דאס צו פראווען מיט העכערע הייליגע מחשבות, דאווענען מיט כוונה, מקבל זיין עול מלכות שמים מיט כוונה, ארויסזאגן די ברכות הנהנין מיט דביקות און געשמאק, און מאכן א חשבון הנפש ווי אזוי צו פארבעסערן און פארשענערן דאס טאג טעגליכע לעבן, זיך צו שטארקן אין עבודת השם, אין עבודת המדות, און קדושה וטהרה, זיין דבוק אין תורה, זוכה צו זיין צו קרבת אלקים, אמן.


# זכרו
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

## לוח הלימודים
## פרשת צו

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | פורים | | |
| יום ב' | שושן פורים | | |
| יום ג' | צט. | צו: | פט. |
| יום ד' | צט: | צז. | פט: |
| יום ה' | ק. | צז: | צ. |

בחינה ז' במס' חולין • יום א' פ' תזריע
לימודי החודש: צ"א. - ק"א: - חזרת החודש: פ"א. - צ:

חבורת לומדי הלכה הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | פורים | | |
| יום ב' | שושן פורים | | |
| יום ג' | כל סימן קכ"ב | | א - ב |
| יום ד' | סי' קכ"ג | א | א - ד |
| יום ה' | | ב | ה - ט |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' טהרה
לימודי החודש: מסימן קי"ד סעיף ד' עד אחר סימן קכ"ז
חזרת החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010





# עקזעקיוטיוו ביזנעס צענטער רוט 208

## אן אפיס ביזנעס צו 'קויפן' אין א ביזנעס אטמאספערע



טראקטארן ביים גראבן פאר אינפעסטרוקטור אויפן גיגאנטישן
נייע ביזנעס צענטער פאר געקויפטע אפיסעס



מען גרייט באדן אויפן 208 צו גיסן פוטינג



ריזיגער שטח ווירבלט פארן אויפבוי פון 7'טן ביזנעס צענטער

# עזרת חולים - בעיקערטאון



בוקעט ענטערפרייז גיסט פאנדעישאן ביי נייע עזרת חולים פראיעקט ביים ביזנעס צענטער







עזרת חולים עפנט 'עזר' לאקאציע אויף בעיקערטאון ראוד

# פארשריט אינעם נייעם מקוה אין גראוויסן ביהמ"ד

## מקוה המפואר 'טהרת מרדכי'




מען לייגט די טיילס אין חדר המקוה אויף די 'סטיעם' פלאר





טיילס געלייגט

# פארשריט אינעם נייעם מקוה אין גרויסן ביהמ"ד

## מקוה המפואר 'טהרת מרדכי'




מקוה מאשין אינסטאלירט ביים אריינגאנג צום נייעם מקוה



מ'גרייט צו ענדיגן בור הטבילה



הערליכע טיילס איבערגעצויגן ביי די 3 בורות הטבילה



עלעקטריק רום פון נייע מקוה 'טהרת מרדכי' געצויגן אלע עלעקטריק איינריכטונגען

# ביזנעס צענטער - בעיקערטאון







מאסיווע פארשריט ביים גיגאנטישן ביזנעס קווארטל עיקערס קארנער בעיקערטאון

# גארפיעלד איסברייטערונג ביים גרויסן ביהמ"ד







גארפיעלד פארטש ווערט צושניטן און איינגעווארפן פאראויסצוגיין מיט מאסיווע הרחבת גבולי ביהמ"ד צום פראנט גארפיעלד ראוד

## ובהיכלו כולו אומר כבוד
## ביהמ"ד דקיט"ל שכונת ווינטשעסטער




היכל הפרוזדור פון ביהמ"ד דקיט"ל שכונת ווינטשעסטער אפגעקויפט דורך די שותפים לדבר מצוה









געדאנק צו נוצן ביליגע טאוול קעגן בלאקירן וויכטיגע ראודס נאך געשטיגענע קאסטן פון צעמענטענע בלאקערס




פאליציי פון שכונת בלומינג גראוו אינפארסירט געזעץ אין שכונת עצי תמרים



סעגוועי אדער פעטוועי...



שטח הישיבה באצירט לכבוד שבע ברכות רבתי בהיכל הישיבה לרגל שמחת רבינו




געפאלן צום טראמפ'יזום




הצלה ווערט אריינגעפירט...

# משנכנס אדר מרבין בשמחה




Spotlight Pro
Your house bright
since 2006
**845 537 9787**




Beis Din Zedek
Rabbinical Court
Of the Central simchah congress Of the USA and Canada
Spring Valley, NY

Rabbinical court
בית דין צדק
משפט ישעיה

בית דין צדק
שע"י
סכון התאחדות
בעלי שמחה
דארצות הברית וקנדא
וגם ספרינג וואלי נ.י. יצ"ו

בעזהשי"ת בסימן טוב ובמזל טוב

31 HERBICK AVE • SPRING VALLEY NY 10977 (USA) • 1(845) 263-5983

## הזמנה לבית דין!

(די ערשטע הזמנה, אבער נישט די לעצטע בעז"ה)

לכבוד התובעים מנ"ב אלע בריגע נשים פריינט און משפחה משגולדער נ"י
וכל קהלה קדישא הדין שודר

לבקשת התובעים בעלי השמחה:
אבי הבן: ר' ישעיה גאלדשטיין נ"י.
אביו: הרה"ג ר' חיים יעקב גאלדשטיין שליט"א.
חותנו: הרה"ג ר' צבי הירש מיזליש שליט"א אב"ד ריעם מתוקים.
והסבים: הגה"צ ר' יחזקאל מיזליש שליט"א אב"ד אהעל, הרה"ח ר' אהרן פרידמאן שליט"א.

**הננו מזמינים אתכם למסיבת וואכטנאכט בערב ה' פרשת פקודי - ד' אדר תשפ"ד**

**בבית דינו של מורי חמי שליט"א: 31 HERRICK AVE SPRING VALLEY NY 10977**

התביעה: לבוא להשתתף בשמחת התובעים, לברך ולהתברך

עיקר הפ"ד: יען יש להתובעים הנ"ל מצות ותביעות על ברכתכם מעקר הדין, הבית דין מצקל שלא לעשות שום דבר בערב הנ"ל עד שתבאו להשתתף בשמחה הנ"ל, ושם יתברר ותלבנו הדברים לקיים מאמר הכתוב: ויעש להם משתה ויאכלו וישתו על כוס ביד מלא אבל השתיה ברה און אגם.
בנה סעודה רשנה שמחה וששון ליהודים. משתה ויום טוב.
ואת למודעי: אין הכוונה לאדר הישב ב"ה. בגלל שחברי הבד"ץ כבר שמעו פרשי הברכות, ונקטו בעמדה מאד חזקה בנידון. הברכות שבגיכם.
ועוד למודעי: הוראת שעה: שא אפשר להיות מעד המעמד הנ"ל בשום תאריך אחרת. ולא יועיל שום מענות ומענות.

ובזאת בעה"ח בשם הבד"ץ יום ה' פרשת פקודי ד' אדר תשפ"ד
הכו"ח בשם הבד"צ והתובעים החשובים

## נאום: הק' ישעיהו סג"ל גאלדשטיין

בן הרה"ג ר' חיים יעקב גאלדשטיין שליט"א וחתן הרה"ג ר' הערשל מייזליש שליט"א

נ.ב.: די שמחה וועט פארקומען אין די באשטימטע צייט - **דעם אזנט פון דאנערשטאג פרשת פקודי**,
אפילו אויב די נתבעים האבן נישט באקומען די הזמנה,
ווייל מצד דער מוהל וועט נישט די ברית נדחה ווערן ווייל דאס קינד איז נישט געהל!

ועוד: די ברית וועט פארקומען בעז"ה דעם קומענדיגע צופרי, ערב שבת קודש פרשת פקודי, ה' אדר
אין בית המדרש ניקלשבורג 6 Milton Pl. Spring Valley, NY 10977, תפלת שחרית בשעה 8.

גילופינ'דיגע הזמנה



נייע פארקינג ספאט






אדרעסן ארויפגעלייגט אויף די נייע געביידעס אויף די בריגעל און מונקאטש געסער



ראו הזהרנו אתכם... באלקאן ביים געריכט הויז הינקעט אונטער



פארמעקט די ווערטער ק'רית יואל פ'ורים ש'טאט







# נמות ולא נתגייס: תלמידי מוסדות יטב לב



ברחובה של עיר לזעק זעקה גדולה ומרה



נמסור נפשינו לה' ולתורתו הק'



פראטעסט מארש איבער די גאסן פון ירושלים עיה"ק

# הערליכע מעמד הכרת הטוב פאר קרוב צו טויזענט געטרייע עסקנים פון די חשובע ארגאניזאציע 'לב לילד'



די הונדערטע מתנות אויסגעלייגט פאר די געטרייע 'לב לילד עסקנים'



די זאל פרעכטיג אויסגעשטעלט



דברות קודש דורך כ"ק אדמו"ר מ'סקולען מאנסי שליט"א מרבני המוסד



די אויבן אן ביים מעמד



הרב גרשון מענדל טויב שליט"א
טרעט אויף מיט ווארימע דיבורים



הרב פינחס ראזענבערג שליט"א ביים
באדאנקען די אלע הונדערטער עסקנים
וואס העלפן ארויס די הייליגע מוסד



הרב יואל פריעדמאן שליט"א
אב"ד קהל בית חסידים



הרב מרדכי פינקאס שליט"א מחנך
נפלא במוסד ביי זיין דרשה



הבדחן הנודע ר' מרדכי אילאוויטש
ביים פארשטעלן א דראמאטישע
אריינבליק אין די הייליגע מוסד לב לילד



סענאטאר ביל וועבער ביים באדאנקען די הנהלת המוסד



הרבני הנגיד ר' מאיר פישל ביים איבערנעמען די אלבום
מיט צענטליגער בריוון פון הכרת הטוב געשריבן דורך די
בחורים און קינדער זיך צובאדאנקען פאר די שיינע שבתים



קאנגרעסמאן מייק לאולער ביים איבערגעבן אן
אויסצייכענונג פאר ר' מאיר פישל פאר די אלע גוטע
פעולות וואס ער העלפט ארויס דעם ציבור

# הערליכע מעמד הכרת הטוב פאר קרוב צו טויזענט געטרייע עסקנים פון די חשובע ארגאניזאציע 'לב לילד'



קרוב צו טויזענט געטרייע 'לב לילד' עסקנים ביים מיטהאלטען די געהויבענע מעמד



עסקנים ביים זיך איינשרייבען ארויסצוהעלפן די מוסד





עסקני קרית יואל ביים מעמד



דער ציבור עסקנים ביים מעמד



אן התרגשות'דיגע מאמענט ווען א יונגערמאן האט ארויפגעברענגט זיין קליין קינד זיך צובאדאנקען פאר די הנהלת לב לילד וואס האט זיי געהאלפען אנקומען צו די גליקליכע טאג

# בנין בית רחל החדש - סאטמאר בארא פארק



ריזיגער געביידע ווערט ארויפגעצויגן אויף גיגאנטישער 'שטח מייזעלס' אין הארץ פון בארא פארק אויף 14'טע עוו.



פאמפ טראקס ביי עטליכע ווינקלען פון די געביידע
גיסן שטאק נאך שטאק אין שנעלע טעמפא





דערווייל זעצט פאר די ארבעט אויף די ערשטע שטאקן צו פרעימען פענסטער און ציגל ארבעט



אין צייט וואס געביידע וואקסט אינדערהייך אין זעלטענע גלויף טוט די געביידע
דזשומען מיט ארבעטער פון אינוויירינג צו ציען פלאמבינג, ספרינקלער סיסטעם א.א.וו.





ואולם בנין בית רחל יגדל... געביידע פון בנין בית רחל דערהייבט זיך העכער די ארומיגע געביידעס פון די בארא פארקער הייזער

פורים קטן - מסיבה גדול:

# באנקעט לטובת בניית בנין בית רחל החדש מוסדות סאטמאר בארא פארק

בבית הרה"ח ר' אברהם גאנץ הי"ו



הרה"ח ר' אהרן הערש פריינד שליט"א טרעט אויף איבער די גרויסע התחייבות און די גרויסע געלטער וואס סאטמארער אינגעלייט לאזן זיך קאסטן איבער די גארער וועלט צו ערמעגליכן דאס איופבליה פון סאטמארער בנינים




הגה"צ דומ"ץ סאטמאר בארא פארק שליט"א טרעט אויף איבער די חיוב לבנות בית לדורותינו




אויפטריט פון הרב מלאשאנץ שליט"א



דער ציבור ביים באנקעט

## רייכע מסיבה אין שטוב פון הרה"ח ר' ברוך מענדלאוויטש הי"ו





גרויסע ציבור אברכי הקהלה דק"ק סאטמאר בארא פארק מיט ווארימע הערצער צושטאנד צוברענגן דעם נייעם בנין בית רחל ההולכת ונבנית אין גאלאפירנדע שנעלקייט

# בנין 'יטב לב' החדש - רחוב יחזקאל בירושלים עיה"ק



אַרויפגעצויגן 7'טער שטאָק קומת ישראל דוב וזוגתו הענדל מרים גאלדבערגער פון נייעם בנין האדיר



טאוול אויפן דאך צו באגריסן 'מעשה תקפו וגבורתו' פון משפחת גאלדבערגער החשובה לתפארת רבינו הקדוש זי"ע בגנזי מרומים!



הילכיגער קידוש שם שמים קלינגט אפ בהררי ציון וירושלים, ווען מ'האט ב"ה צוגעטרעטן ארויפצוציען "העכסטע שטאָק" ביים מלכות'דיגן מאַיעסטעטישן בנין האדיר החדש פון "מוסדות יטב לב" אין הארץ פון ירושלים עיה"ק; מערקט א גאס אוועק שטייט מיט פראכט ביהמ"ד אהל רחל דחסידי סאטמאר דעם צענטערפונקט פון אלע מלחמה קעגן אלע גזירת על הדת אינעם מלחמה לה' בעמלק.




## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 Seely Road | $555,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,828 | 0.5314 |
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 (3 0) | 2,208 | 0.6435 |
| 54 Oxford Springs Road | $848,000 | 5 | 4 (4 0) | 4,850 | 3 |
| 220 Oxford Road | $850,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,535 | 6.3 |
| 221 Oxford Road | $999,999 | 4 | 4 (3 1) | 4,644 | 3.9 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 | 2.5 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 Arlington Drive | $1,175,000 | 6 | 4 (3 1) | 3,658 | 0.47 |
| 81 Duelk Avenue | $799,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,946 | 0.2887 |
| 170 Prospect Road | $690,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,800 | 2 |
| 39 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 2 (1 1) | 1,987 | 0.4956 |
| 41 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,104 | 0.7071 |
| 242 Prospect Road | $899,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,734 | 1 |
| 215 Prospect Road | $2,900,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,234 | 5 |

## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,700 | 1 |
| 75 Horton Road | $699,900 | 3 | 3 (2 1) | 2,224 | 3.2 |
| 64 Orchard Lake Drive | $549,000 | 3 | 3 (3 0) | 3,168 | 0.2924 |

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 86 Cromwell Hill Road | $365,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,421 | 0.1148 |
| 26 High Ridge Road | $449,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,694 | 0.3489 |
| 39 Center Hill Road | $450,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,356 | 0.2388 |
| 3 Mid Oaks Drive | $549,900 | 3 | 2 (1 1) | 1,784 | 0.264 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,083 | 0.1671 |
| 7 Cunningham Drive | $625,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,503 | 0.4959 |
| 12 Pawtuxet Avenue | $675,000 | 4 | 4 (2 2) | 2,356 | 0.4775 |
| 94 Winchester Drive | $685,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,994 | 0.4587 |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 (2 1) | 1,888 | 0.2152 |
| 34 Cunningham Drive | $699,900 | 3 | 3 (2 1) | 1,828 | 0.4867 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 (3 1) | 2,088 | 0.6862 |
| 29 Deangelis Drive | $762,499 | 4 | 4 (3 1) | 3,256 | 0.5546 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,560 | 0.759 |
| 124 Steven Court | $819,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,491 | 0.6 |
| 10 Kasch Court | $1,100,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,582 | 0.1877 |
| 3 Holland Road | $1,199,999 | 4 | 4 (3 1) | 3,200 | 0.4405 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 (2 2) | 3,323 | |
| 2 Chimney Ridge Drive | $775,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,800 | 0.5379 |
| 314 Harriman Heights | $1,000,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,764 | 3.4 |

**זייט דער ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט**

— ...... —

text your email address to:
**845-204-8067**

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 27 Catskill High Rail | $1,034,000 | 4 | 2 (2 0) | 3,575 | 0.69 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 (4 1) | 3,918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 (4 1) | 3,918 | 0.45 |
| 7 Van Buren Court | $549,900 | 4 | 3 (2 1) | 1,943 | 0.3524 |
| 44 Country Hollow | $699,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,006 | 1.1 |
| 17 Sunny Lane | $795,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,277 | 0.2152 |
| 115 Brigadoon Blvd. | $850,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,791 | 0.62 |
| 268 Bakertown Road | $899,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,072 | 0.37 |
| 34 Dogwood Drive | $475,000 | 3 | 3 (3 0) | 2,140 | 0.6156 |
| 4 Gregory Lane | $689,998 | 4 | 3 (3 0) | 2,590 | 0.468 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186




שבע ברכות אין ביהמ"ד ליע גארדענס
לכבוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א




נייע הערליבע טישן אנגעקומען
פארן היכל התורה אין וומס"ב




וויכטיגע קלארשטעלונג דורך 'וועד
הכשרות' סאטמאר מאנטריאל




אנווייזונגען לקראת יו"ט פורים דורך
וועד הכשרות סאטמאר מאנטריאל







מפעל 'עת משוש' געגרינדעט אין סאטמאר לאנדאן מיט געוואלדיגע
הילף פאר מחותנים בעת נישואי צאצאידם




זמני כניסה לכ"ק אדמו"ר שליט"א בעפארן אפרייזן אויף מנוחת הנפש




ונחתם בטבעת המלך: שבת לדורותם
פאר כלל חסידי סאטמאר בארה"ק




2 נעכט אומזיסט אין קימפעטארין היים דורך
מפעל 'בעדין חדוותא' שע"י ק"ק סאטמאר לאנדאן




גאלאפידנע אפדעיטס אין ביהמ"ד החדש סאטמאר מאנטריאל שכונת ווען הארן




יעצט איז מיין צייט




יעדער בר דעת האט שוין
אינוועסטירט דא




מיד האבן עס באוויזן! אומגלויבליכע
סוקסעס אין ביהמ"ד שכונת גערי–טרופ




משנכנס אדר מרבין בשמח"ה




הגה"צ רבי יואל שליט"א אויף יו"ט פורים אין ירושלים עיה"ק בשליחות הקודש







ויפקד המלך: הכרזות הקודש דורך כ"ק אדמו"ר שליט"א
אנצוהאלטן די ערליכע כאראקטער ביום הפורים

# האָדסאָן וועלי וועט באַקומען 80 מיליאָן דאָלאַר אין פעדעראַלע גרענטס

נאענט צו אכציג מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וועט פליסן צו די האדסאן וועלי ראיאן נאך וואס אין וואשינגטאן זענען פאליטיקאנטן זיך דורכגעקומען אויף א בודזשעט פאר דעם קומענדיגן פינאנציעלן יאר.

די אכציג מיליאן דאלאר פאר די געגענט וועט ווערן צוגעטיילט פאר לאקאלע פראיעקטן, וועלכעווארטן אויף געלט אז זיי זאלן קענען ווערן אויפגעבויעט. די פראיעקטן ציילן אזעלכע אונטערנעמונגען ווי נייע סיידוואלקס אין פארשידענע ערטער אין ראלענד און פאטנעם קאונטיס, דאס אויסברייטערונג פון א שפאציר וועג אין יאנקערס, פראגראמען פאר קינדער פון נידריג-איינקונפט שטיבער אין ניובורג, און צענדליגער ענליכע און אנדערע לאקאלע פראיעקטן.

דאָס איז צושטאנד געקומען דורך די לאביאירונג פון לאקאלע פאליטיקאנטן אין וואשינגטאן, אריינגערעכענט ניו יארקער סענאטאר טשאק שומער און קירסטען דזשיליברענד און קאנגרעסלייט וועלכע פארטרעטן דעם געגנט.

געלטער וועלכע ווערן פארזיכערט דורך קאנגרעסלייט און סענאטארן ספעציעל פאר לאקאלע מוניציפאליטעטן איבער אמעריקא פלעגט גערופן ווערן מיט דעם נאמען "אוירמארקס", וואס באדייט פינאנצירונגען וואס זענען דעזיגנירט פאר א געוויסע צוועק.

די אוירמארקס איז געווען קאנטראווערסיאל, וויבאלד עס האט געדינט ווי א וועג דורך וועלכע אמטירנדע פאליטיקאנטן האבן געחנפ'עט די לאקאלע באפעלקערונג דורך ברענגען מער און מער געלטער, אן וואס די פעדעראלע רעגירונג מיט איר עקזעקוטיווע אפטיילונג זאל האבן אן ערנסטע אויפזיכט איבער די תועלת פון די אויסגאבן. ווי אויך האט זי געטראגן א פנים ווי לעגאלע שוחד דורך וועלכע פאליטיקאנטן אין אפיס האבן געקענט שמירן די לאקאלע איינוואוינער זיי צו שטיצן אין ווידערוויילונג קאמפיינען.

די אוירמארקס איז עווענטועל געווארן פארבאטן דורך קאנגרעס, אבער אין יאר 2021 האט קאנגרעס באשלאסן איר צוריקצוברענגען אונטער אן אנדערן נאמען, רופנדיג איר אלץ "געמיינדע פראיעקטן", מיט די באדינגונג אז די וועלכע באקומען איר וועלן דארפן פארזיכערן מער דורכזיכטיגקייט, אז די פעדעראלע רעגירונג זאל זען אז די געלטער ווערן ערנסט באהאנדעלט. א יאר דערויף האט די האדסאן וועלי באקומען אזויפיל ווי 38 מיליאן דאלאר אין אזעלכע פעדעראלע פראגראמען.

פון די סכומים וועלן ווערן צוגעשטעלט 500,000 דאָלער פאר נייע באסעס אין יאנקערס, 8 מיליאן דאלאר פאר סיידוואלקס אין די טאון אוו ראמאפא, און איז געווארן דירעקטירט דורך די לאקאלע קאנגרעסלייט פאר וויכטיגע פראיעקטן אין זייערע דיסטריקטס.

די גרעסטע סכום אין די האדסאן וועלי איז געגאנגען צו די קאנגרעס דיסטריקט פון דעם היימישן מאנסי, ווי קאנגרעסמאן מייק לאולער האט צוגעשטעלט אזויפיל ווי 36 מיליאן דאלאר פאר 17 פראיעקטן אין זיין דיסטריקט, וואס נעמט אריין ראקלענד און פאטנעם קאונטיס, און טיילן פון וועסטשעסטער און דאטשעס.

דער פאקט אז סענאטאר שומער פון ניו יארק איז דער מאיאריטעט פירער שטעלט ניו יארק אין א בעסערע פאזיציע ווען עס קומט צו אזעלכע גרענטס. די צוויי סענאטארן פון ניו יארק האבן געספאנסערט אזויפיל ווי 58 מיליאן דאלאר פון די פאנדינג וואס וועט קומען צו די האדסאן וועלי. ווייטער ווען עס קומט צו די קאנגרעס האבן די רעפובליקאנער קאנגרעסלייט געהאט א בעסערע וועג צו ציען דעם ציגעל, וויבאלד די רעפובליקאנער זענען אין קאנטראל דארט, און די סך הכל פאר די געלטער וואס וועט אריינקומען אין די האדסאן וועלי וועט זיין 77.8 מיליאן דאלאר.

קאנגרעסמאן פעט רייען פון די 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט האט אויך באקומען א סכום פון 17 מיליאן דאלאר צוגעטיילט צו זיין דיסטריקט, וואס נעמט אריין קרית יואל, און קאנגרעסמאן מארק מולינארא פון די 19'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט האט באקומען צוגעטיילט אזויפיל ווי 27.6 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו אויסשפרייטן פאר פראיעקטן אין זיין דיסטריקט, וואס נעמט אריין די היימישע קעטסקילס געגענט און דעם סאטמארן שטעטל קרית יטב לב.

איבער דאס לאנד האבן געזעצגעבער צוגעטיילט אזויפיל ווי 6,000 גרענטס, וועלכע ציילט די אסטראנאמישע סומע פון 12 ביליאן דאלאר. א גרופע פון רעפובליקאנער סענאטארן וועלכע האלטן אז דאס איז נישט קיין אויסגעהאלטענע רעגירונג פראקטיק האבן פרובירט דאס צו ארויסווארפן פון די בילס וועלכע האבן זיי אנטהאלטן, אבער אן קיין ערפאלג.

די ביל איז באשטעטיגט געווארן דורך קאנגרעס דעם פארלאפענעם מיטוואך, און דורך דעם סענאט דעם פארלאפענעם פרייטאג, ממש שטונדן בעפאר דעם דעדליין וואס האט זיך אויסגעפעלט צו אדורכפירן א בודזשעט צו פארמיידן א רעגירונג שאטדאון. געוויסע בילס זענען נאך נישט אדורך, און דארפן נאך ווערן באשטעטיגט ביז מארטש דעם 22'סטן צו ווערן צוגעטיילט צו די באטרעפנדע פראיעקטן, איינע פון זיי איז א ביל וואס לאולער האט פארלאנגט. 2.1 מיליאן דאלאר צו פאררעכטן פארפלייצונגען אין קלארקסטאון.

פון די פראיעקטן וואס אחינו בני ישראל וועלן הנאה האבן איז די 8 מיליאן דאלאר וואס איז געווארן צוגעטיילט צו די טאון אוו ראמאפא צו בויען סיידוואלקס אויף שטחים אין די מאנסי אומגעגענט. אידן וועלכע שפאצירן אויף די גאסן פון מאנסי און די אומגעגענט דארפן אפט שפאצירן אויף געפארפולע שאסייען, און בפרט ווען עס קומט שבתים און ימים טובים ווען מען קען נישט פארן מיט קיין אויטאס, און ביינאכט ווען עס איז זייער שווער צו זען.

לאולער האט אנגעוויזן אויף אזויפיל ווי 983 אינצידענטן אין וועלכע מענטשן וועלכע זענען געגאנגען אויף די גאסן זענען געווארן פארוואונדעט און אזויפיל ווי 27 זענען ל"ע אומגעקומען אין א 12 יעריגע צייט אפשניט פון 2011 ביז 2022. די געלטער איז געווארן צוגעשטעלט דורך די צוויי ניו יארקער סענאטאר און קאנגרעסמאן מייק לאולער.

אין די זעלבע צייט האבן די דריי ניו יארקער רעפרעזענטאטיוון צוגעשטעלט א ריזיגער גרענט פון 7.5 מיליאן דאלאר צו בויען און איבערמאכן די היימישע קאמיוניטי אוטריטש צענטער אויף רעמסען עוועניו, און נאך 1.6 מיליאן דאלאר צו בויען א 15,000 סקווער פיס קאמיוניטי צענטער פאר די ארגאניזאציע ואס שטעלט צו סאציאלע סערוויסעס אין די מאנסי געגענט.

# וואודבארי איינוואוינער פאַרלאַנגען זיכערע שאָסייען ביי טאַון מיטינג

איינוואוינער פון די טאון אוו וואודבארי זענען ארויסגעקומען צו א זיצונג אין טאון האלל, וואו די באורד האט דיסקוסירט פארשידענע טאון אנגעלעגנהייטן. די זיצונג איז פארגעקומען אום מארטש דעם 7'טן, און איינוואוינער האבן אויפגעברענגט די אישו אז דרייוועור פארן אויף א הויכע שנעלקייט ווען זיי פארן אדורך אין באוואוינטע געגענטער, און אנגעפילטע שאסייען, וואס מאכט א גרויסע ריזיגע פון עקסידענטן ל"ע.

צווישן די זארגן וואס זיי האבן אויפגעברענגט איז געווען דאס וואס דרייווער פליען שנעל אויף די רוט 32 אין די טאון, און אן איינוואוינער פון היילענד מילס האט זיך געזארגט אז דרייווער זענען אונטער די איינפלוס פון פארשידענע געווירצן, און פארמערטע טראק טראפיק פון א נייע ווערהאוז אין קארנוואל.

די באורד מיטגלידער האבן אנגעוויזן איבער די באגרעניצונגען וואס זיי האבן צו אדרעסירן געוויסע פון זייערע זארגן און זיי געזאגט זיך צו ווענדן צו די נויטיגע אויטאריטעטן. די באורד האט אויך באשלאסן צו נישט באנייען זייער טייל מיט די "אידישע פאמיליע סערוויסעס", א פראגראם וואס האט צוגעשטעלט טראנספארטאציע הילף פאר עלטערע לייט פון די אידישע געמיינדע אין די טאון אוו וואודבארי.



# סטעיט שטעלט צו קעש צו טרענירן פייער לעשער



אזויפיל ווי 10 מיליאן דאלאר איז געווארן באשטעטיגט אין אן ערשטמאליגע סטיפענד פראגראם אונטער וועלכע די סטעיט וועט צושטעלן אזויפיל ווי צען מיליאן דאלאר צו העלפן באצאלן די קאסטן פון טרענירונג קורסעס וואס וואלונטיר פייערלעשער זענען פארפליכטעט צו נעמען בעפאר זיי ווערן באשטעטיגט.

די פראגראם קומט אין רעזולטאט פון א מאנגל אין וואלונטיר פייערלעשער איבער די סטעיט. ארום האלב פון די גאנצע סטעיט ווערט באדינט דורך וואלונטיר פייערלעשער, אנשטאט די באצאלטע פייערלעשער אין די גרעסטע סיטיס. אין לויף פון די פארלאפענע יאר האבן ווייניגער און ווייניגער ניו יארקער זיך איינגעגעבן צו פרייוויליג זיך אנשליסן אין די פייערלעשער דעפארטמענטס, וואס האט זיך אויסגעשפילט אין א מאנגל אין די גאר וויכטיגע צוועק.

# סטעיט שטעלט צו פינאַנציעלע שטיצע פאר ריינע ענערגיע פראָגראַמען




די סטעיט האט געמאכט אוועילעבל 16 מיליאן דאלאר פאר פארגעשריטענע ריינע היידראדזשין ענערגיע קוועלער, אלץ א טייל פון די היידראדזשין און ריינע אויל פראגראם. די געלטער וועט ווערן דירעקטירט צו שטיצן די פארשונג, דעוועלאפמענט און דעמאנסטראציע פראיעקטן.

"ניו יארק גייט די ערשטע אין די רייע צו בויען א ריינע היידראדזשין עקא-סיסטעם" האט גאווערנער האוקול געזאגט. די גרענטס וועלן ווערן געגעבן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגעי פארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט. די אינוועסטירן זענען געמאכט געווארן צו העלפן דערגרייכן די סטעיט'ס זערא עמישאן ביז 2030.

# ניו יאָרקער שפיטעלער אַפעקטירט פון סייבער אַטאַקע וועלן מעגליך באַקומען פעדעראַלע הילף

שפיטעלער לענגאויס ניו יארק וועלכע האבן אין די לעצטע צייט געליטן פון סייבער אטאקעס וועלן מעגליך באקומען צוטריט צו פעדעראלע באצאלונגען אונטער א נייע פלאן וואס ווערט פאראויסגעשטופט דורך סענאט מאיאריטעט פירער טשאק שומער.

אין אטאקעס וואס שפיטעלער און מעדיצינישע צענטערן אין ניו יארק האבן געליטן זענען זיי אויסגעשטאנען צו פארלירן אסאך געלטער, וויבאלד דאס האט אפגעשטעלט די באצאלונגען פון די אינשורענס צו זיי. לויט דעם פראגראם וועלן די שפיטעלער ווערן באצאלן דורך א פראגראם וואס וועט ערלויבן פאר צענטערן וועלכע אקצעפטירן מעדיקעיר און מעדיקעיד צו ווערן פאראויס באצאלט פאר געלטער וואס ווערן פארשטאלפערט אין לויף פון א סייבער אטאקע.

איין מעדיצינישע צענטער וואס האט געליטן פון אזא אטאקע האט געהאט מער ווי 20,000 קלעימס וואס זענען געווארן אויפגעהאלטן, וואס האט זיי שאדן געמאכט אזויפיל ווי 1.5 מיליאן דאלאר פער טאג. עס איז נישט קלאר וויפיל שפיטעלער אין ניו יארק זענען אפעקטירט געווארן פון א סייבער אטאקע אויף די יונייטעד העלט און טשעינדזש העלטקעיר אום פעברואר דעם 21'סטער. סענאטאר שומער וויל אויך אז די פעדעראלע רעגירונג זאל אויספארשן די פארמערטע צאל סייבער אטאקעס אויף מעדיצינישע אנטשטאלטן.




# העכסטע געריכט אין אָראַנדזש קאָונטי לייגט צייטווייליגע פאַראָרדענונג צו פאַרפרירן ניובורג רענט קאָנטראָל פאַרשריפטן

דעם פארלאפענעם מיטוואך האט אן אראנדזש קאונטי ריכטער געגעבן א פאראָרדענונג אז די נייע ניובורג רענט קאנטראל געזעצן וואס די ארטיגע סיטי קאונסיל האט אדורכגעפירט זאל נישט אריינגיין אין אפעקט ביז די געריכט וועט עווענטועל אורטיילן איבער דעם נושא.

די סיטי קאונסיל אין ניובורג האט אדורכגעפירט א רענט קאנטראל געזעץ צו באגרעניצן וויפיל לענדלארדס מעגן ארויפגיין מיט רענט פאר טענענטס אין די שטאט. די לענדלארדס האבן אפעלירט די באגרעניצונגען אין געריכט, און די געריכט האט יעצט געזאגט אז ביז דעם ענדגילטיגן אורטייל טארן די נייע פארשריפטן נישט אריינגיין אין אפעקט.



# WEEKLY LISTINGS

## HOT LOCATION - FOR SALE










**15 D A Weider Blvd**

- **GREAT LOCATION !!!**
- BEAUTIFULLY UPGRADED
- FULLY TILED GRANITE KITCHEN
- HUGE DINING ROOM
- 2,900 SF
- 5 BED. - 3 BATHS
- + A GUEST SUITE WITH A 4TH FULL BATHS
- CENTRAL AIR
- FULL FINISHED ATTIC
- LARGE-SIZED DECK
- ASKING: 1.25MM
- AND MUCH MORE...

## 4 UNIT INVESTMENT OPPORTUNITY

MAJOR PRICE IMPROVEMENT






**6 Farrington St, Newburgh,**

- **Fully Renovated**
- **New Kitchens**
- **Fully Occupied**
- **4 Units**
- **Great Location**
- **7.4% Cap Rate**
- **PROJECTED RENT INCOME 10.9% CAP**
- **COC 14.25%**
- **ASKING $699k**

**Don't miss out on this great opportunity**

## FOR SALE



**Half Hollow Area**

- **New Construction**
- **Move-in Ready**
- **Walking distance to KJ**

**This HUGE house has a lot to offer**

## Investment Opportunity



***Town of Blooming Grove***

- **55 Acre**
- **Great for a yeshiva**
- **Connected with the village of SBG**

## COMMERCIAL - PENDING



**14 Lakes Road, Monroe**

## SOLD



**105 Quassaick Ave New Windsor**

## sold



**25 Ponderosa Drive**

## sold



**29 boulder**


**WEEKLY MORTGAGE RATE**

| | |
|---|---|
| 30-Year fixed-rate mortgage | 6.88% |
| 15-Year fixed-rate mortgage | 6.22% |

JOEL BASCH
LICENSED REAL ESTATE BROKER
374-486-2196 -JOEL@PRESTIGERT.COM

PRESTIGE REALTY
SELL & BUY WITH PRESTIGE


YES! WE'RE
OPEN
PURIM
OPEN
24
HOURS
Motzei Shabbos
(From a 1/2 hour after the Zman)
until Sunday
*No Returns or Delivery on Purim
mintleaf
Kosher Market
5 Mangin Rd. (Cor. Rt. 208)
Blooming Grove | orders@mintleafkosher.com
Peppermint
supermarket
33 Dinev Road, Monroe
orders@peppermintsupermarket.com


בס"ד
גיבט אכטונג
פונעם תלייה.
המן
העננגט
דארט!
קיאסק:
פאר טייל א ישועה
פאר אנדערע א תלייה
מחניך קדוש
ביצור חומת מחנינו מפגעי הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

'פאלם טרי והגלילות'

# פורימשטאט

KJ · WEEKLY

פורים תשפ"ד • שמחת פורים ושמחת תמיד • ווילעדזש און קאכנשריפט



# רוסלאנד שיקט פרישע גענעראלן און באשלאסן צו אינטערדריקן אוקריינע מיט גאר שווערע מיטלען...

## האלט קרית יואל ריין - נייע געדאנק מיט אונטערערדישע מיסט קאסטענעס



## גאנצע רייע מיט דירות צו פארקויפן - עסקינג פרייז $12,000



## דער שאלעטידעם בילקענלע



6



## וועלכע ברכה מאכט מען אויף א....?

8

## ווילאנג קען מען ווייזן מיטן פינגער...



10

**יאריך ימים על ממלכתו:**

# מאמע רוסלאנד באַשטעטיגט למז"ט פרישע יאָרן פאַר טאַטע פוטין



גלעזער קראכן מיט נאכפאלגענדע פרייליכע וואונטשן, יו.ען. מיט אָפענע צווייפל איבער כשרות לעגעטימאציע מיט פאַרלאַנג פאר זאָפאָרטיגע שריט איבערצומאַכן די וואַלן כדת וכדין

**גינסטיגע האוזינג נייעס:**

# מאסקאווע אקטיוו מיט 2 שפּיציגע אויספארשונג נאך עטליכע געשעענישן אינערהאלב רוסישע גרעניצן



פוטין פארשפרעכט צו דערגרינטעווען אורזאך וואס האט געפירט צום טויט פון 'נעוואלני' און פארשפרעכט אויסצופארשן סיבה פון די טייערע האוזינג מארקעט אין אירע גרעניצן - גלייכצייטיג טוט רוסלאנד הויפטווארטזאגער פארעכטן אז דירות פרייזן פון די אליגארכן פאלן און נישט ווי די מערב וועלט פארקויפט אז אליגארכן פאלן פון די דירות - אין באזונדערע נייעס טוט רוסלאנד אפווארפן איבער די הויכע צאל רוסישע פאטאליטעטן אין אוקריינא זאגנדיג אז ס'איז אפילו נישט פארהאן אזוי סאך פענסטער דארט...

**ווין טעיסטינג:**

# צוליב די גרויסע חלוקה קאנקורענט און אויפן פארלאנג פון די מדקדקים וועט די צוויבל שוין קומען אפגעשיילט...



צוויבל לאקאציעס: גארפיעלד
קארנער ווען ביורען, 13 רימנוב, מעריוואלד,
שטח הישיבה בארדיטשוב, עיקערס



סידור קידושין החדש:

# נייער סידור ארייַנגעברענגט אין די לאקאלע בתי מדרשים עפ"י נוסח סאטמאר

**סליחות ספעציעל ליום אידם ה' אייר אשמנו בגדנו וכו' ארייַנגעדרוקט גלייך נאך די שמונה עשרה – ערוועקט שטורעם פון מעררים קעגן נייע הוספות – פארלאנג זאפארט איבערצומאכן אלע סידורים**

שניתן רשות לרופא:

## שפיטאל רעש'ט ווען פאציענט געלונגט זיך ארויסצורייסן פון אונטערן מעסער פון כירורג לעצטע מינוט בעפארן אפעראציע

**אין אלע שוהלן העכער די בעל תפלה געהאנגען מיט א בקשו רחמים מיטן נאמען פון די דאקטער...**



מפני שיבה תקום:

## פרעזידענטביידן ירום הודו ועד כוש שטופט פאראויס נייע 'סטענד אפ' ביל צו ברענגען שעצונג פון אמעריקאנער צו עלטערע פרעזידענטן; ביל געניסט פון אומפארטייאישע שטיצע

**חכמה בגויים תאמין: טראמפ שטעלצירט מיט געלונגענע 'אהבת קדומים' עפאכע אין וואשינגטאן וואס ווערט לויט פארשידענע קוועלער נאכגעמאכט אויך ביי אנדערע פארטייען**






שיורד על פי מידותיו:

## פרעזידענט ביידן אין סטעיט אוו די יוניאן רעדע: 'געז גייט אראפ' באקומענדיג הילכיגע אפלאדירונגען

**צייגט אן אז יעדער מאטאריסט קען דאס אליין זען אויפ'ן דעשבאורד בשעת'ן דרייוון**

עשב בשדך לבהמתך:

# קרית יואל היסטאריש פאראייניגט ווי קיינמאל בעפאר נישט צו באוואסערן די גראז

צוליב א מאנגל אין גראז...



אנאליזירער אנטדעקן היסטארישן פענאמען:

# רוסישע פוטין סטראטעגיעס איז באזירט לויט די פארשריפטן פון אחשורוש אדמיניסטראציע אינערהאלב פארצייטישע שושן קעניגרייך

- המנ'ס טאכטער פאלט פון א פענסטער אין מיסטעריעזע טויטפאל
- הערשער טוט כסדר טוישן מיניסטארן און גענעראלן, אמאל איז המן דער הויפט מיניסטער, אמאל ושתי און אמאל מרדכי
- המנ'ס סאלדאטן זענען אויסגעלאפן פון וויכטיגע סופליי אויפן פראנט
- אחשורוש פירט דורך ריזיגע פאראדעס און אויך אין פרס איז משקה שטארק גאנגבאר
- פוטין פארמאגט אויך ספעציעל נאנטע באציאונגען מיט'ן אידישן הויפט רב
- אחשורוש ציטערט און איז חושד אלעמען אין פאררעט
- אסתר דארף שטיין ווייט, ביים אנדערן עק פון דעם לאנגן טיש, ביים ווען רעדן מיט אים

אין כל חדש תחת השמש

## עשה למען תינוקות שנשבו



## והשתי' כדת וכדין: ששה מתפללים געפאלן נפילת אפים נאך שטילע שמו"ע



### אוניווערסיטעט אַנטדעקט:

# אַלגעמיינע אמעריקאנער קלאַזן נישט אויף זייערע נייע הייזער, זינט זיי פארמאגן נישט קיין ימים טובים

**המון קרעכצט מיט וויטאג אז אידן פארמאגן ברייטע מעגליכקייטן צו ענדיגן פרישע דירות פראָיעקטן, האבנדיג אַלעמאָל אין באַזייך פסח, א סוכות, און היינט שוין אויך א ל"ג בעומר מיט א פורים קטן, וואָס גיט מעגליכקייטן פאר דעוועלאָפּער צו פאראויסשאצן דעדליינס פאר זייערע דעוועלאָפּמענטס מהודו ועד כוש**




הויז געקלאוזט

### נייע סערוויס אין פריצ שטאפלען צו העלפן די מענטשן וואס זענען מקפיד צו טובל'ן זייער קראק"ם...



קהל דאבשינא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

קרית דאבשינא - טשעסטער יצ"ו

לכבוד תושבי הקיץ תשפ"ב

זמן שחרית 9:45

**באמערקונג**

אינזער מקוה איז נישט

קיין מזונות

מ'דארף זיך קודם וואשן

הגבאים

### ספעציעלע גאפלעך צוגעשטעלט צו קענען אריינשטעקן אין די בילקע



### שטריימלעך גייען גרוים, פארלאנג פאר העכערע שעלוים און העכערע טירן



# דער שאַלעשידעס בילקעלע



די היסטאָריע פון אָט דעם אָביעקט איז זייער אַ לאַנגע, און גייט צוריק מיט צענדליגער יאָרן – נאָך איידער מען האָט סערווירט אָווערנייט קוגל ביי קידושים.

עס איז צום ערשטן מאָל אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר תשי״ט ('59), דורך אַ צופעליגע געשעעניש. אין איסט סייד האָט זיך געפונען אַ בעקעריי מיט'ן נאָמען דאַווידאָוויטש'ס געבעקסן", און איז געפירט געוואָרן פאַר לאַנגע יאָרן דורך די אַריסטאָקראַטישע דאַווידאָוויטש משפחה וועלכע האָבן געוואוינט אין די איסט סייד.

איין מיטוואָך אָוונט, האָט דער אַרבעטער בטעות אַריינגעוואָרפן אַ זעקעלע מעהל אין אַ גרויסן פאַס אויפגעקלאַפטע אייער, און דערזעענדיג זיין חורבן האָט ער נישט געטראַכט קיין צוויי און עס אַרויסגעלייגט אינעם האָלוועי, האָפנדיג אַז דער רוימער וועט דאָס אַרויסטראָגן מיט די איבריגע מיסט.

אָבער איידער דער רוימער האָט עספּיעט אָנצוקומען, איז דער לעגענדאַרער בעקער הרב דאַווידאָוויטש ע"ה אָנגעקומען, און ער האָט באַפוילן פאַר די אַרבייטער דאָס אַריינצולייגן אין בעקעלעך און עס אָפּבאַקן, וואַרטנדיג מיט שפּאַנונג אויף די רעזולטאַטן וועלכע האָבן נישט געשפּעטיגט צו קומען.

האָבנדיג ביי זיך אין באַזיץ איבער **100** איבריגע בילקעלעך, האָט ער באַשלאָסן דאָס מנדב צו זיין פאַר די "בני משולם" שול וואו ער האָט געדינט אַלס פּרעזידענט. ווען ס'איז געקומען צו שלש סעודות און דער עולם האָט זיך געוואַשן צו די בילקעלעך, האָבן 5 מענטשן זיך געשטיקט אויף די טרוקענע בילקעלעך – וועלכע זענען באַשטאַנען פון מער אייער ווי מעהל – און דער מצב איז נישט געווען אַזוי איי, איי, איי...

אין די 'הצלה' אַרכיוון איז דאָקומענטירט אַז יענעם שבת איז געווען די פאַרנומענסטע אין יענע עפּאָכע, ווען אַלע 7 (!) וואָלונטירן זענען אַריבערגעגאַנגען די בריק און האָבן באַהאַנדלט די פּאַציענטן.

די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז דער טרוקענער צושטאַנד פון די דאָזיגע בילקעלעך האָבן צוגעפירט צו דעם אינצידענט, און האָבן פאַרלאַנגט פון די בי.ווי.קעי. (היינט די עף.די.עי.) צו מאַכן אַ געזעץ אַז ווער עס סערווירט די בילקעלעך, מוז צוגעבן אין די זייט עטוואָס פליסיגקייטן צו טרינקען וואָס דערמיט וועלן די בילקעלעך זיך גרינגער אַראָפּגליטשן.

זינט דאַן איז איינגעפירט צו טיילן געטראַנקען ביי שלש סעודות, אָבער ס'איז נישט קלאָר פאַרוואָס די טיילערס האָבן באַשלאָסן אַז ס'מוז דייקא זיין וואַרעמע סעלצער, אויסגעוועפּטע 'דזשינדזשער עיל' וואָס פאַרמאָגט אַ סטיקער "באָטעלד אטין 993"', אָדער רויטע קולעי וואַסער וועלכע טרעפט אייביג זיין וועג צום העמעדל פון דעם 5-יעריגס.

*

די בילקעלע פאַר זיך איז גאָר קאָנטראָווערסיאַל, און האָט שוין עטליכע מאָל משנה צורה געווען. צום ערשט איז דאָס געווען רונדיג און גלאַנציג פון אויבן. צוליב דעם איז געווען אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פון קאָנגרעס צום בילקעלע, ווייל איינער פון די דעמאָלסדיגע קאָנגרעסלייט האָבן זייער געענדלט דערין רונדיג, מיט אַ גלאַנציגן קאָפּ פון אויבן. דערנאָך זענען געקומען עטליכע פירמעס און צוגעלייגט 'סעסעמי סידס', אָבער זיי זענען גאָר שנעל פאַרשריגן געוואָרן דורך מענטשן וועלכע האָבן גע'טענה'ט אַז מיט דעם וועט דער גאַנצער חן – וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף די אומשולדיגע בילקעלע – אַוועקגיין.

עס זענען פאַרהאַן ערטער וואו עס ווערט אויפגעשטעלט ספּעציעלע צעמענטענע באַריקאַדעס און געשולטע וועכטער שטייען גרייט צו ברענגען דעם מצב אונטער קאָנטראָל אין פאַל עס ברעכט אויס שלעגערייען און שטופּערייען נאָענט צום זמן, ווען מ'הערט שוין: 'נאָך איינער וואַשט זיך? ס'איז דאָ נאָך דריי בילקעלעך...'



# אַן אינטערוויו מיט די בילקעלע

דער רעדאקציע האָט באַוויזן צו כאַפּן אַ געהיימען שמועס מיט איינע פון די בילקעלעך, און אַרויסגעשנאַפּט אינפאָרמאַציע פון אים.

**רעדאקציע:** אַ גוטן טאָג, און אַ פרייליכן יאָר.

**בילקעלע:** אַ בעסערן.

**רעדאקציע:** צום ערשט, פון וואו קומט איר?

**בילקעלע:** איך קום פון די באַקאַנטע פראַנדער'ס בעקעריי אין וויליאַמסבורג.

**רעדאקציע:** ווי לאַנג זענט איר שוין אַ שאַלעשידעס בילקעלע? צי לויפט דאָס אין די משפחה?

**בילקעלע:** איך בין שוין אַ בילקעלע זייט די פאָריגע וואָך מיטוואָך ווען איך בין אַרויסגעקומען פון אויוון. און צי דאָס לויפט אין די משפחה, איז דער ענטפער יאָ, און איך שטאָלציר אַז איך בין שוין דער צענטער דור פון שאַלעשידעס בילקעלעך! מיין טאַטע און זיידע זענען געווען פייערדיגע שאַלעשידעס בילקעלעך, און איך בין אויך היבש וואַרעם דערצו.

**רעדאקציע:** אַהאַ. לאָמיך וויסן אַביסל מער 'אינסייד' אינפאָרמאַציע וואָס אַזוינס עס גייט פאָר ביי די בילקעלעך פאַמיליעס. איר קענט אונז אפשר זאָגן וואָס איז אייער ערגסטער מאָמענט אַלס בילקעלע?

**בילקעלע:** ס'איז שווער צו זאָגן, און כ'בין זיכער אַז יעדע בילקעלע וועט אייך ענטפערן אַנדערש. מיין ערגסטער מאָמענט איז ווען מען הייבט אָן צו זאָגן עלינו נאָך מנחה. מאָמענטאַל קומען צו רייסן עטליכע ישיבה קטנה בחורים, און מיט אַ ווילדע אכזריות וואַרפן זיי זיך אַרויף אויפ'ן פּאַפּירענעם באַקס, און פליקן אים אויף מיט אַ סאַדיסטישקייט. דערנאָך נוצן זיי זייערע צען פינגער אויפצורייסן די פּלאַסטיק, און גלייך פּאַסירט עטליכע פּאַטאַליטעטן מיט בילקעלעך וועלכע פאַלן אויף דער ערד און ווערן דערנאָך צעדרוקט. פאָריגע וואָך אַליין האָב איך פאַרלוירן עטליכע נאָענטע חברים ביי אַזאַ אינצידענט.

דערנאָך קומט די שטופּערייען. צענדליגער פּאָר הענט שטופּן זיך אַריין אין אַ באַקס וועלכע פאַרמאָגט פּלאַץ פאַר בלויז דריי פּאָר הענט. דאָס שאַפט אַן אומגעהויערע היץ אינעם באַקס, און עטליכע בילקעלעך ליידן וועכנטליך פון 'דיהיידרעישאָן'.

א באזונדערע קאפיטל איז דאס צוטיילונג פון נאנטע משפחה מיטגלידער וואס קען צושפאלן הערצער. יעדע וואך האלט איך מיט וואו מען טוט אזוי גרויזאם אפטיילן צוויי נאנטע צווילינג בילקעלעך, נאך אזוי לאנג זיין געקניפט און געבינדן קלאפט דאס אויס גאר שווער אויפן בילקעלע מיט לאנג טערמיניגע גייסטישע שאדנס. מענטשן באגרייפן נישט וואס זיי טוען און מיינען אז בילקעלעך האבן נישט קיין געפילן.

**רעדאקציע:** פאַרוואָס שרייען זיי נישט פאַר הילף?

**בילקעלע:** (לאַכט זיך אונטער) ס'אַראַ נאַרישע פראַגע! פאַראַיאָר האָבן מיר אויפגעהויבן אַ וויי-געשריי ווען דער מצב איז געוואָרן אומדערטרעגליך, דוכט זיך אַז ס'איז געווען שבת הגדול, און די פאַרזאַמלטע מענטשן זענען געלאָפן ווי פונעם טייוול אַליינס. ס'האָט גענומען עטליכע טעג ביז איינער האָט נאָכאַמאָל איבערגעטרעטן די שוועל פון דער שול.

**רעדאקציע:** וואָס פּאַסירט נאָכדעם?

**בילקעלע:** נאָכדעם ווערן מיר אַריינגעלייגט אין בוזעם טאַש. כ'על אייך זאָגן דעם אמת, אַז געוויסע בילקעלעך זענען גאָר פרייליך צו זיין אינעם צעקוועטשטן בוזעם טאַש ווי איידער אין די הייסע באַקסעס. און רעדנדיג פון די בוזעם טאַש, וויל איך טאַקע בעטן איז זאָלט איבערגעגעבן אַ דרינגענדע ביטע פאַר אייערע לייענער. מיר בילקעלעך בעטן זיך: נעמט אַראָפּ די צעטלעך פון די קלינערס איידער שבת! איר קענט אייך נישט פאָרשטעלן וואָספאַראַ צעשטערטער שבת מיר קענען אָפּטמאָל איבערלעבן. די קליינע אומשולדיג-אויסזעענדע צעטלעך קומען מיט צוויי מאָנסטערישע 'סטעיפּלס', און דאָס טוט וויי! ספּעציעל ווען מען שטופּט זיך אין די רייע ביי די סינקס, אָדער ווען מ'פאַלט אַריין צו אַ מדקדק וועלכער רייבט זיך אַריין די הענט אין די בעקיטשע, פון אַלע זייטן, איידער ער וואַשט זיך, און מיר ווערן צעריבן פון די גרויזאַמע סטעיפּלס. אויך דארף מען געדענקן קלינען די בעקיטשעס טיעף אין די טאשן. מיר גלייכן זייער נישט מיטצוהאלטן סדרים פסח ביינאכט ווען מיר זענען א בושה אין א אידישע שטוב.

**רעדאקציע:** איז ביי יעדן אייניג?

**בילקעלע:** אוודאי אַז נישט! יעדע וואָך פּרובירן מיר בילקעלעך פאָראויסצוזאָגן וועלכער פון אונז וועט – אַנשטאַט גיין אין אַ בוזעם טאַש – זיך טרעפן אין איינע פון די שיפּע טאַשן וואָס דרייען זיך אַרום אין אייער ביהמ"ד. ס'גייט אַרום אַ מעשה ביי אונז אין די משפחה, אַז אונזער זיידע ע"ה איז איינמאָל געווען פון די גליקליכע אַריינצוגיין אין איינע פון די שיפּע טאַשן, דוכט זיך אַז ס'איז גאָר געווען פון אַ בלויע קאָליר, און ווייסנדיג אַז יענער גייט אַרום נאָך געלט, האָט ער זיך באַהאַלטן ביי יענעם ביז מוצאי שבת, און ווען יענער האָט נישט באַמערקט האָט דער זיידע אַרויסגענומען אַ גרויסע סומע געלט פון דאָרט.

**רעדאקציע:** לאָמיר רעדן פון פרייליכע זאַכן, ס'איז פאָרט חודש אדר... וואָס איז אייער בעסטער מאָמענט אַלס שאַלעשידעס בילקעלע?

**בילקעלע:** ס'איז ביי מיר קלאָר אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין בעסערע מינוטן ווי פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען מיר אַלע בילקעלעך זיצן אינאיינעם אין בעק פונעם דעליווערי וועון, און מיר שמועסן היימליך צוזאַמען איבער פאַרשידענע טעמעס. און ווי קען איך פאַרגעסן פון די געהויבענע תפילות וואָס מיר קענען מיטהאַלטן במשך דעם שבת, ליגנדיג רואיג אינעם שמש'ס שטיבל אָדער אויף די טרעפּ נעבן קידוש-זאַל, בפרט ווען אַ בעל תפלה מיט אַ שיין קולכ'ל גייט צו און גאָרגלט זיך ביי ק-ל אדון.

**רעדאקציע:** וואָס נאָך קענט איר אונז פאַרציילן פון אייערע איבערלעבענישן אין די בתי מדרשים?

**בילקעלע:** עמממ...., יאָ. איך דערמאַן זיך ווי מיין עלטער פעטער ע"ה פלעגט פאַרציילן מיט נאָסטאַלגיע וויאַזוי מען פלעגט אַרויפלייגן אויף אים שטיקלעך געפילטע פיש, וואָס די מענטשן פלעגן אָנרופן 'קאָצקאָ', און אַזוי אים אויפעסן. אָבער היינט צוטאָגס הער איך צוריק פון מיינע חבירים – וואָס קומען צוריק פון די שוהלן – אַז מען טונקט אונז איין אין א. ג. 'דיפּס' 'לאַקס' און אַזעלכע שמות נרדפים. וואָס זאל איך דיר זאגן 'זכרנו את הדגים' ס'איז געווען מלא טעם די אַלטע באַ'טעמ'טע שטיקלעך פיש?

און אַז איך רעד שוין, לאָמיך איבערגעבן נאָך אַ ביטע פאַר די מענטשן. מיינע פריינט פאַרציילן מיר אַז אָפּטמאָל זעען זיי ווי אַ מענטש קומט צו צום טיש מיט איין בילקעלע אין די האַנט, און מיט די צווייטע האַנט גיט ער אַן אכזריות'דיגן קוועטש אויף דעם אומשולדיגן בילקעלע וואָס ליגט פאַר'חלומ'ט אויפ'ן טיש, און מיט אַ פרעגנדע מינע אויפ'ן געזיכט דרייט ער זיך אויס צום מענטש וואָס זיצט דאָרט, און פרעגט "נו?!"

איך ווייס נישט וואָס דער באַדייט פון די פראַגע איז, אָבער וואָס ער וויל פרעגן קען ער דאָך פרעגן אָן צעקוועטשן דעם בילקעלע! לאַכט נישט, איר ווייסט אַז אַסאַך מאָל קען אַזאַ שטאַרקער קוועטש גורם זיין אַז דאָס אָטעמען זאָל זיך פאַרלאַנגזאַמען, אָדער ח"ו אינגאַנצן אָפּשטעלן?

כ'פאַרשטיי אַז איר ווילט עפּעס פרעגן פון יענעם, אָבער טראַכט אויך פונעם אומבאַהאָלפענעם בילקעלע!

אופּפּפּס! איך זעה ווי דער דעליווערי מאַן קומט מיט זיין האַנד טראָק. איך מיין אַז מיר דאַרפן זיך שיידן אויף אייביג...

**רעדאקציע:** וואָס עפּעס? איך קען נאָך זוכה זיין אייך צו האָבן אין מיין בוזעם טאַש ביי שלש סעודות...

**בילקעלע:** ווער ווייסט...?! אַדערוויייל בלייבט מיר געזונט!

**רעדאקציע:** אַ גרויסן שקויעך פאַר'ן אַראָפּנעמען פון אייער טייערע צייט. זייט שטאלץ מיט אייער פּאָזיציע אַלס "שאַלעשידעס בילקע". עיני כלל ישראל אליך נשואות. איבערהויפּט אין אזעלכע שווערע מינוטען בעפאר'ן שקיעה, נאכן שלאף, האט איר די זכי' מיטצוגיין מיט כלל ישראל און פריידן און אין ליידן. זאל אייך דער זכות ביישטיין. האט איר א מעסעדזש פאר כלל ישראל?

**בילקעלע:** טאקע שיעור פארגעסן...! איך בין א המוציא!





# וועלכע ברכה מאכט מען אויף א....?

ווער ס'געדענקט אַביסל "גירסא דינקותא", די צייטן ווען מיר זענען געווען קינדער און מיר האָבן געהערט די טעיפּס פון ר' יום טוב ערליך ז"ל, וועט זיך דערמאַנען ווי אויף די ברכות טעיפּ האָט ער איין פרק וואָס רעדט זיך וועגן ברכות. ער באַהאַנדלט יעדע פרוכט וואָס פּאַראַ ברכה מען מאַכט דערויף. ער שטעלט אויס די פראַגע: וואָס פּאַראַ ברכה אויף לעקעך, וואָס פּאַראַ ברכה אויף טרויבן, און אַזוי ווייטער. און דער ניגון דרייט זיך אַזוי אַז נאָך יעדן ענין פרעגט ער: וואָספּאַראַ ברכה מאַכט מען אויף .... און אַלץ רעכנט ער אויס אַן אַנדערע פּרי.

איז וואָס וויל איך מיט דעם זאָגן? גייען מיר דאָ לערנען אַ שיעור כללי אין הלכות ברכות הפּירות? ניין. און נאָך אַמאָל ניין. דערשרעקט אייך נישט. מיר גייען דאָ באַהאַנדלן, גענוי ווי אַלע פּורים וואָכן פון יאָר, אַ ריין שטאָטישע סיטואַציע. נאָר ווי איר וועט אַליין זעהן באַלד, ברענגט אונז די ספּעציעל געשאַפענע סיטואַציע, צו די פראַגע וואָס מיר האָבן געשטעלט: וואָס פּאַר ברכה מאַכט מען? און אַז איר וועט מיך לאָזן אויסרעדן ביז'ן סוף, וועט איר וואַרשיינליך אַליין פאַרשטיין אַז אונזער פראַגע איז נישט קיין פּורים'דיגע, עס איז אַן ערנסטע הלכה פראַגע וואָס די אידישע גאַס שטעלט איצט.

מיר האָבן אַ כלל: אַ מענטש טאָר נישט הנאה האָבן פון די וועלט אָן קיין ברכה. יעדע זאַך, צי איז דאָס עסן, טרינקען, אויך פאַר'ן שלאָפן, און אפילו אַ גערוך וואָס האָט נישט קיין ממשות. דאַרף קומען מיט אַ ברכה פאַר דעם.

אַצינד שטעלט זיך מיר – אַלס אַ תושב פון די גאָ-ט געבענטשטע ווילעדזש של חסד אין די שטאָטן פון קלומבוס – די שאלה, וואָס פּאַראַ ברכה מאַכט מען אויף א חופּה?

איר קענט לאַכן ווי לאַנג איר ווילט. אָבער איך, אַלס פרומער איד וואָס איז מדקדק בקלה כבחמורה, דריי איך זיך אַרום שוין עטליכע וואָכן אַ צעקאָכטער. ס'האַרץ ברויזט אין מיר, איך לויף





אַרום פון איין מורה צדק צום אַנדערן, פון איין רב צום אַנדערן, און פאַר יעדן לייג איך פאָר די זעלבע פראַגע: וואָס פאַראַ ברכה מאַכט מען אויף א חופה?

די פראַגע איז באמת נישט שייך בלויז פאַר מיר, עס איז אַ פראַגע וואָס שטייט פאַרן גאַנצן כלל ישראל וואָס וואוינט אין קאָלמבוס'עס לענדל אין די גלילות בכל שם וחניכא דאית להו. נאָר איך האָב זיך זעלבסט ממנה געווען אַלס "שליח ציבור", און גענומען די זאַך אין די הענט אַריין, מברר זיין "מפי סופרים וספרים", די עומק ההלכה, וויאַזוי מ'דאַרף זיך דאָ פירן. "ויהי זכות הרבים תלוי בי".

וואָס האָט איצט פלוצים פאַסירט אַז די שאלה איז געוואָרן אַזוי הייס, ביזן ארומלויפן צו אלע מורי הוראה און יושבים על מדין, זיך צו קאָכן אַרום דעם?

די פראַגע איז ברענענדיג ווייל איך בין אין די יעצטיגע טעג געווארן א זיידע (מזל טוב) און דאס צווינגט אריין די גאנצע פאַראייניגטע משפחה שטאַטן פון אלע אפטיילונגען פון אלע זייטן אין היציגע דיסקוסיעס, די לאַגע ווערט אָנגעהיצט, ווי ס'זעט אויס וועט זיך דער חתונה סעזאן נישט אַזוי שנעל אָפּשטעלן בליעה"ר אין אזא גרויסע משפחה. ס'וועט זיך אַריינציען פון איינע צום צווייטן, און ווי מ'קען זיך פאָרשטעלן וועט זיך נאָך אַסאַך זאַכן אַנטוויקלען ביז מ'וועט וויסן ענדגילטיג וואס מען האט צו טון. מ'וועט זיך נאָך 'בענטשן' איינער דעם אַנדערן, און איר שושבינין וועלכע שטייען אין דער זייט און זאָגן "ישחקו הנערים לפנינו", זאָלן זיך די זיידעס אַרומרייסן איינער מיט'ן אַנדערן, זאָלן זיי איינער דעם אַנדערן באַזידלען, באַשימפן, באַשולדיגן אין אַלדאָס בייז. און מיר וועלן שטיין אין דער זייט, און גלייבןביידע זייטן... מיר וועלן מסכים זיין אַז אַלעס וואָס יעדער זאָגט וועגן זיין געגענער, איז אמת ויציב. און ס'איז נאָך אפשר צו ווייניג געזאָגט...

דעריבער שטעלט זיך דאָ די האַרבע פראַגע: אויב איז די א ברכה אונטער א חופה טאַקע אַזאַ געשמאַקע זאַך, ס'איז אַזאַ זאַך וואָס אזויפיל מענטשן האָבן דערפון הנאה, און ביי מאַנכע איז דאָס גאָר אַן אָבסעסיע, אַ געוואוינהייט פון וואָס זיי קענען זיך גאָרנישט אָפּגעוואוינען. זיי לייגן זיך מיט דעם און שטייען אויף מיט דעם .

בערב היא באה ובבקר היא שבה, צופרי פאַר'ן דאַווענען מוזן זיי – ביים טרינקען די קאַווע – וויסן וואָס ס'האָט זיך אַנטוויקלט במשך די נאַכט. און ווען זיי קומען צו מנחה מעריב דאַווענען, קייען זיי איבער אַלסדינג וואָס זיין האָבן במשך'ן טאָג געהערט איבער די טעלעפאן ליניעס אַפּאַראַטן, און וואָס זיי האָבן באַקומען אויף די טעקסט מעסעדזשעס. זיי אָטעמען מיט "חופות".

אויב אַזוי, אויב די חופות איז אַזאַ לעבנס וויכטיגע זאַך וואָס אָן דעם קען מען נישט. און מ'האָט אַזאַ גרויסע הנאה דערפון, קען דאָך נישט זיין מ'זאָל נישט מאַכן קיין ברכה דערויף. טאָ, וועלכע ברכה מאַכט מען?

און איצט אַז איר פאַרשטייט שוין די קשיא, איר האָט ענדליך געכאַפּט די האַרבע "קלאָץ קשיא", וועלן מיר צוטרעטן צום ענין, און באַהאַנדלען די סיטואַציע, און פּרובירן אַפּירצוקומען מיט אַ סאָלושן וואָס מ'קען טאָן כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם הנאה האָבן אומגעמאַכט אַ ברכה?

מיר שמועסן דאָ אַז אַזוי ווי די חופות איז אַזאַ סארט באשטאנדטייל פון וואָס די מענטשן פון די וועלט האָבן דערפון הנאה, דאַרף מען מאַכן דערויף אַ ברכה. אָבער באמת איז בכלל אַ שאלה צי מ'מעג מאַכן אַ ברכה אויף א חופה. ווייל א חופה קען אמאל זיין תלויים ועומדים מיט ערנסטע ספיקות אפילו שוין נאכן חופה. נו, ספק ברכה ווייסט דאָך יעדער, איז להקל.

ווי האָט יענער שיינער איד געזאָגט: איך גיי נישט צו קיין חופות וואו איך בין נישט זיכער אַז איך באַקום אַ ברכה. ווייל אין "ספק ברכה" לאָז איך מיך נישט אַריין... ודפח"ח, ושפתים ישק.

קומט אויס אַז די פראַגע איז גאָר פאַרקערט. די פראַגע איז צי מ'מעג בכלל מאַכן אַ ברכה אויף א חופה. און אַז מ'טראַכט אַריין זעט מען אַז די פראַגע פון צי מ'מעג בכלל מאַכן אַ ברכה אויף א חופה איז נאָך פיל טיפער. ווייל אַ ברכה מאַכט מען דאָך נאָר אויף אַ זאַך וואָס מ'האָט הנאה דערפון.

און דאָ ביי די א חופה, איז דאָך דער כלל ביז היינט אַז איינער פאַרלירט און איינער געווינט. דאָס מיינט: איינער האָט הנאה און איינער האָט שברון לב. הייסט דאָס אַז איין העלפט פון די באַפעלקערונג קען זיכער נישט מאַכן דערויף קיין ברכה. און הגם די צווייטע העלפט באַפעלקערונג האָט יאָ הנאה דערפון און קען, לכאורה, יאָ מאַכן אַ ברכה. דאָך קען אויך די הנאה'דיגע העלפט נישט מאַכן אַ ברכה. ווייל מיר האָבן אַ כלל פון "לא פלוג". ס'הייסט: איך מאַך נישט קיין חילוק, און וויבאַלד איין האַלב קען נישט מאַכן אַ ברכה קען די צווייטע האַלב אויך נישט מאַכן אַ ברכה. ווייל ס'נישט שכל'דיג אַז אויף אַזאַך וואָס איין העלפט כלל ישראל קען נישט מאַכן אַ ברכה, זאָל אַ צווייטע העלפט יאָ קענען. דאָ קען מען מוסיף זיין, אַז אפשר זאָל מען זאָגן אַז דאָרט וואו די פּראָצענט-זאַץ פון פאַרלירער און געווינער טיילט זיך איין ממש אויף האַלב, מחצה על מחצה, דאַן וועט מען טאַקע נישט מאַכן אַ ברכה. ווייל ווער זאָגט אַז די העלפט וואָס האָט הנאה איז גובר, אפשר איז גאָר די העלפט וואָס האָט נישט קיין הנאה גובר.

דאָס האָט אָבער אַ פירכא. ווייל מיר ווייסן דאָך פון דער פאַרגאַנגנהייט אַז אויך דאָרט וואו ס'איז געווען אַ קלאָרער געוואונס, איז דאָס נישט געווען דער ווילן פונעם רוב באַפעלקערונג. פונקט ווי ביי די וואלן פארשטייט יעדער אז רוב בירגער בלייבן אינדערהיים, אזוי אויך ביי חופות טראָץ ס'איז טאקע א קלענערע ציבור פארזאמלט קומען זיי אלע שפעטער צו קריכן ביי די סעודה. ווי איך וועל תיכף ומיד מסביר זיין מיינע ווערטער. וממילא קען מען שוין נישט מעסטן די הנאה פונעם רוב לויט'ן געווינס.

און ווי קען מען פאַרגעסן פון דעם באַקאַנטן וואָרט וואָס איז גענוצט געוואָרן צווישן די סוחרים אין לאָדזשער מאַרק: אח לא פדה יפדה, אַז יענער האָט נישט געלייזט, הייסט עס אויך געלייזט. דאָס הייסט: אפילו איך האָב נישט געמאַכט קיין געשעפט, נישט פאַרדינט



אויפ'ן מאַרק. דאָך בין איך צופרידן, ווייל די אַנדערע סוחרים האָבן דאָך אויך נישט געלייזט... ביי חופות מאַכט זיך אָפּט, אַז אויך ווען איינער געווינט, האָט דער פאַרלירער הנאה. ווייל דער זיגער האָט זיך איינגערעדט אַז ער וועט עס מאַכן מיט אַ לענדסלייד, ער וועט האָבן אַכציג פּראָצענט פון די חופות. למעשה האָט ער געהאַט נאָר פינף און זיבעציג פּראָצענט. ס'הייסט: דער זיג איז נישט אַזוי גרויס ווי מען האָט געמיינט, און דער פאַרלירער טרייסט זיך מיט דעם פינף פּראָצענטיגן דורכפאַל...

און צווישן די זיידעס גערעדט, אפילו איין זיידע באקומט א ברכה און דעם אנדערן איז נעבעך באשעהר'ט נישט צו באקומען קיין שום ברכה אונטער די חופה, געפינט מען נאך א טרייסט אז כאטש האט דער אנדערער נישט באקומען ברכה אחריתא...

הייסט עס אַז אפילו ווען איינער פאַרלירט און איינער געוואונט, קען מען מאַכן אַ ברכה, אָדער צוליב'ן כשם שמברך, אָדער ווייל דער פאַרלירער האָט אַ זיג פון פינף פּראָצענט. אָבער לויט ווי מיר שמועסן איצט, דאַרף מען צו דעם נישט צוקומען, ווייל ווי מיר שמועסן, האָבן ביידע לאַגערן הנאה.

הקיצור: וואָס פאַראַ ברכה דאַרף מען מאַכן? לכאורה וואָלט מען גדאַרפט מאַכן אַ בורא פרי העץ. ווייל חופות איז זייער שטאַרק ענליך צו אַ בוים: ס'ליגט אַריינגעשטעקט אין דער ערד; כדי ס'זאָל וואַקסן מוז מען עפּעס קודם באַגראָבן; אויך איז עס גלייך צו אַ בוים וואס וואונטוריסטן גלייכן צו קריכן דערויף, אדער ווי די גמרא זאָגט הרוצה לשקר יתלה באילן גדול, און דאָס איז דאָך די פאַך און "ספּעציאַליטעט" און לויט דעם דרייעט זיך די כיבודים צווישן די פיר שטאנגען.

אַן אַנדערער וועט זאָגן אַ סברה אַז מ'דאַרף ענדערש מאַכן "נפשות רבות וחסרונן...", זינט די גאנצע שאלה דרייט זיך ארום נפשות וואס פעלן... א גרויס טייל פוסקים שטייען אוועק דערפון נישט וועלנדיג אז דער חופה זאל אריינפאלן אין די מחלוקת צו מען זאל מאכן אויף חופות א ברכות מזונות אדער המוציא, דעריבער נעמען אסאך פוסקים אן צו זאגן אונטער די חופה די ברכת המזון וואס פירט אויס "ה' יברך את עמו ישראל בשלום". ואנו אין נוהגין כן.

אָבער מיט אַ ניכטערן בליק און אלס א נייע זיידע אין די חופה סומאטאכע, לאזט זיך קלערן אז אפילו מען פסק'נט אז מען טאר בכלל נישט נעמען א ברכה אונטער די חופה, אבער אלס אסור ליהנות מעולם בלא ברכה קען מען שטילערהייט פאר זיך מאכן די ברכה 'הנותן לשכוי בינה' זאל כאטש דער הינדעלע הנאה האבן פון דעם וואונדערליכן בריאה וואס רופט זיך בינה!

האָט מיר אַלע אַ פרייליכן פורים און אַ פרייליכן תמיד.

# ווילאַנג קען מען ווייזן מיט'ן פינגער?!...

## 1

דער אנהייב פון דער געשיכטע ציהט זיך מיט ארום העכער 50 יאר צוריק, ווען א וויסנשאפטליכער מיט'ן נאמען 'פראפעסאר סמיט' האט אַריינגעבלאָדזשעט מיט זיין סטעישאן וואגאן אין א קליין אידיש שטעטעלע.

פארשטייט זיך אַז ער איז תיכף אפגעשטעלט געווארן דורך א גרופע שווארץ געקליידעטע. געמיינט האט ער צוערשט אז דאס איז א 'בלעק-לייוו-מעטטער' פארכאפונג און קינדנעפינג, אבער ער האט זיך שנעל אָריענטירט און מיט אַ וויסנשאַפטליכע חשבון האָט ער שנעל אויסגערעכנט אַז ביז די 'בלעק לייוו' עפאכע האט ער נאך א קנאַפּע פופציג יאר צוגיין.

הקיצור, אן קיין צייט פאר חשבונות האט מען זיך גענומען איבער אים, געווארפן א קאפל איבער'ן הוילן קאָפּ, געמאכט 'יעמוד', און אריינגעפירט מיט גרויס שמחה אין א נאנטע סינאַגאָגע. דארט האט מען אנגעהויבן קאמיוניקירן מיט אים דורך סימנים. יעדער צייגט און ברומט מיט'ן פינגער, ער האט נאך אזוינס נישט בייגעוואוינט.

א ווייז אהער, א ווינק אהין, און עס קומט צופארן א סעלצער באטל...

דאָס איז אייגנטליך אַ טעכניק וואָס דערונטער פלאָגן זיך די גרעסטע קאַרפּן קעפּ פון די ווייטסטע איוניווערזיטעטן, פון מיסיסיפּי ביז כינע-וואהאן.

מיט וואספארא סארט 'וועיוו'ס' ארבעט דאָס? איז דאס באגלייט מיט מאגנאטישע כוחות?

און ווי וואונדערליך; די טעכניק איז געוועגליך גאר אין באנוץ בשעת די וואס באַנוצן זיך דערמיט פארמאגן נישט אויף זיך קיין שום עלעקטריק דעווייסעס. הפלא ופלא!

מיט זיין 'איינשטיין' קעפל האט ער נאך א האלבע שעה רמזים ענדליך געכאפט אז ער איז דא פארכאפט אזוי לאנג ווי די ארומיגע מאסן וועלן זיין הייס. האט ער געדרוקט דאָס קנעפּל אויפ'ן גרויסן עיר קאנדישאן און דאַן אנגעהויבן שפּאנען זייט וועגס אַרויס, ווען ער זעט אז ער איז ווירקליך באפרייט.

אַצינד האָט זיך אים ווירקליך אויסגעצאלט די יארן לאנגע אַקאַדעמישע יארן צו כאפן טיפע חשבונות און אזוי געווינען זיין באפרייאונג.

געבליבן איז ער זיך וואונדערן וויפיל יארן אַקאַדעמישע שטודירונגען און פארשונגען זיינע פארכאפער זענען געזעסן, צו קענען 'רעדן' אזוי פליסיג, וואס ער האט קוים געקענט מיטהאַלטן.



## 2

דארט ביים זייטיגן טישל זעט ער א גרופע פון די פארכאפער זיצן, יעדער אין זיין טעלער. זיי זיצן אלע ארום א קליינעם שווים באסיין פון ווייסע פישלעך, מיט אזוינע סארט לענגלעכדיגע קיכן וואס מען טובל'ט יעדע איינס ש"י טבילות בעפאָר'ן דאס פלאצירן צווישן די וואָנצן מיט'ן בארדע.

וואס האט אבער געכאפט זיין אויג, אַלס אַ וועלטס וואונדער וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרענטפערן, איז די וועג וויאַזוי דאָס גאנצע טיש, אויסער די טעלערס, זענען וואונדערליך געפארן פון איינעם צום צווייטן.

ער האט נאך אריינגעכאפט צו באמערקן אז דאס ארבעט מיט א געוויסע 'וועיוו', לויט די הענט באוועגונגען. די אָנוועזנדע צייגן אָן מיט'ן פינגער אהין און אהער און לויט דעם קומט צו פארן גרויסע טעצער פון קוגלען, פליישן, סעלצער, טרויבן זאפט, מבשר ודגים וכל מדענים, מיט א געניעם סיסטעם.

## 3

נאָכ'ן זיך אַרויסבאקומען פון דעם אָרט האָט פראפעסאר סמיט פארשפרייט אין אלע צייטונגען און מאַגאַזינען, און אין אַלע וויסנשאַפטליכע, אַקאַדעמישע, ליטעראַטורישע, הומאַריסטישע אויסגאַבעס, איבער אַ נייע עלעקטערישע קראַפט וואָס ער פאָרשט.

סמיט האָט געבעטן פאר נאָך אַנדערע מומחים אין דעם געביט, אַז זיי זאָלן קומען אים ארויסהעלפן מיט די שטודיעס, זיך צו דערגרינטעווען אין די העכערע גייסטישע מיסטישע כוחות, וואָס זאָל ענדגילטיג האָפנטליך ברענגען פאר דער מאָדערנער וועלט א נייע ארכילאגישע אויפטרעף וואס וועט אלעמען באגייסטערן.

סמיט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שטאָל - אייזערנע גלויבונג אז די דאָזיגע ערפינדונג וועט אן קיין צווייפל דערמאנען זיין נאמען צום גוטן אין לאנגע יארן ארום.

מיט גרויסע 'באָורדס' האט ער געעפענט זיין ערשטע סעסיע, וואו ער האט דארט אויסגעמאלן א צייכענונג מיט ציפערן און דייעגראמען צו יעדע ריכטונג, צו געבן פאר זיין צוהערער א

נענטערע געפיל, מיטצוהאלטן דאס וואס ער האט געזען מיט די אייגענע אויגן.

"איך וועל אייך צום אנהייב געבן מיטצוהאלטן וויאזוי א 'סעלצער באָטל' האט געמאכט איר רייזע און מאדנע טאנץ אויף אלע ריכטונגען. שפעטער וועלן מיר דאס אויסברייטערן צו די אנדערע אטטאמען וואס האבן גענומען א טייל אין די מיסטעריעזע געלויף לויט האנט שאקלונגען אין פינגער געווייזעכצער".

# 4

די אחשתרנים זיצן נאָך דאָרט און קראַצן זיך נאָך די הוילע קעפ, זיך עלטערנדיג זיך אין פריידן, שוין היינט זייענדיג מיט פופציג יאר עלטער... אבער אן קיין ערנסטע פארשריט אין די סודות'פולע וועלט וואס מיר דער מבחר העמים קענען אזוי פונדערנאנט.

אויב פראפעסאר סמיט וואונדערט זיך איבער די רייזע פון א סעלצער באטל ביי א געוועגליכע קידושא רבא, וואס וואלט ער געזאגט ווען ער זאל ווען מיטהאלטן אז 'ווייזן מיטן פינגער' טראגט ביי אונז אזא חשיבות ביז'ן ארויפזעצן די ווערטער אויף א באקוועמען ניגון אז ס'זאל 'פארן' געשמאַקער?! און דאס וועט טאקע געזינגען ביי לענגערע נסיעות מעבר לים... און אויך ביי חתונות ווען דער דומה למלך פארט אינדערהייעך.

די 'פינגערלאזע פסיכאזע' (ווי מיר וועלן דאס רופן בקיצור...) האט זיך שוין היינט אריינגערוקט אויך אין די עקאנאמישע אנגעלעגהייטן. אזש עס טוט איבערווארפן אלע אויפטואונגען פון די היינטיגע מאדערנע וועלט, און טוט איבערפארן דעם 'עי איי' טעכניק וואס שטאמט ממקור הטומאה אַליין, בשעת די פינגער'לאזע פסיכאזע ארבעט ווירקזאם 'אן קיין שום פארבינדונג צו סיי וועלכע מכשירים, דעווייסעס, נעט, ווייערס'! מען ברויך נישט דערפאר קיין 'ווי פיי', ניטאמאל א געניץ! מ'ברויך בלויז א צייג מיט'ן אגודל און מען טרעפט זיך אין אנדערן עק שטאט...

האט איר שוין אמאל געטראפן א פינגער אין קאַלט וואסער...? ש'מעגליך, ווער לייגט דען א פינגער אין קאלט וואסער... אויב לייגט מען א פינגער איז דאס אנצוקומען צו ווארימע וואסער אין די מקוואות, דארט זעט מען א שורה פון גרויס ביז קליין שטייען איינצייגווייז מיט בבוקר'טע פיאות און יעדער וואַרט געדולדיג צו קענען לייגן א פינגער...

# 5

דער פראפעסאר סמיט האט דאָס ערשטע מאָל געהאַט גרויס מזל אז ער איז נישט אריינגעפארן אין א וואָכנטאָג, וואָס וואלט אים געוויס אריינגעווארפן אין טראומע.

אָבער נישט וואוסנדיג פון גאָרנישט, איבער זיין רעזיקאלישן באשלוס האָט ער - נאך פופציג יאר זיך קראצן דעם קאפ איבער ווי אזוי א סעלצער באטל שפאצירט און רייזט אפ ווייטע שטרעקעס - אַצינד אפגעמאכט נאכאמאל אריינצופארן נעבן יענעם ערשטן מיסטעריע וואָס האָט זיך בשעתו אויסגעשפילט.

ער האט נישט געדארפט מער ווי אנקומען ביי יענעם ווינקל. דארט ביים שרעקעדיגן אינטערסעקשאן ווען אויפ'ן צינג ליגט אים שוין די ווערטער 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה', פארשטייט זיך בלשון העמים, ווען דער סמיט טרעפט זיך נאָכאַמאָל מיט פילע געשטראַנדעטע יונגע מענער וועלכע צייגן אים דעם אגודל.

א בטעות'דיגע ברעיק אויפ'ן גאַז פעדיל און זיינע סטעישאן וואגאן טירן צושיידן זיך איינצייגווייז. יעדע טיר נעמט פאזיציעס אויף אנדערע ריכטונגען און מען צייגט אים (שוין ווידער מיטן פינגער...) אז מען איז גרייט פאר דאָס קומענדיגע, אנצוהייבן פארן ווייטער.

מיט שרעק טוט אַצינד מר. סמיט אויספאָלגן אלע פינגער אָנווייזונגען. ער לאזט זיין סטעישאן וואגאן זיך גליטשן איבער די פאטהאלל אנגעלייגטע גאַסן, ווען ביי יעדע פאטהאל פאלט ארויס א פרישן אורח און פארגעסט אים נישט צו באדאנקען מיט א פינגער ווייז.

דאָס לאזט אים איבער ערשטוינט, מיט פילע יארן שטודיע און באנייעטע פארש אַרבעט, וואספארא סארט בייזע רוחות די שווארצע זענען אנגעבינדן...

דאַן הערט ער איינע פון די רייזענדע שרייט אים נאך.... "איר זענט א פארלוירענער"! "פארוואס"? פרעגט פראפעסאר סמיט צום טויט דערשראקן. "א געווינער זענט איר זיכער נישט"... "אייער לייסענס פלעיט'ס איז שוין הונדערט יאר אלט" מען קען עס נישט אויסליינען!!!

**א פריילכן פורים, גלהיטשט ווי שיכורים!**

## הרחב פיך ואמלאהו



**ווען ס'טוט וויי שרייט מען, אבער נישט אלעמאל ווען מ'שרייט טוט וויי...**

**קלוגע מענטשן זענען שטיל, אבער שטילע מענטשן מוזן נישט זיין קלוג...**

**א גרינגע זאך קומט אן שווער... (איינגעפאלן שבועות צווישן ברכו און כתר)**

**אויב דו שפירסט אז דו דארפסט איינעם טיפ'ן, זיי מוחל באצאל אים...**

**ווילסט נישט מ'זאל טון אנדערש ווי דו הייסט? הייס נישט...**

**די וועלט שטייט נישט אויף דיר, קוים וואס דו שטייסט אויף די וועלט....**



# אנווייזונגען און דעטאלן וויאזוי צו רופן אן עלעוועיטאר!

**אין ליכט פון נייע וואלקנקראצער געביידעס מיט עלעוועיטארס אין קרית יואל**

## ווען איר זענט רואיג און איר קומט אן צום עלעוועיטאר:

1. דרוקט דעם עלעוועיטאר קנעפל,
2. שפילט אייך מיט אייער טעלעפאן,
3. קוקט איבער די פאסט,
4. גייט אריין אינעם עלעוועיטאר,
5. דרוקט די שטאק ווי איר דארפט אנקומען,
6. ליינט אפ די סעיפטי אינסטרוקציעס (וואס איר האט שוין טויזנט מאל געליינט),
7. באגריסט אייער שכן,
8. ווען די טיר עפנט זיך גייט אריין לחיים ולשלום.

## ווען איר זענט אביסל נערוועז ווען איר קומט אן צום עלעוועיטאר

1. דרוקט דעם עלעוועיטאר קנעפל,
2. דרוקט עס נאכאמאל,
3. נעמט ארויס אייער טעלעפאן פון טאש,
4. דרוקט נאכאמאל דעם קנעפל,
5. גייט אריין אינעם עלעוועיטאר,
6. דרוקט די נומער פון די שטאק וואו איר ווילט אנקומען,
7. דרוקט דעם קנעפל אז די טיר זאל זיך פארמאכן,
8. דרוקט עס נאך צוויי מאל,
9. קוקט אויף די שטאקן ווען עס קומט שוין אן,
10. שטייט גאר נאנט צו די טיר,
11. גייט ארויס לחיים ולשלום.

## ווען איר זענט שטארק נערוועז און איר קומט אן צום עלעוועיטאר

1. דרוקט זיבן מאל אין א צי דעם קנעפל,
2. דרוקט נאך זיבן מאל,
3. שאקלט מיט די רעכטע פיס בעת די לינקע בלייבט גראד,
4. ברומט אייך אונטער נא?!! (גענוג שטיל איר זאלט מיינען אז אייער שכן מיינט אז דו מיינסט אז עס איז שטיל),
5. אויב איז דא קינדער און געגנווארט שרייט אויף זיי,
6. גייט אריין אינעם עלעוועיטאר,
7. דרוקט דעם קנעפל די טיר זאל זיך פארמאכן,
8. דרוקט נאך צוויי מאל,
9. דאן כאפט איר זיך אז איר האט נאכנישט אריינגעלייגט די שטאק נומער,
10. דרוקט עס,
11. ווען דער עלעוועיטאר שטעלט זיךביי יעדע שטאק זאלט איר שוימען אויף די קינדער וואס האבן געדרוקט אלע,
12. שטייט גאר נאנט צו די טיר,
13. גייט ארויס לחיים ולשלום!

# אינהאלט

| | |
|---|---|
| גאסט עדיטאריעל | 28 |
| דבי מדרשא | 52 |
| משמרת חומותינו | 60 |
| א בליק אויף צוריק | 64 |
| שריפטן צום וואכנשריפט | 66 |
| דברי תורה ויראה | 68 |
| הארצרייסנדע שילדערונגען פון הונטער די תפיסה גראטעס | 72 |
| שאלת חכם | 80 |
| זמני בית הוראה | 82 |
| לוח הלימודים זכרון תורת משה | 83 |
| בילדער זייטן | 84 |
| כותלי בית המדרש | 100 |
| לאקאלע באריכטן | 102 |
| פורימשפּיל | 107 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 119 |
| וועטער פון קרית יואל | 119 |



# קרית יואל וואכנשריפט

KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949

845-774-6234

845-501-0246

אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com

נייעס:
News@kyweekly.com

בריוון:
Letters@kyweekly.com

מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג - פורים |
|---|---|---|
| רעגן 43/32 | רעגן 46/29 | זוניג 46/29 |

## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 6:57 | 9:22 | 8:25 |










































בס"ד
וַיָּשֶׂם כֶּתֶר מַלְכוּת בְּרֹאשָׁהּ
א פארמאסי מיט א
קעניגליכע עקספיריענס!
RegionRX
PROFESSIONAL & CONVENIENT
א פרייליכן פורים!
שמואל יוסף זאלדאן
845.775.4175
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS
Hours:
Sun-Thu: 9am to 8pm
Fri: 9am to 1.5 hours
before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס
MGM HelloMGM.com